STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03345

TSVISHN YO! UN NEYN!

O. Rapoport

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראַפּאָפּאָרט

צווישן יאָ! און ניין!

קריטיק און עסיי

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע 1937

Printed in Poland

O. R A P O P O R T

CWISZEN JO UN NAJN

(Zbiór artykułów)

Wydawnictwo Ch. B r z o z a

W a r s z a w a 1 9 3 7

Druk. „Grafia“, W.-wa, Nowolipki 7, tel. 11.87-52

1.

דוד בערגעלסאָן

„מידת הדין"

די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס האָט אַזוי מעכטיק אַריינגעדונערט אין לעבן פון גרעסטן יידישן קבוץ, האָט נישט געפונען קיין געהעריקן אָפּקלאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור. אונזער ליטעראַטור האָט זיך נישט אָפּגערופן אויף איר נישט פון ריין־מענטשלעכן, נישט פון יידיש־מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. די רעוואָלוציע, אַלס טעמע, אַלס אַ ריי אויסערלעכע מאָמענטן, האָט געפונען אַ מער אָדער ווייניקער עפּיזאָדישע פאַרווענדונג אין נאָוועלן און אפילו ראָמאַנען. מיר האָבן אָבער נישט קיין ווערק, ווו די רעוואָלוציע, אַלס הויפּט־העלד, זאָל שפּילן אַ ראָל, וואָס איז פּאַסיק פאַר איר, ווו זי זאָל זיך פאַנאַנדערוויקלען אין אַ ברייטן לייוונט מיט אַ טיפער פערספּעקטיוו...

און דעריבער האָט בערגעלסאָנס ראָמאַן „מידת הדין" געוועקט האָפענונג. איז דאָך בערגעלסאָן נישט נאָר דער גרעסטער פּראָזע־מייסטער אין דער יידישער נייער ליטעראַטור, נאָר אויך דער יעניקער, וואָס האָט דער ערשטער צעבראָכן די ענגע גרענעצן פון שטייגער־מאָלעריי און האָט מיט אַ שעפערישער האַנט עפּעס אויסגעפורעמט („נאָך אַלעמען") אין כאַאָס פון אונזער ווירקלעכקייט. אפשר וועט ער אויך איצט זיין דער ערשטער, וואָס וועט שאַפן אין אונזער ליטעראַטור דעם ערשטן פעסטן פונקט אין נעפּלדיקן כאַאָס פון דער רעוואָלוציע־ווירקלעכקייט?

אָבער בערגעלסאָנס „מידת הדין" האָט אָפּגענאַרט די האָפענונגען. און נישט אין איין פּרט, אין איין דימענזיע, אַזוי צו זאָגן, נאָר כמעט אין אַלע. בערגעלסאָן האָט זיך נישט

געוועגדט מיטן פּנים צו דער רעוואָלוציע, נאָר ער האָט די רעוואָלוציע אַוועקגעפירט אין שטעטל. דאָס וואָלט נאָך אָבער נישט געוועגן קיין גרויסער חסרון: אויף יעדן פּראָנט קאָן די רעוואָלוציע פאַנאַנדערגעוויקלט ווערן אין איר אמתן פּאַרנעם. די צרה איז, וואָס ער האָט זי פאַרשטעטלט.

* *
*

קודם כל וועגן דער פאָרם, דעם סטיל. בערגעלסאָן האָט אַוועקגעפירט די רעוואָלוציע אין שטעטל, אין געענדערטן שטעטל פון דער רעוואָלוציע, און פאַרבליבן ביי זיין בנעימות-דיקן, מיט קליינטשיקע קנייטשעלעך אויסגעבעטן סטיל. דער דאָזיקער סטיל, וואָס איז אַזוי צוגעפּאַסט פאַרן פאַרשלאָפענעם שטעטל פון פאַר דער רעוואָלוציע, אַזוי צוגעפּאַסט דאַן, ווען מען פאַרנעמט זיך מיט קליינקוסט, איז לחלוטין נישט צוגעפּאַסט צו אַ ראָמאַן מיט דער רעוואָלוציע אַלס הויפּט-העלד. דאָס איז נישט בלויז קיין פאָרם-פעלער, ווייל דער אינהאַלט רייסט תמיד מיט די שפּראַך-פאָרם אין זיין שטייגן און אין זיין זינקען. איינער פון די בולטסטע ביישפּילן אין דאָזיקן פּרט איז אַלעקסאַנדער בלאָק. דער קאָנטראַסט צווישן דעם דיכטער פון דער „שיינער דאַמע" און דעם דיכטער פון „צוועלף" איז אַזוי געוואַלדיק, ווי דער קאָנטראַסט צווישן דעם רוסלאַנד פון ניקאָלאַי II און דעם רוסלאַנד פון אָקטאָבער. איז דען מעגלעך צו גלויבן, אַז דאָס איז בלויז אַ פראגע פון פאָרם, אַז ווען נישט די דאָזיקע פאָרם-ענדערונגען, וואָלט בלאָק געוועזן אויסגעדריקט זיין געענדערט וועזן, זיין געענדערט קינסטלעריש באַוווסטזיין אין דער אַלטער פאָרם פון דער שיינער דאַמע? זיכער נישט! דאָס טיף-געענדערטע באַוווסטזיין פון אַלעקסאַנדער בלאָק דעם דיכטער האָט דורכגעבראָכן זיין אויסגעפורעמטע קינסטלערישע הילע און זי צוגעפּאַסט צום נייעם אינהאַלט. צוטרעטן אַריינצוגיסן אַ נייעם אינהאַלט אין דער אַלטער פאָרם קאָן מען נאָר דאַן, ווען עס קומט נישט פאָר קיין אינערלעכער אויסברוך, נאָר מען טרעט צו דערצו פון אויסן, ווי

אַ זייטיקער. פון אַזאַ צוגאַנג קאָן קיין גוטס נישט אַרויסקומען. דער קינסטלער איז געבליבן דער זעלבער און ער מוז אָנטאָן געוואַלט דעם נייעם אינהאַלט, וועלכן ער נעמט פון אויסן, ווי אַ טויטן אָביעקט. און די בערגעלסאָנישע גוט־באַקאַנטע, פאַר זיינע פריערדיקע ווערק אויסגעצייכנטע פאָרם, איז דער ערשטער קרוין־עדות פאַר בערגעלסאָנס אויסערלעכן צוגאַנג צו דער רעוואָלוציע. ס'איז אינטערעסאַנט, ווי אומגעדולדיק זי מאַכט, די דאָזיקע פאָרם, וועלכע מען שפּירט די גאַנצע צייט אַלס פרעמד־קערפּער, אַלס ענגע אויסגעוואַקסענע קליידער.

* *
*

ווי עס זאָגט עדות דער נאָמען, האָט בערגעלסאָן זיך ברייט פאַרגאַסטן. ער וויל געבן דעם „מידת הדין" פון דער רעוואָלוציע. דער מאָמענט פון מידת־הדין אין דער רעוואָלוציע איז אוודאי דער דערשיטערנדיקסטער און טראַגישסטער, ער פאַרנעמט דעם גרעסטן אָרט אין איר. האָט אָבער בערגעלסאָן געגעבן דעם דאָזיקן מידת־הדין? זעען מיר אים דען אין זיין שרעקלעכקייט, אין זיין טראַגישקייט, זיין אומפאַרמיידלעכקייט און דערהויבנקייט?

כל־זמן בערגעלסאָן באַגנוגנט זיך מיט קליינקונסט, מיט טיילבילדער פון אַ שנואל וואָלציס, פון זיין ווייב, בכלל פון די שטעטלשע יידן, איז ער קינסטלעריש, שעפעריש, מיר זעען זיינע מענטשן, מיר שפּירן זייערע איבערלעבונגען. מיר זענען אין רעכטן מיטן פון אַ פאַרוואָרפן שטעטל אין אַן אָפן פעלד, איבער וועלכן עס ווייען דורך די שטאַרקע, אָבער צוליבן ווייטן שטח אָפּגעשוואַכטע ווינטן. אָבער ווי נאָר די דאָזיקע איינצל־מענטשן און איינצל־שטימונגען קומען אין באַרירונג מיטן „מידת־הדין", מיט דער עיקר־טעמע, ווי נאָר זיי דאַרפן אויפ־בויען איין גאַנצעס, ווערן זיי נישט־ממשותדיק, זיי נעמען צע־רונען ווערן, פאַרלירן זייערע פעסטע קאָנטורן, ווערן איבעריק.

לאָמיר נעמען עטלעכע נעבן־ביישפּילן, איידער מיר גייען איבער צו די עיקרדיקע. אָט איז דער דאָקטאָר באַביצקי. פאַר

זיך גופא, ווען מען טיילט אים אויס פון ראָמאַן אַלס גאַנצן, איז ער זייער גוט געצייכנט. מיר זעען אים מיט אַ גאַנץ היפשן טייל פון זיינע קנייטשעלעך, צי וועט אָבער עמיצער אויף אַן אמת זיך לאָזן איינרעדן, אַז זיין וויזיט אין קאַמינאָ-באַלקע, צום קראַנקן פיליפּאָוו, איז אַ נויטיקער מאָמענט פאַרן ראָמאַן, אפילו אין דער מינימאַלסטער מאָס? ער שלעפּט דעם דאָקטאָר באַביצקי קיין קאַמינאָ-באַלקע אומנויטיקערהייט (ווי ער שלעפּט דאָס גאַנצע גוט-געשילדערטע שטעטל געצוווּנגענערהייט קיין קאַמינאָ-באַלקע), ווייל בערגעלסאָן שפּירט אָפּט די ליידיקייט אין זיין ראָמאַן, ער שפּירט די פאַרשלאָפנקייט, וואָס פּאַסט פאַר דעם שטעטל אָבער נישט פאַר זיין טעמע, און ער באַמיט זיך צו מאַכן אַ גערודער. ער שיקט נאָך באַביצקין אַ פור, וואָס ברענגט אים קיין קאַמינאָ-באַלקע, ער קראַצט אויס אַ פּיניע ווייל, ער דרייט אַ ספּאָדעק מיט אַ יצר-הרע-דיקער בלאָנדער, וואָס האַלט אין איין ווינקען צום לייענער, אַז אָט-אָט ווערט זי די העלדין פון ראָמאַן, וואָס וועט עפּעס פאַרקניפּן אָדער אויסקניפּן און-גאָרנישט (אפילו דאָס קינד אירס מאַכט אַן איינדרוק פון אַ ליאַלקע, ווי דאָס קומט פאָר אין אַ שלעכטן פּראָווינץ-טעאַטער). אויך צו איר ברענגט מען דעם ד״ר באַביצקי מיט רמזים און סודות, וואָס קאָנען נייגיריק מאַכן בלויז אָנפאַנגער-לייענער. בכלל ווערן דאָס רוב אומזיניקע האַנדלונגען אָפּגעטאָן מיטן ד״ר באַביצקי. צו וועמען קומט פאַרן עסערישן „אויפשטאַנד״ סאָפיאַ פּאָקראָווסקאַיאַ, די אָנפירערין פון „אויפשטאַנד״? צו באַביצקין. און צו וואָס? אויב עמיץ קאָן געבן אַן ענטפער, זאָל ער געבן.

דאָס בוך האָט אַ צענטראַלע אידעע בלויז אין טיטל, אין נאָמען, וועלכן מען האָט אָנגעהאָנגען אויפן בוך פון דרויסן, ווי אַ צוגעמאַכטן שלאָס, און קיין שליסל צו אים גיט נישט דאָס בוך. דאָס בוך האָט נישט קיין צענטער און עס האָט נישט קיין אַקציע. בערגעלסאָן האָט געוואָלט געבן אַ גרויסן שאָס פון אַ רעוואָלוציאָנערן האַרמאַט: מידת-הדין, אָבער קיין פּולווער און קיין קוילן האָט ער נישט צוגעגרייט — האָט

ער געשאָסן אויף פוסט. דער רעזולטאַט: אַ רעש, אַ קליינער טומל און — פאַרלעגענע שמייכלען.

די דאָזיקע לויזע פאַרבינדונג פון די פּרטים און איינצעלנע עפּיזאָדן, די דאָזיקע עכטקייט פון די שטעטל-פּרטים און די אומזיניקייט און איבעריקייט פון די טעמע-פּרטים, דער דאָזיקער מאַנגל אין אַקציע — דאָס אַלץ וואָלט זיך לאָזן אויפווייזן אויף צענדליקער קלענערע און גרעסערע ביישפּילן ביי אַ גענויערן אַנאַליז פון דער ראָמאַן-קאָנסטרוקציע און פון די פּערסאָנאַזשן. איך וויל זיך אָבער איצט באַשרענקען און איבערגיין צו אַ פּאָר עיקרדיקערע ביישפּילן.

* *
*

פיליפּאָוו דאַרף זיין די הויפּט-פיגור פון ראָמאַן, דער פאַרקערפּערטער מידת-הדין. ער וואַרפט אָן אַן אימה אויף דעם שטעטל, וואַרפט אויף אים זיין ריזיקן שאָטן. און אויף וויפל דער דאָזיקער שאָטן איז אַן אייגנטום פון שטעטל, אויף וויפל דאָס שטעטל לעבט מיט אים אין זיינע שרעקן און געשטערטע האָפענונגען, אויף אַזויפיל דערגרייכט פיליפּאָוו זיין ציל. אָבער ווי נאָר ער פאַרלאָזט דעם תחום פון שטעטל, די יידישע מיילער און די יידישע שרעק — הערט פיליפּאָוו אויף צו זיין נישט נאָר אַ לעבעדיקע פּערזאָן — דאָס איז נישט אַזאַ בייז, ווייל ער קאָן און דאַרף אייגנטלעך זיין אַ סימבאָל פון צעוווּנדעטן, ריזיקן, צו זיך און צו אַנדערע שטרענגן זיגער׳שן אַרבעטער-קלאַס — נאָר ער ווערט ממש לעכערלעך. ווייל די דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם דאָזיקן סימבאָל און זיינע האַנדלונגען— די סצענע מיט די צונויפגערופענע יידישע פּורמאַנעס און אַנד.— איז שוין צו גרויס. בלויז איין מאָל בלייבט פיליפּאָוו געטריי אין דער פולער מאָס זיין סימבאָלישער באַדייטונג: ווען ער זוכט און געפינט דעם טויט פאַר דער זאַך, וועלכער ער דינט. פיליפּאָוו האָט זאָ איבערגעריסן די באַציאונגען מיט די אַרומיקע, וואָס דאָס פאָדערט האַנדלונגען פון אַ רעאַלער פּערזאָן און אַ האַנט פון אַ צילבאַוווסט-פּירגדיקן קינסטלער,

און איז געבליבן מיט זיך אַליין און מיט בערגעלסאָן דעם דיכטער. אָבער דער ביליקער אָון אָפּטמאָל ווי פון דאַך אַראָפּ־געפאַלענער „טשטאָ ווי, שוטיטע?" (וואָס מיינט איר, ס׳איז אַ שפּאַס?), דער ביליקער קעגנזאַץ פון פיליפּאָווס נישט־איבער־צייגנדיקער האַרטקייט און זיין נישט־איבערצייגנדיקער אָפּערעטן־גוטסקייט לגבי דער בלאָנדערס ליאַלקע (ער שיקט ביינאַכט קויפן פאַרן קינד מילך, ער טראָגט עס אַליין אויף דער האַנט פון גרעניץ, ווו ער כאַפּט די בלאָנדע) — ניין, דאָס פּאַסט זיך לגמרי נישט צו פיליפּאָווס פיגור, ווי זי וואָלט געדאַרפט אויס־געפירט ווערן.

דער קינסטלערישער און אידעאישער ווערט פונם ווערק ווערט באַזונדערס קלאָר אין דער פאַרקניפּונג פון פיליפּאָוו דעם באָלשעוויק מיט יוזי ספּיוואַק דעם עסער. פיליפּאָוו אַלס סימבאָל איז נישט נאָר שטרענג און האַרט, נישט נאָר ער איז מקריב זיין לעבן פאַר זיין זאַך, נאָר ער באַזיגט אויך מאָראַליש זיינע קעגנער. דעם דאָזיקן מאָראַלישן זיג פיליפּאָווס דאַרף פאַרקערפּערן יוזי ספּיוואַק.

יוזי ספּיוואַק איז אַן עסער, אַן אָנפירנדיקער חבר אין קאַמינע־באַלקער קרייז. מען כאַפּט אים אויף דער גרעניץ, מען אַרעסטירט אים און ער ווערט אַ באָלשעוויק. פאַרוואָס? געני רעדט נישט וועגן דעם נישט דער מחבר און נישט יוזי ספּיוואַק. אָבער בערגעלסאָן שילדערט דעם דאָזיקן איבערברוך אין יוזי ספּיוואַקן. צו וואָס דאַרף בערגעלסאָן לאַנג רעדן, ווייזן אונז יוזי ספּיוואַקס איבערלעבונגען ביים פּלוצלונגן פאַרלאָזן זיינע נאַרוואָסיקע חברים, זיין נאַרוואָסיקע שטעלונג צו די פּאָליטישע און עטישע פראַגן, אַז ער האָט אַ לייכטערן וועג: דורך איין קינסטלעריש בילד איבערצייגן אונז אין דעם אינערלעכן איבערקער פון אַ יוזי ספּיוואַק. און ער מאַכט עס אַזוי:

ביים פאַרהער פרעגט פיליפּאָוו ספּיוואַקן, צי ער איז אַן אַרבעטער. ספּיוואַק ווערט צעטומלט. עס פאַרבלייבט ביי אים אַ געפיל, אַז ער איז עמיצן שולדיק אַן ענטפער. עס שטעלט

זיך אַרויס, אַז די דאָזיקע פראַגע האָט מען אים שוין אַ סך מאָל געפרעגט, אָבער ער האָט אויף איר נישט געענטפערט, ווי מען ענטפערט נישט אויף דער פראַגע „צוליב וואָס לעבט מען ?" „מ'רעדט דאַן בעסער וועגן אַנדערע זאַכן — מער פריי־לעכע, וויניקער פרימיטיווע". ווי מען זעט האָט פיליפּאָווס פראַגע צי ער איז אַן אַרבעטער מוראַדיק צערודערט יוזין. יואָס הייסט: ער וויל העלפן די אַרבעטער? טאָ זאָל ער פריער ענטפערן אויף דער פראַגע, צי ער אַליין איז אַן אַרבעטער. אָבער אין אַ געוויסער צייט אַרום מוז מען אָנקומען צו יוזיס הילף ביים איבערבינדן פיליפּאָווס וווּנדן. ער גייט אַריין צו אים, ווען יענער שטייט איבער אַ שיסל און דריקט אויס די וווּנדן, פון וועלכע עס טריפט הייטער. און אָט, דאָ, ביים דאָזיקן אָנבליק פון דעם אַרבעטערס וווּנדן קומט ענדלעך יוזין צום באַוווּסטזיין דאָס, וואָס עס ליגט אים אויף דער נשמה זינט יענעם מאָמענט, ווען פיליפּאָוו האָט אים געפרעגט, צי ער איז אַן אַרבעטער. ער זאָגט פיליפּאָוון, ווי ער זאָל ערשט איצט ענטפערן אויף יענער פראַגע, אַז ער איז נישט קיין אַרבעטער. און ער ווערט אַ באָלשעוויק. דער אינטעליגענט (דער עסער) יוזי האָט דערזען דעם אַרבעטערס (דעם באָל־שעוויקס) וווּנדן און ער פילט, אַז ער, דער אינטעליגענט, האָט נישט קיין רעכט צו גיין אַנטקעגן אים, אַז דער אמת איז אין די דאָזיקע אַרבעטער־וווּנדן, באַקומענע אין די קוילן־שאַכטעס. איר האָט אין דער דאָזיקער איין סצענע סיי אַ „פאַרניכטנדיקן" אורטייל איבער דער אינטעליגענץ, סיי אַן אונטערטעניקן חניפה לגבי דעם אַרבעטער. נישט געקוקט אָבער אויף דעם, וואָס די דאָזיקע (אגב, קינסטלעריש זייער שטאַרקע סצענע) וווּנדן פיליפּאָווס מאַכן אַזאַ שטאַרקן רושם אויף יוזין, וואָס זיי פאַרמאָגן אין זיך, לויט בערגעלסאָנס קאָנצעפּציע, אַזאַ שפע פון אינהאַלט, — איז פונדעסטוועגן גאַנץ גוט, וואָס בערגעלסאָן פירט אַדורך די אָפּעראַציע איבער יוזין כמעט אין טיפסטן שווייגן, אונטער כלאָראָפאָרם, וואָרום אַנדערש וואָלט געשען איינס פון דאָס ביידע: אָדער יוזי וואָלט פּלוצלונג פּאַראַטן

בערגעלסאָנען (די סצענע מיט די ווונדן וואָלט אים טאַקע גערירט, אָבער... נישט פון אָרט) אָדער יוזי וואָלט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פוסטן, נאַרישן מענטשן. וואָרום וואָס מאַכט דאָ אַזאַ גרויסן רושם אויף יוזי ספּיוואַקן? דאָס וואָס פיליפּאָוו איז אַן אַרבעטער און ער, יוזי, נישט? וואָס ער, יוזי-אינטעליגענט, איז געזונט, און ער, פיליפּאָוו-באָלשעוויק, איז קראַנק? איז ער טאַקע, דער דאָזיקער עסערישער פירער, געווען אַזוי באַגרענעצט, אַז ער האָט פאַר בערגעלסאָנען נישט געוווסט דעם גרויסן סוד, אַז צווישן די עסערן געפינען זיך אינטעליגענטן און צווישן די באָלשעוויקעס אַרבעטער, און נאָך בערגעלסאָנען האָט ער נישט געוווסט דעם גרויסן סוד, אַז אויך צווישן די באָלשעוויקעס געפינען זיך אינטעליגענטן און צווישן די עסערן אַרבעטער? און אויך וועגן די ווונדן האָט ער דען נישט געוווסט, אַז עס זענען דאָ געזונטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און קראַנקע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענטן? עס קאָן טרעפן, אַז אַן עסער זאָל איבערגיין צו די באָלשעוויקעס און אויך פאַרקערט, אָבער דער קינסטלער מוז דאָ אַ ביסל טיפער פאַנאַנדערפּענען די גייסטיקע לאַבאָראַטאָריע פון זיינע העלדן. דערצו איז אָבער נויטיק, אַז דער קינסטלער גופא זאָל אַריינבליקן טיפער. און ווען מען לייענט דעם גאַנצן אָפּשניט וועגן עסערישן אויפשטאַנד, וואָס האָט קיין לייב און לעבן נישט, וואָס פאַרבינדט די עסערן מיט מערדערס און פּאָגראָמשטשיקעס,— ווען מען לייענט דעם דאָזיקן גאַנצן אָפּשניט, וואָס איז פּונקט אַזוי בייזווילִיק, ווי טאַלענטלאָז געשריבן, וווּנדערט מען זיך שוין נישט, וואָס יוזי ספּיוואַק ווערט אונטער כלאָראָפאָרם אָפּערירט, וואָס מען לאָזט אים נישט אויסרעדן קיין איין וואָרט, ווייל אין דאָזיקן פאַל וואָלט דאָך אָדער בערגעלסאָן דער דיכטער אָדער בערגעלסאָן דער מיטלויפער דיסקרעדיטירט געוואָרן. אויף ווי ווייט בערגעלסאָן האָט נישט געוווסט וואָס אָנצוהויבן מיטן דאָזיקן יוזי, איינעם פון די גייסטיקע הויפּטהעלדן פון ווערק, זאָגן עדות די געציילטע שטעלן, ווען בערגעלסאָן מוז שוין כאָטש עפּעס זאָגן וועגן אים. אָט, למשל, ווי

אַזוי בערגעלסאָן דערציילט וועגן יוזיס משפחה (וועגן אַ הויפּט־העלד הויבן אַלע שרייבערס אָן פון אַ פּאָר דורות פריער):

„דער טאַטעס מאַן — אַ קורצינקער, אַ קלוגיטשקער אַן אייביק־יונגיטשקער — האָט געלייענט מיט אַ זיידן קול אין דער תורה, געקאָנט דקדוק און בוכהאַלטעריע אויף יעדנפאַל. ער איז זייער יונג געשטאָרבן, איז געשטאָרבן אַ זיידן קול, וואָס לייענט אין דער תורה, אַ קענער, פון דקדוק און פון בוכהאַלטעריע אויף יעדנפאַל.

„דער זיידע איז געשטאָרבן זייער אַלט, איז געשטאָרבן אַ נישט־דערלאָדן לאָדעניש מיט אַ פּריץ, אַ קאַלטער שמייכל צו עולם־הזה און אַ ליבע צו גרויסער היץ ביים דאַווענען און צו „יענער וועלט". „די יידענע איז געשטאָרבן, איז געשטאָרבן אַ באַרעדעוודיק מויל, וואָס איז פול מיט לשון־קודשדיקע פסוקים, אַן ענערגיע אויף אָנצוהויבן אין די מיטעלע יאָרן זיך לערנען אויף אַקושערקע."

ליגט דען נישט אויף אָט אַזוינע שטעלן דער בולטער שטעמפּל פון אָנמעכטיקער מאַניער?

* * *

ווען מען טרעט צו אָפּשאַצן בערגעלסאָנס אַ גרויס ווערק, קאָנען מיר נישט צוגיין צו אים מיט דער קליינינקער מאָס: צי קאָן בערגעלסאָן שרייבן? צי האָט ער קינסטלערישע שטעלן? די דאָזיקע מאָס איז אפילו נישט גענוג פאַר אַ שטאַרק־טאַלענטירטן אָנפאַנגער, בפרט פאַר אַ בערגעלסאָן. געוויס איז בערגעלסאָן אויך אין דאָזיקן ווערק אַ גרויסער פּראָזע־מייסטער; געוויס האָט ער אויך דאָ שטעלן און פּערזאָנען פון גרויסער קינסטלערישער קראַפט*), אָבער ביי בערגעלסאָנען

*) אַ חוץ די אויבנאָנגעוויזענע, וויל איך דאָ נאָך אָנווייזן אויפן ייד ר' אהרן אין תפיסה. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז נישט נאָר אין שטעטל, נאָר אויך אין תפיסה איז דווקא דער פאָרשטייער פון אַלטן דור, וואָס דאַרף זיך דאָרט פילן צום פרעמדסטן, די גאַנצסטע געשטאַלט, די איבערצייגנדיקסטע און די שענסטע, נישט בעקוקט אויף דעם, וואָס ער איז אַ ספּעקולאַנט. אָט דאָס הייסט קינסטלערישע געפּאַנגענשאַפט ביים פּאַרטיקן.

מוזן מיר זוכן, ווי בײַ יעדן גרויסן קינסטלער, אַ שטאַרקן קאָנ־סטרוקטיוון חוט השדרה און אַ קלאָרן צענטראַלן אידעאישן קערן. און ווען מיר געפינען דאָס נישט, זאָגן מיר: דאָס ווערק טויג נישט, ס׳איז פאַרן קינסטלער אַ דורכפאַל. אויב מען פלעגט אַמאָל זאָגן בנוגע דער נאַטור, אַז זי פאַרטראָגט נישט קיין ליידיקייט, קאָן מען נאָך הײַנט זאָגן בנוגע דעם קינסט־לערישן שאַפן, אַז ער פאַרטראָגט נישט קיין אידעאישע און קינסטלערישע ליידיקייט. מען קאָן שיסן אויף פּוסט, אָבער טיעפן אין ציל קאָן מען נישט דערבײַ.

דאָס יידישע שטעטל אונטערן רעפלעקטאָר פון קלאַסנקאַמף

(„פּענעק“)

אַז בערגעלסאָן איז דער גרעסטער פּראָזע־מייסטער אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלן אפשר לייקענען בלויז געציילטע יידישע שרייבער, וואָס פאָדערן פאַר זיך אַליין דעמדאָזיקן טיטל; אַז בערגעלסאָן דער קינסטלער ווירקט ווי אַן אָאַזיס אין דעם מדבר פון דער יידישער פּראָזע, דערין קאָן זיך איבערצייגן יעדער איינער, וואָס וועט לייענען בערגעלסאָנס אַ ראָמאַן אָדער אַ באַנד נאָוועלן. און דאָך האָט בערגעלסאָנס בוך „ביים דניעפּר“ געווירקט אויף מיר ווי אַן איבערראַשונג: אַזאַ מאָנומענטאַל ווערק האָב איך שוין פון בערגעלסאָנען נישט דערוואַרט.

בערגעלסאָנס „אָפּגאַנג“, וואָס פאַרמאָגט זייטלעך פון אומפאַרגעסלעכער שיינקייט, האָט געטראָגן אין זיך אַלע שפּורן פון שפּעט־זומער־טעג, אין וועלכע עס דעררייפן די לעצטע פאַרשפּעטיקטע פרוכטן, אָבער קיין בליטן ברענגען זיי נישט מיט זיך. „אָפּגאַנג“, ווו בערגעלסאָנס געשטאַלטונגס־קראַפט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה, איז געבליבן אַ פראַגמענט, אַ גרויסאַרטיקער טאָרס. בערגעלסאָן, וואָס פאַרמאָגט געוויינלעך אַ זעלטענע ערלעכקייט אין זיין קינסטלערישן שאַפן, האָט נישט פרובירט מיט געוואַלד צו פאַרענדיקן דעם איבערגעריסענעם טאָן פון „אָפּגאַנג“. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז בערגעלסאָן האַלט ביי „נאָך אַלעמען“.

און פאַקטיש איז טאַקע אַזוי געווען. וואָס בערגעלסאָן

האָט געהאַט צו זאָגן אַ דאַנק זיין זעעריש אויג, האָט ער גע־זאָגט אין „אַרום וואָקזאַל", אין „נאָך אַלעמען", אין אַ ריי קלע־נערע זאַכן; אין „אָפּגאַנג" האָט בערגעלסאָן דערפילט, אַז ער וואַריאירט זיך אַליין און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זיין קינסטלערישן וועג.

ווער עס האָט אין יענע יאָרן געזען בערגעלסאָנען פּער־זענלעך, דער האָט געהאַט דעם אומצווייפלדיקן איינדרוק, אַז בערגעלסאָן לעבט איבער אַ קריזיס, אַז ער איז גייסטיק דעפּרי־מירט, ס'האָט געאָטעמט פון אים מיט פאַרלוירנקייט.

און דערמיט דערקלערט זיך טאַקע, וואָס בערגעלסאָן האָט זיך אַזוי קאָנוולסיוו אָנגעכאַפּט אָן דער רוסישער רעוואָלוציע, פון וועלכער ער איז אַזוי פרעמד געווען די גאַנצע צייט. ער האָט געזוכט אַן אינהאַלט, אַן אָנשפּאַר פאַר זיין טאַלאַנט, און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט, ווי אַ טרינקענדיקער, אָן ראַטנפאַרבאַנד.

דער ערשטער גרויסער פּרווו אַרויסצוראַטעווען זיין קינסטלערישן טאַלאַנט פונם בלינדן געסל, אין וועלכן עס איז פאַרשטופּט געוואָרן דורך דער מלחמה און דער רעוואָלוציע („מידת הדין"), איז בערגעלסאָנען נישט געלונגען. און ס'האָט זיך ווידער געדאַכט, אַז בערגעלסאָנס טאַלאַנט, וואָס שטראַלט אַזוי העל אין מאַנכע זייטלעך פון „מידת הדין", וועט שוין אין קיין גרויסער שאַפונג נישט געפינען קיין תיקון.

צום גליק איז דאָס געווען אַ טעות: בערגעלסאָנס קינסט־לערישער פאַרשטאָטענער קוואַל האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג. און ערשט איצט, ביים לייענען דעם ערשטען באַנד פונם ברייט־פאַרמאָסטענעם ווערק, קאָנען מיר האָבן אַ באַגריף, ווי רייסיק עס איז דער דאָזיקער קוואַל, אויב ער האָט זיך געקאָנט דורכ־שלאָגן אַזאַ וועג דורכן פון לאַנג שוין חרובן שטאָף פון יידישן שטעטל. אויב בערגעלסאָן האָט באַוויזן אַריינצוהויכן אַזאַ ליידנשאַפטלעך-יונגע נשמה אין יידישן שטעטל, באַווייזט דאָס בלויז, אַז זיין קאָנוולסיווער קלאַמערן זיך אין דער רו־סישער רעוואָלוציע איז ביי אַלע קאָמישע און ריין-אויסערלעכע זייטן אירע געווען אַן ערנסטע ראַנגלעניש פאַר אַן אינהאַלט.

און ווי מען זאָל נישט אָפּשאַצן בערגעלסאָנס פּובליציסטישע על־חטא־טעטיקייט, מוז מען באַגריסן דעם גרויסן קינסטלער, וואָס האָט סוף־כּל־סוף געפונען אַ וועג (נישט קיין ריין־אויסערלעכן, נאָר אַ טיף־אינערלעכן) צו פאַרווערטן אין אַ קינסטלעריש ווערק זיין נייע גייסטיקע אָריענטאַציע און שטימונג.

אין „מידת הדין" האָט בערגעלסאָן געוואָלט אילוסטרירן זיין נייע אָריענטאַציע דורך אַ נייער טעמע און נייע טיפּן — און דער לעבעדיקסטער מענטש, דער סימפּאַטישסטער אין גאַנצן בוך איז גראָד געווען דער יידישלעכער ייד, דער ספּעקוליאַנט, וואָס זיצט אין תּפיסה, ר' אהרן. דאָס האָט באַוויזן אַן איבעריק מאָל, אַז מען קען נישט מיט געוואַלד אָפּטרייסלען זיך פון דער טעמאַטישער סביבה, אין וועלכער מען איז פאַרוואָרצלט. ווען מען טרייבט די נאַטור דורך דער טיר, רייסט זי זיך אַריין דורך דעם פענסטער. און היות בערגעלסאָן האָט מיט געוואַלד געוואָלט שילדערן די נייע טיפּן, רעוואָלוציאָנערן און רויט־אַרמייער, איז אַרויסגעשפּרונגען אַ ביז גאָר געראָטענער ר' אהרן, וואָס האָט געדאַרפט זיין בלויז אַ צוגאָב, און טאַקע אַ נעגאַטיווער. די דאָזיקע לערע איז נישט געגאַנגען לאיבוד. בערגעלסאָן האָט באַשלאָסן אָנצווענדן אַן אַנדער מעטאָד, אַ מער אָרגאַנישן: ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין אַלטער טעמאַטישער סביבה, צום שטעטל. מער נישט, ער האָט אין דאָזיקן שטעטל אַריינגעלייגט זיין נייעם אינהאַלט, ער האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיין נייעם רעפלעקטאָר, דעם רעפלעקטאָר פון קלאַסן־קאַמף.

* *
*

פּענעק איז אַ גביריש קינד, אָבער די עלטערן — באַזונדערס די מוטער — האָבן אים פיינט. זיי פאַרשטויסן אים אין קיך, צווישן די „מענטשן", מיט וועלכע ער חברט זיך און לעבט זיך צונויף אינטים, מיט דער גאַנצער נשמה. פאַרשטויסן פון „הויז" — ווי מען רופט ר' מיכאל לעווינס שטוב, — ווענדט פּענעק זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף די הינטערגעסלעך.

ער פילט זיך אַלס זייעריקער. און די הינטערגעסלעך נעמען אים אויף אַלס אַן על־פּי־טעות פרעמדן. אמת, זיי קאָנען אים אָפּט נישט מוחל זיין זיין שייכות מיטן „הויז", דעם ראָסלפליישׂ, וועלכן ער כאַפּט דאָרט אַריין, זיי רופן אים „דאָס פּאַרדאָסט נגידל", אָרימע ייִנגלעך שעמען זיך מיט זיין נאָענטער חברשאַפט, טאָמער וועט מען זיי חושד זיין אין חניפה צום גבירישן קינד, — אָבער דאָס אַלץ זענען קלייניקייטן: פּענעק וואַקסט מער אין די הינטערגעסלעך, ווי אין הויז. פּענעק לעבט אין די ביידע וועלטן פון ייִדישן שטעטל און דורך זיינע אויגן, — וואָס זעען אַלץ, וואָס זאַפּן אַלץ אַריין אין זיך, — זעען מיר דאָס לעבן פון די דאָזיקע צוויי אומגלייכע העלפטן, זייערע קעגנזייטיקע רעאַציאונגען. דער הויפּט־העלד פון דאָזיקן ערשטן באַנד „ביים דניעפּר" זיינען פּענקעס אויגן. דורך זיי דערבליקן מיר די שאַרפע ליניע, וואָס איז אומפּאַרווישבאַר געצויגן צווישן דעם „הויז" און די הינטערגעסלעך. אין דעם איז דער גאַנצער אינ־האַלט און דער גאַנצער ווערט פון בערגעלסאָנס ווערק, — ווען מען לאָזט דערוויל אין אַ זייט די איינצעלנע פּערזאָנען און איבערלעבונגען, די קינסטלערישע אויספירונג און אויספילונג פון דער ראָמאַן־סכעמע.

די קלאַסישע שילדערונג פון ייִדישן שטעטל איז די אי־דילישע, דאָס שטעטל פון שלום אַש, געזען אין אַ סטיליזירטער פאָרם, דורך ראָמאַנטישע ברילן. דאָס שטעטל האָט געהערשט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַלס האַרמאָנישע גאַנצקייט, אַלס איינהייטלעך וועזן מיט איין נשמה. די דאָזיקע איין נשמה האָט טאַקע סיי אירע וואָכעדיקע, סיי אירע יום־טובדיקע מאָמענטן — אָבער אין ביידע פאַלן איז זי — איינס. אמת, אויך ביי שלום אַשן אין שטעטל איז דאָ אַ טיפער ריס צווישן צוויי באַפעל־קערונגס־טיילן: צווישן דער חברה דריי „פּייען" און די שיינע ייִדן, צווישן דעם שול־געסל און דעם קוילער־געסל. אָבער די דאָזיקע טיילונג איז אַן אָרגאַנישע, ד"ה אַזאַ, וואָס צעשטערט נישט די האַרמאָנישע גאַנצקייט פונם שטעטל; די טיילונג גופא איז אַ מין חן־גריבעלע אויפן לייטישן פּנים פונם ייִדישן שטעטל.

די דאָזיקע טיילונג גייט מיט דער פּסיכאָ־פיזישער ליניע פון יעדער אָרגאַנישער טיילונג: פון איין זייט שטייען די פיינע יידן, די גייסטיק־אויסגעוויקטע נשמות, און פון דער צווייטער — די פּראָסטע, מגושמדיקע, פיזיש־קרעפטיקע יונגען. געוויס, עס איז דאָ צווישן זיי אַן אַנטאַגאָניזם, אָבער נישט קיין קלאַסן־אַנטאַגאָניזם, ווייל דער פּראָנט פון די שיינע יידן נעמט אַרום סיי די אָרימע, סיי די רייכע בעלי־תורה, פּונקט ווי דער פּראָנט פון פיזישער גבורה און לעבנס־לוסט נעמט אַרום סיי די אָרימע קוילער־יונגען, סיי די רייכע קצבים. אַז די דאָזיקע טיילונג איז אַן אָרגאַנישע ווייזט דאָס, וואָס הגם די חברה דריי „פייען" חוזקן פון די אויסגעוויקטע יידן, פונדעסטוועגן אָנערקענען זיי פרייוויליק זייער העגעמאָניע.

אַנדערש איז אינם ניי־געשטאַלטיקטן שטעטל פון דוד בערגעלסאָן. דאָ גייט די ליניע פון צעטיילונג לויט אָרעם און רייך. צווישן לומדישן „הויז" און די לומדישע הינטערגעסלעך ציט זיך אַ שאַרפע קאַמפּס־ליניע, פּונקט ווי צווישן דעם אָרעמען בעל־תורה און דעם אָרעמען פּראָסטאַק ציט זיך אַ פאַרבינדונגס־פּאָדים. געוויס, בערגעלסאָן איז אַ צו גרויסער קינסטלער, ער זאָל שילדערן די דאָזיקע ליניעס אין זייער אידעאַלער, לעבנס־פרעמדער פאַרווירקלעכונג. איינער פון דער חברה דריי „פייען" לאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז די לומדים האַלטן מיט די גבירים, אַז זיי בילדן איין כנופיה, אָבער שיע פריידעס, אַ ייד אַ למדן און דעם גביר מיכאל לעווינס אַ חדר־חבר, דריקט ריכטיקער אויס די דאָזיקע אָנגעמערקטע רעאַלע טיילונגס־ליניע. — וואָס הייסט, וואונדערט ער זיך אויף מיכאל לעווין: ער וויל זיין אי אַ גביר און אי אַ לייטישער מענטש? ניין, דאָס איז אַ זאַך, וואָס איז אוממעגלעך.

און אין דעם באַשטייט דער אויפטו פון בערגעלסאָנס ניי ווערק: עס האָט צוריק אויסגעגראָבן דאָס האַרמאָניש־באַלזאַמירטע שטעטל, אַראָפּגעריסן פון אים דעם פאַרגלעטנדיקן שלייער און געוואָרפן אויף אים דאָס ליכט פון קלאַסנקאַמף־רעפלעקטאָר. ער האָט געוויזן דאָס ריכטיקע פּנים פונם שטעטל נישט נאָר אין

פּרטים, נאָר אין זיין גאַנצקייט, ער האָט צעשטערט די לעגענדע פונם שטעטל און געגעבן איר טיפעווירקלעכקייט. די יידישע ליטעראַטור האָט זיך געניייטיקט אין אַ דערגאַנצונג פון דער שטעטל-שילדערונג. אַזאַ קינסטלערישע דערגאַנצונג, וואָס נישט נאָר עס קאָן שטיין אין איין ריי מיט שלום אַשס „שטעטל״ און „שלמה נגיד״, נאָר זי שטייגט זיי נאָך אַריבער לויט דער קינסטלערישער קראַפט, — איז בערגעלסאָנס „ביים דניעפּר״.

איז בערגעלסאָנס „פּענעק״ טענדענציעז? ניין. ער האָט אַ טענדענץ און דערביי אַזאַ שטאַרקע, אַז געוויסע שטעלן, באַזונדערס אייניקע געדאַנקען און גייסטיקע רעאַגירונגען פון פּענעקן און אַנדערע פּערסאָנאַזשן, זעען אויס קינסטלעריש-פאַלש. אָבער די דאָזיקע שטעלן קאָנען נישט אָפּשאַפן דעם קינסטלערישן ווערט פון בוך, נישט נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען אַ דאַנק בערגעלסאָנס קינסטלערישן מאָס-געפיל, געציילטע, נאָר אויך — און דער עיקר — דערפאַר, ווייל די דאָזיקע טענדענץ איז נישט קיין ווילקירלעך-צוגעטראַכטע, נאָר אַ ווירקלעכקייט. מער נישט זי ווערט מאָמענטנווייז אַזוי שטאַרק אַקצענטירט, אַז זי פאַלט אַראָפּ פון דער ריכטיקער שטים, נעמט אַ פאַלשע נאָטע. עס גיט אַ גרילץ, אָבער גלייך הערן מיר שוין ווידער די עכטע שטים, וועלכע נעמט אַפילו הויכע אָבער נישט קיין פאַלשע טענער. דאָס ווערק האָט אַ טענדענץ, אָבער בלויז זעלטן פאַלט זי אַריין אין אַ פאַלשן טאָן, על-פּי-רוב דערהויבט זי זיך צו אַ סימבאָל. געוויס, ווען יאַנקל דער פורמאַן — איינע פון די פּלאַסטישסטע, לעבעדיקסטע און סימפּאַטישסטע געשטאַלטן אין דאָזיקן רייכן בוך — רעדט וועגן דער ראָל פון די כּלי-קודש אין אָרעמאַנס לעבן, ווירקט דאָס ווי אַגיטאַציע פון אַ אַנטי-רעליגיעזער קאַמפּאַניע און עס איז קינסטלעריש פאַלש, ווייל יאַנקל דער פורמאַן האָט מיט אַ פערציק-פופציק יאָר צוריק נישט געקאָנט אַזוי טראַכטן און דער עיקר אַזוי פאָרמולירן (היות אָביעקטיוו איז עס ריכטיק, מאַכט עס אויף אונז נישט קיין צו שלעכטן איינדרוק). אָבער ווען שיע פריידעס נעמט קאָמאַנדעווען איבער מיכאל לעווינס שטוב אין נאָ-

מען פֿונם גוסס און ער איז זיך נוקם אין זיין קלאַסן־שונא, וואַקסט דאָס דאָזיקע בילד (בפֿירוש אַ טענדענץ־בילד) אויס צו אַ מעכטיקן סימבאָל, און עס איז שוין פֿאַלש צו פֿרעגן צי אַ שיע פֿריידעס האָט געקאָנט אַזוי האַנדלען. שיע פֿריידעס אין בערגעלסאָנס טענדענץ־ראָמאַן האָט געמוזט אַזוי האַנדלען, ווייל אַנישט וואָלט בערגעלסאָנס טענדענץ נישט געווען אַזוי בולט און דערשיטערנדיק. און בערגעלסאָנס ווערק איז פֿול מיט ביז סימבאָל דערהויבענער טענדענץ. די פֿאַלש־קלינגענדיקע טענער פֿאַרזינקען ווי געציילטע הייזעריקע הוסטן אין דער מוזיק פֿון אַ גרויסן מעכטיקן אָרקעסטר.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דער הויפּט־געשטאַלט, מיט פּענעקן. געוויס, צופּטמאָל פֿאַרפּלעפֿט אונז די רייפֿקייט פֿון זיין אורטייל, די קלאַסן־באַוווסטזיניקייט פֿון יונגן קינד. אָבער ערשטנס איז דער אומצוטרוי צו אַ קינדס אויפֿנעם־און אורטיילספֿעיקייט נישט תּמיד באַרעכטיקט. פֿאַראַן קינדער, וואָס באַוועגן זיך אויף פֿאַרשידענע געביטן מיט אַן אינסטינקטיווער זיכערקייט. עס זענען דאָ קינדער, וואָס דער חוש פֿאַר סאָציאַלע פֿענאָמענען איז ביי זיי ביז גאָר פֿאַרשאַרפֿט. באַזונדערס קאָן דאָס זיין דער פֿאַל ביי אַזאַ באַעוולטן ווי פּענעק. פֿאַרשטויסנקייט שאַרפֿט דעם חוש פֿאַר גערעכטיקייט; שאַרפֿט דעם אויג צו באַמערקן די חסרונות פֿון די באַעוולער און די מעלות פֿון די, צו וועלכע מען ווערט געשטויסן, וועלכע נעמען אויף, גיבן אַן אָרט דעם פֿאַרשטויסענעם. פּענעק געפֿינט זיך תּמיד צווישן די באַעוולער פֿון „הויז” און די באַעוולטע פֿון אַרום, און ער, אַליין אַ באַעוולטער דורכן „הויז”, באַמערקט מער און פֿילט מער, ווי מיר ריכטן זיך געוויינלעך ביי אַ קינד. איך ווייס נישט, צי בערגעלסאָן האָט צוגעטראַכט פּענעקס גענויאַלע לאַגע, אָדער דאָס איז שולדיק די גענויאַליטעט פֿון דער ווירקלעכקייט, — אָבער איינס איז זיכער: בלויז אַ דאַנק פּענעקס לאַגע גלויבן מיר אים זיינע טראַכטענישן און האַנדלונגען. אין אַזאַ לאַגע האָט ער אָדער געמוזט ווערן אינגאַנצן טעמפּ (ווען ער זאָל דאָס זיין אין אַ געוויסער מאָס פֿון דער נאַטור), אָדער

איבעררייף און עמפינדלעך, אויב ער איז געווען באַגאַבט. און פענעק, אַ באַגאַבט קינד, איז געוואָרן אַן „איבערקינד", אויב מען וועט נישט פאַריבל האָבן פאַרן דאָזיקן אַ ביסל קינסטלעכן אויסדרוק.

דאָס אַלץ איז אָבער נאָר דער „ערשטנס". צווייטנס שפּילט אויך ביי פענעקן אַ ראָל דער מאָמענט פון סימבאָל. חוצדעם פאַרוועבט זיך ביי פענעקן דאָס אַמאָליקע אורשפּרינגלעכע געפיל מיט דער שפּעטערדיקער לאָגישער אויסטייטשונג.

איך חזר איבער, אַז דאָס ווערטפולסטע פון בוך איז דאָס ניי ליכט אין וועלכן עס הילט איין דאָס יידישע שטעטל. דאָס „הויז" וואַקסט אויס צו אַ סימבאָל. עס הערשט איבער די אַרומיקע הינטערגעסלעך ווי אַ רויבערישע ריטער־נעסט. עס שטייט אָפגעזונדערט און איז דאָך ענג־פאַרבונדן מיט זיי, ווי דער רויבער מיטן רויב, ווי די רויב־חיה מיטן קרבן. דאָס הויז איז, דאַכט זיך, דאָס זעלבע אָפענע ברייט־גבירישע הויז פון יחזקאל גאָמבינער פון שלום אַשס שטעטל, און דאָך ווי אַנדערש עס זעען אויס די זעלבע סצענעס אין שלום אַשס און בערגעלסאָנס באַלויכטונג. דאָס איז נישט קיין רעזולטאַט פון אַנדערש באַלויכטן פּרטים, נאָר פון גאַנצן צוגאַנג. מיר שטוינען אָפּט: די זעלבע מענטשן, די זעלבע שטייגער־סביבה, די זעלבע באַציאונגען אפילו, און דאָך האָט זיך עפּעס אַזוי ראַדיקאַל געביטן. נישט גלויבן בערגעלסאָנען? די מענטשן זיינען צו רעאַל, די מייסטערשאַפט, מיט וועלכער ער שטעלט אונז פאָר זייער אַרט אויפנעמען און רעאַגירן, איז צו גרויס, מיר זאָלן קאָנען איגנאָרירן זיינע אויספירונגען און פאַרזיכערונגען. מיר זיינען גיכער גרייט צו גלויבן, אַז מיר האָבן ביז איצט די שטעטלשע מענטשן נישט געקענט. כּעגלעך, עס איז כּמעט ווי זיכער, אַז דאָס יידישע שטעטל דערשיינט דאָ אין אַ מאָדערנער באַלויכטונג, אָבער יעדער דור מוז וואַרפן אויף דער געשיכטע אַן אייגן ליכט, מוז איבערגעשטאַלטיקן דאָס לעבן פון די פריערדיקע דורות לויט די אייגענע באַגריפן און פאָרשטעלונגען, כּדי די געשיכטע זאָל קאָנען ווירקן שעפעריש אויף אונזער

ווייטעריק לעבן. און אויך מיר האָבן זיך געגוויטיקט אין אַ שטעטל, געזען מיט די אויגן פון אונזער זור, פון אונזערע ווייטאָקן און האָפענונגען. בערגעלסאָן האָט פונסניי געשטאַלטיקט דאָס גאַנצע יידישע לעבן פונם שטעטל־פעריאָד. און מיר פילן, אַז פון איצט אָן וועט שלום אַשס שטעטל זיין אַ אַנאַכראָניזם. מיר וועלן עס שוין קאָנען זען בלויז מיט בערגעלסאָנס אויגן, ווייל זיי זיינען אויך אונזערע היינטצייטיקע.

* *
*

וואָס שייך דער ריין־קינסטלערישער זייט פון בערגעלסאָנס ווערק האָבן מיר פאַר זיך אַ שעדעוור פון דער העכסטער מדרגה. דאָס בוך מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פלאַסטישער אויסשטעלונג אויף 575 זייטן. סיי די הויפט־פערזאָנען סיי די נעבן־פערסאָנאַזשן זיינען אַזוי בולט, אינדיווידועל־אויסגעפורעמט, אַז אַלע קומען זיי אונז פאָר ווי אַלטע באַקאַנטע, וועלכע מיר קענען אויסגעפונדן. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען זיך אַזעלכע פיגורן ווי בוני די קעכין, יאַנקל דער פורמאַן, שיינדל די גרויסע, כדי צו שפירן, אַז קיין שום לויב־ווערטער זענען נישט קיין גוזמא פאַרן דאָזיקן קינסטלער. דער גאַנצער עפיזאָד מיט נחמן דעם פאַרבער, אָנהויבנדיק מיט פענעקס געדאַנק צו גיין צו אים אינדערפרי, ביז די אונטערהאַנדלונגען מיט שיינדל דער גרויסער און מיכאל לעווינס אַריינקומען אין מיטן דערינען, — די דאָזיקע קאַפּיטלעך געהערן צו די שענסטע, רירנדיקסטע אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. זיי קאָנען פאַרנעמען אַ חשובן אָרט לעבן די בעסטע מוסטערן פון דער אייראָפּעאי־שער ליטעראַטור.

אָבער די קונסט פון דאָזיקן בוך איז איבעראַשנדיק נישט נאָר צוליב דער פלאַסטישקייט פון די פערזאָנען. דוד בערגעל־סאָן האָט באַוויזן אויפצולעבן פאַר אונז אין זייער גאַנצער אורשפּרינגלעכער קראַפט זאַכן שוין לאַנג פאַרגעסענע, שוין לאַנג פאַרבלאַסטע. מיר דערפילן ווידער, אַ דאַנק זיין ווערק,

די אַטמאָספער פון אַ יידישן ערב־יום־טוב. ער לעבט אויף דעם דאָזיקן יום־טוב נישט נאָר פאַרן אויג, נאָר אויך פאַר דער נאָז, פאַרן גאַנצן פסיכאָ־פיזישן וועזן אונזערן. מען דערפילט זיך פלוצלונג אין דער זעלבער שטימונג, ווי אַמאָל, ווען מען פלעגט אַן אויסגעצוואָגענער און אויסגעבאָדענער אָנטאָן אַ יום־טוב־גאַרניטורל און מען פלעגט שפירן בחוש די נשמה־יתירה נישט נאָר אין זיך, נאָר אין דער גאַנצער אַטמאָספער: די לופט איז אַנדערש, די טויטע אַרומיקע זאַכן זענען אַנדערש. נישט אומזיסט זאָגט בערגעלסאָן וועגן פענעקן, אַז ער האָט געהאַט אַן אייגנשאַפט אַלץ איינצוזאַפּן אין זיך אויף אייביק. פענעק איז טיילווייז אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק און בערגעלסאָן האָט פענעקן איינגעטיילט זיינע קינסטלערישע אייגנשאַפטן פון איינזאַפּן אַלץ און איינהיטן דאָס אומבאַרירט ביזן נויטיקן מאָ־מענט, אויף אַ גאַנץ לעבן.

אין אַ קורצער רשימה פון די קינסטלערישע מעלות פון בערגעלסאָנס לעצט ווערק טאָר אויך נישט פעלן אַ לויב־געזאַנג פאַר בערגעלסאָנס שפּראַך־מייסטערשאַפט. נישטאָ כמעט קיין איין באמת גרויסער קינסטלער, וואָס זאָל נישט זיין קיין שפּראַך־מייסטער. בערגעלסאָן באַהערשט די יידישע שפּראַך ווי אַ ווירטואָז זיין אינסטרומענט. אמת, אין בערגעלסאָנס שפּראַך שפירט זיך אַ פאַרגליווערטער עלעמענט פון אַ געוויסער מאַניר, מען שפירט די אָנוועזנהייט פון קינסטלעכע חן־גריבלעך; ס׳איז אויך נישט צום לייקענען, אַז בערגעלסאָן חזרט צופיל מאָל איבער דעם סימן־מובהק פון יעדער פערזאָן, — אָבער דאָס זענען פרטים. אין אַלגעמיין איז בערגעלסאָן נישט נאָר אַ גרויסער סטיליסט נאָר אויך אַ שפּראַך־שעפער. זיינע נייע וואָרט־פאַר־בינדונגען זענען על־פּי־רוב דרייסט און איבערציַיגנדיק. בער־געלסאָן שרייבט שווער, ער איז אַ קינסטלערישער כבד־פּה, אָבער דאָס וואָס זיין פען זאָגט שוין אַרויס איז נישט צו רירן פון אָרט. יעדעס וואָרט דרינגט דורך, ווי באַרג־וואַסער, די טיפע פלאַסטן פון זיין נישט־באַרעדעוודיקן וועזן, אָבער ווען

זיי דרינגען שוין דורך אַלע באַרג־שיכטן, ווערן זיי סטאַלאַקטיטן־טראָפּנס: ריין און געדיכט, ליכטנדיק און שווער.

* *
*

פּענעק איז די פּריזמע דורך וועלכער מיר קוקן אויפן „הויז" און אויף די הינטערגעסלעך פון יידישן שטעטל. פּענעק פירט אונז צו אַלע פּע־זאָנען און צו אַלע געשעענישן אין בערגעלסאָנס עפּאָפּייע. אַלץ געשעט אָדער דירעקט אַדאַנק פּענעקן, אָדער, לכל הפּחות, ביי פּענעקס אָנוועזנהייט. אָבער פּענעק איז דאָ נישט נאָר, כּדי מיר זאָלן אַדאַנק אים דאָס אַלץ זען; פּענעק לעבט דאָס אַלץ איבער, כּדי ער זאָל דורך דעם פאָרמירן זיין וועזן. פּענעק האָט אַזוי אַרום אַ זעלבּ־שטענדיקן ווערט. פּענעק פאַרענדיקט זיך נישט מיט ווייזן אונז דאָס שטעטל. אדרבה, ווען עס ענדיקט זיך דאָס בוך שפּירן מיר, אַז פּענעקס געשיכטע הויבט זיך ערשט איצט אָן. און נישט דערפאַר, ווייל בערגעלסאָן דערמאָנט אָפּט דעם „שפּע־טער", — פּענעק האָט דאָס געשפּירט שפּעטער, דאָס וועט אים צונויף קומען „שפּעטער", — נאָר דערפאַר, ווייל בערגעלסאָן לאָזט שוין אין ערשטן באַנד פּענעקן אַריינוואַקסן אין דער ערשטער שפּראָצונג פון זיין צוקונפט.

פּענעק זעט די לינקע זייט פון די קעגנזייטיקע באַ־ציאונגען צווישן דעם „הויז" און די הינטערגעסלעך; פּענעקס סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס זענען גוט באַגרינדעט, — אָבער דער אמתער שמערצלעכער פּונקט זיינער זענען זיינע אָרעמע חברים. ער חברט זיך מיט זיי, און דאָך פילט ער, אַז ער דאַרף זיך איינקויפן אין זייער חברה, אז ער איז דאָ אַ צו־פעליקער, אַ „פאַרדאָסט נגידל", וואָס כאַפּט פאָרט אַריין אַ ראָסל־פלייש יעדן טאָג. און אָט וואַקסט אַ גרופּע פּענעקס חברים, זיי וואַקסן אַרויס פון דער שטעטלשער לופט־אַטמאָספער און נעמען זיך איינוואָרצלען אין דער פאַרטריקנטער אָבער דאָך נערנדיקער און חשיבות־געבנדיקער וועלט פון וואַרשטאַט און פאַבריק. און וואָס מער די דאָזיקע סביבה וואַקסט אַריין

אין עפעס, בלייבט פּענעק אַליין מער אָן אַ זייט פון איר. זי, די גרופּע חברים זיינע, שלאָגט וואָרצלען, און ער טרייבט זיך אַרום ווי אַ וואָרצל-לאָזן גראָז. די פאַמיליע וואָס האָט אים פאַרשטויסן פון אירע שפּיצן, לאָזט אים פונדעסטוועגן נישט איבערגערייסן אינגאַנצן מיט זיך: זי וויל אים האַלטן לעבן זיך אַלס פויל-שטאָף. זי האָט מורא עפּעס זאָל זיך אָפּטיילן פון איר אינגאַנצן און פאַרשווינדן אין די פיינטלעכע הינטער-געסלעך. ערשט ווען פּענעקס פאָטער שטאַרבט, ווען דער קנופּ פון דעם הויז ווערט אויפגעקניפּט, ווען מיכאל לעווין שטאַרבט נישט באַווייזנדיק צו פאַרענדיקן זיין נייע צוואה, ווו זיין פאַרשפּעטיקטער מוזיניק באַקומט שוין אויך אַ חלק, — ערשט דאַן פילט זיך פּענעק באַפרייט פונם הויז. און ווען ער גייט פון בית-עולם, וואַרטן אויף אים די חברים, וואָס וואַקסן שוין אַריין אין אַ נייער וועלט — דער וואַרשטאַט און די פאַבריק האָבן זיי שוין געבראַכט אין באַרירונג מיטן ערשטן אָטעם פון סאָ-ציאַליזם — און זיי וועלן אים מיטנעמען. פּענעק איז גוט צו-געגרייט צו גיין מיט די הינטערגעסלעך. אים ווערט שוין דאָס „הויז" נישט ציען צו זיך. ער האָט עס גוט דערשפּירט, אויף דער אייגענער הויט.

פאַראַן אַ שוידערלעכע סצענע אין בערגעלסאָנס בוך. די עלטערע קינדער, פּענעקס ברודער און שוועסטער, דער מו-טערס ליבלינגס, פירן מיט אים אַ קאַמף. פאַלעק, אַ סך אַן על-טערער און שטאַרקערער פאַר פּענעקן, כאַפּט אים, רייסט אים אויף מיט געוואַלד דאָס מויל און הייסט דער שוועסטער אַריינ-שפּייען פּענעקן אין אָפענעם מויל אַריין. פון דאַן אָן, — זאָגט בערגעלסאָן, — האָט פּענעק זיי געשפּירט ווי פרעמד שפּייעכץ אין מויל. ער האָט געשפּירט, אַז ער דאַרף זיי אויסשפּייען...

אַזוי אַרום האָט בערגעלסאָן נישט נאָר געגעבן דאָס יידישע שטעטל אין אַ ניי ליכט, נאָר ער האָט אויך געלייגט אַ סאָלידן פונדאַמענט פאַרן העלד פון די וויטערדיקע בענד, פאַר פּענעקן, וואָס דאַרף שפּילן אַ ראָל אין דער רוסישער רעוואָלוציע.

אויב די ווייטערדיקע בענד וועלן זיין אַזוי סאָליד געבויט ווי דער ערשטער, אויב די טענדענץ וועט אויך ווייטער נישט אַראָפּזינקען צו טענדענציעזקייט און וועט זיך דערהויבן צו סימבאָל, — וועלן מיר האָבן דאָס ערשטע גרויסע ווערק פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע דורכגעבראָכן דורך דער פּריזמע פון יידישן לעבן. פּענעק וועט נישט אַראָפּפאַלן אין דער רעוואָלוציע ווי אַ יוון אין סוכּה, ער איז גוט צוגעגרייט צו איר. יעדנפאַלס לאָזט דער ערשטער באַנד האָפן דערויף.

בירע־בידזשאַנער אַפּנויג...

וועגן בערגעלסאָנס בוך „בירע־בידזשאַנער"

זייער ווייניק מענטשן זענען פֿעיק צו זיין מבֿינים אויף זייערע אייגענע פֿעלערן. ביי יענעם אין אויג זעט מען אויף אַ מייל אַ שטויבעלע, אָבער אין אייגענעם אויג זעט מען קיין בעלעק אויך נישט, אפֿילו שטייענדיק פֿאַר אַזאַ שאַרפֿן שפּיגל, ווי די מאַרקסיסטיש־לעניניש־סטאַלינשע קריטיק. דער בעסטער באַווייז דערפֿאַר איז די לעצטע סטאַדיע פֿון בירא בידזשאַנער טומל און דוד בערגעלסאָנס בוך „בירעבידזשאַנער".

ווען אונזערס אַ מענטש וואָלט גערעדט וועגן דער יידישער נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג און נאָרמאַליזירונג, ווי דאָס האָט געטון קאַלינין, וואָלט דער נאָמען „קליינבירגערלעכער נאַציאָנאַליסט" געווען איינער פֿון די מילדסטע צונעמעניש, וועלכער אונזער איינער וואָלט באַקומען.

ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז בירא־בידזשאַן איז באַשטימט געוואָרן אַלס אויטאָנאָמער יידישער געביט און עס וועלן זיין יידישע פּאָסטמאַרקעס און יידיש מיליטער — זענען די יידישע קאָמוניסטן געווען גליקלעך. זיי האָבן אויפֿריכטיק באַטראַכט אַלס אומפֿאַרגעבלעכן חטא, וואָס איינიקע יידישע צייטונגען האָבן די דאָזיקע ידיעה נישט געגעבן אויף דער ערשטער זייט מיט קידוש־לבֿנה אותיות. און ווען איך האָב זיך דערוועגט צו זאָגן, אַז איך זע נישט דעם גליק פֿון די יידישע פּאָסטמאַרקעס אין אַ געביט מיט 9000 יידישע איינוואַנדערער, האָב איך באַקומען אַלס ענטפֿער אַזאַ פֿאַרניכטנדיקן

בליק, אַז איך וואָלט זיכער פאַרברענט געוואָרן אויף אַש, ווען איך זאָל נישט זיין אַזוי פייער־פעסט פאַר אַזעלכע בליקן.

די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן תמיד אַ געדעכטן ביטול פאַרן ציוניסטישן סענטימענט צו די ארץ־ישראלדיקע מאַרקעס מיט העברעישע אותיות, צו דעם העברעישן אַדרעס, צום יידישן פּאָליציאַנט און צו די טרוימען וועגן אַ העברעישן גענעראַל, — די זעלבע מענטשן זענען אַריינגעפאַלן אין אַן עקסטאַז ביי דער ידיעה וועגן אַ יידישער פּאָסטמאַרקע און וועגן אַ יידישער אַרמיי. און איך בין זיכער, אַז די יידישע קאָמוניסטן, וואָס זענען אַזעלכע אָפּלאַכערס פון זשאַבאָטינסקיס לעגיאָן, האָבן געהאַט גרויס עגמת־נפש, וואָס די ידיעה וועגן ביראָבידזשאַנער יידישן גענעראַל איז געווען אַ פּריצייטיקע.

די דאָזיקע מענטשן האָבן דאָך אַזוי גוט פאַרשטאַנען, אַז העברעישע פּאָסטמאַרקעס דעצידירן אַבסאָלוט נישט צי דער ציוניזם קען פאַרווירקלעכט ווערן און צי די פאָרמען פון זיין פאַרווירקלעכונג זענען געווונטשן פון פּראָגרעסיוון (נישט פון זיין ליבעראַל־פּראָגרעסיוון, נאָר פון סאָציאַליסטיש־פּראָגרעסיוון) שטאַנדפּונקט אָדער נישט, — פאַרוואָס־זשע באַגרייפן זיי נישט די גלייכגילטיקייט פון מענטשן צו די יידישע מאַרקעס אין אַ ביראָ־בידזשאַן? דאָס איז דערפאַר, ווייל לגבי יעדער זאַך, וואָס ליגט אין ראַטנפאַרבאַנד, איז זייער קריטיק איינגעשלעפערט, נאָך מער, — אָפּגעטויט. עס זענען דאָ זייער ווייניק ציוניסטן, וואָס קווילן נישט פון די העברעישע מאַרקעס און עס זענען דאָ נאָך ווייניקער קאָמוניסטן, וואָס קווילן נישט פון יידישע פּאָסטמאַרקעס אין ביראָ־בידזשאַן.

די זעלבע דערשיינונג, ווי ביי ביראָ־בידזשאַן אין פּאָליטישן ליכט, זעען מיר ביי ביראָ־בידזשאַן אין ליטעראַרישן ליכט: אין דוד בערגעלסאָנס בוך „בירע־בידזשאַנער”.

*

* *

איך בין נישט קיין קעגנער פון ביראָ־בידזשאַן און נישט קיין אָנהענגער פון פּאַלעסטינע. ווען מען זאָל אין ביראָ־

בידזשאַן אַריינלאָזן „אָפּנויגלער", וועלכע ווילן בויען אַ פרייע סאָציאַליסטישע געמיינשאַפט פון יידן, וואָלט איך אויך געפאָרן אַהין, און ווען איך וואָלט געגלויבט, אַז אין פאַלעסטינע איז ביי אַזאַ אפּוטרופּוס ווי ענגלאַנד, און ביי אַזעלכע באַלעבאַטים, ווי די ציוניסטן, מעגלעך אויפצובויען אַ יידישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט פון יידן, וואָלט איך געוועזן אויך היינט אַ ציוניסט. אָבער ווי מען זאָל נישט זיין אידעאיש איינגעשטעלט צו ארץ־ישראל און צו בירא־בידזשאַן, וועט דאָך יעדער אויפריכטיקער מענטש מודה זיין, אַז ארץ־ישראל איז אָנגעזאַפּט מיט נישט דער ערך מער נאַציאָנאַלן אידעאַליזם, ווי בירא־בידזשאַן דערוויל; און דאָך פלעגט — מיט רעכט! — אַרויסרופן אַ שטיקל ווידערווילן אַ געוויסער מאָטיוו פון דער ארץ־ישראלדיקער ליטעראַטור, וואָס קען אָנגערופן ווערן דער ברונעם־מאָטיוו: ווי מען גראָבט מיט פאַטאָס און רעליגיעזער התלהבות אַ ברונעם. אַ ברונעם, בפרט אין וואַסער־אָרעמען ארץ־ישראל, איז טאַקע אַ וויכטיקע זאַך, אָבער מאַכן דאָס איבערגעוואַלט צום סימבאָל פון אַ העראָאישער אָנשטרענגונג פון אַן אויסגעוואָרצלטן דור צו שאַפן אַ נייע געמיינשאַפט, מיט אַ נייער קולטור — איז אַ סימן־דלות פאַר דעם שרייבער, וואָס זעט נישט אַ ביסל טיפער. די ארץ־ישראל־ליטעראַטור, וואָס וועט איבערגיין צו די קומענדיקע דורות, וועט באַשטיין נישט פון דעם דאָזיקן ברונעם־מין נאָר פון ברענערס „שכול וכשלון" און „מכאן ומכאן", ווערק, וואָס פלאַקערן נישט אויף, ווי שטרוי, נישט ביי דער „הוירא" און נישט ביים „אידעאַליסטישן" גראָבן אַ ברונעם, נאָר זיי ברענען ווי אייביקע ווונדן אין האַרצן און מוח פון מענטשן מיטן גרויסן אחריות־געפיל.

דוד בערגעלסאָן איז געפאָרן קיין בירא־בידזשאַן, צו דער צוקונפטיקער ראַטנרעפובליק פון יידישן פאָלק, און האָט געבראַכט פון דאָרט אַ ברונעם־מאָטיוו. זיין בוך איז אַ ברונעם־מאָטיוו נישט נאָר דערפאַר, ווייל עס פאַרמאָגט טאַקע בפועל־ממש אַ שאַבלאָן־געשיכטע ווי מען גראָבט אַ ברונעם, נאָר

דאָס גאַנצע בוך איז איבערפֿלעכלעך און פֿול מיט אַ קאַזיאָנעם דריי-גראָשן אָפּטימיזם פֿון דעם באַקאַנטן ברונעם-מאָטיוו.

* * *

בערגעלסאָנס בוך איז נישט קיין רעפּאָרטאַזש: ער דער־ציילט נישט דאָס, וואָס ער האָט געזען. בערגעלסאָן וויל פֿאַר־קערפּערן דאָס געזעענע אין אַ קינסטלערישן ווערק, אין אַ ראָמאַן פֿון בירָאָבידזשאַנער לעבן. צום דאָזיקן צוועק האָט ער אויסגעוויילט די באַקאַנטע סכעמע פֿון די רוסישע אויפֿבוי־ראָמאַנען (דאָרט קומט פֿאַר דער אויפֿבוי אין אַ קאָלכאָז, אין אַ פֿאַבריק; דאָ קומט עס פֿאָר אין בירָאָבידזשאַן, אין קאָלאָ־ניזאַציע־פּונקט פֿאַרן יידישן פֿאָלק). עס זענען דאָ שלאָ־לער, מלאכים־טיפּן, און עס איז דאָ אַ שעדיקער, אַ קליינבירגער, אַ פֿאַרפֿאַלענער. די ערשטע זענען אַבסאָלוטע אָפּטימיסטן, אַב־סאָלוט עטישע טיפּן; דער צווייטער איז אַן אומהיילבאַרער פּע־סימיסט, אַן אַבסאָלוט־אומערלעכער מענטש.

די דאָזיקע טיפּן זענען ביי בערגעלסאָנען עכט־יידיש, ד. ה. קאָמיש, אַפילו גראָטעסק, סיי אין זייער פּאָזיטיוון אָרעאָל, סיי אין זייער נעגאַטיווער טומאה. דער שלאָגלער, דער אידעאַליסטישער בויער אין בירָאָ־בידזשאַן, איז שטערבלעך פֿאַרליבט אין דער איינציקער מיטגעבראַכטער „גויע”, אַ יתומה, וועלכע האָט פֿון איר זייט אויך ליב דעם דאָזיקן שלאָגלער. ווען ער פֿאַרטיידיקט אָבער דאָס דאָזיקע קריסטלעכע מיידל פֿאַר די אָנגריפֿן פֿון אַן אַנדער בויער, נישט אַזאַ ריינעם ווי ער, טוט ער דאָס נישט צוליב פֿערזענלעכע מאָטיוון, נאָר „פּן יאמרו הגויים”, מען דאַרף זיך באַזונדערס היטן, מען זאָל נישט קאָנען וואַרפֿן קיין חשדים... נישט אמת, עכט יידישלעך?...

און דער שעדיקער ווידער איז גאָר יידישלעך: ער שעדיקט נישט, חס ושלום, מיט מעשים, נאָר דורך נישט טון, דורך נישט וועלן אַרבעטן, און חוץ דעם גנבעט ער ביי אַ חבר אַ פּאָר הויזן...

חוץ דער דאָזיקער גוט־באַקאַנטער פּערזאָנען־קאָנסטרוקציע,

זענען אויף דאָ פאַרזאַמלונגען מיט סטערעאָטיפּע רעדעס און רעדעלעך; עס שפּירט זיך אַ געוויסע ביליקע ווילינגערישקייט סיי אין דעם אָפטן „יאַטעווען", סיי אין באַנוצן דעם ביליקן הומאָר פון רוסיציזמען, ווי „פּריראָדע", „יעוורעיסקי וואָפּראָס", „זיעמליעדיעלצעס". אַלץ: סיי די מענטשן, סיי דאָס לאַנד, סיי דאָס בויען זענען דאָ על־פּי־רוב ביליק, אויבערפלעכלעך, פון אַ מרגל אויף גוט צו זאָגן.

דאָס בוך איז מערסטנטיילס ליטעראַריש־טעכניש גוט געשריבן, אָבער פון בערגעלסאָנס שרייבעריש־אינטימען סטיל געפינען מיר דאָ בלויז בלאַסע סימנים: ער איז דאָ אָפּגעבליאַקעוועט און פאַרוואַסערט (פון ברונעם, מסתמא...). עס שאָקירט אָפּט סיי דער פּרט (די געגנבעטע הויזן, דער ברונעם, די פינאַל־סצענע מיט די זעק מעל, וואָס בערגעלסאָן האַלט, מסתמא, פאַר אַ גרויסן אויפטו, און צענטליקער אַנדערע), סיי די באַהאַנדלונג. אָט למשל:

„און נאָך העכער פון דער סאַנאַטאָריע — זאָגט ער, — וועט שטיין אויף אַ ריזיק־הויכן פּיעדעסטאַל לענינס אַ דענקמאָל: לענין מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט... ביינאַכט וועט דער דענקמאָל זיך אַזוי שטאַרק באַלויכטן, אַז מען וועט אים אַרויסזען אויף יענער זייט גרענעץ. איז מה־נפשך: אויב אויף יענער זייט גרענעץ וועט שוין זיין נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועט לענינס האַנט דאָרט אָנווייזן דעם ווייטערדיקן וועג, אויב דאָרט וועט נאָך אַלץ זיין אימפּעריאַליזם, וועט לענינס אויסגעשטרעקטע האַנט אַהין וואָרענען:

— קריכט נישט!...

— היט די ביינער!"

דער איינפאַל איז ביליק, דער טאָן נישט געשמאַק, אויף אַ רייכע פאַנטאַזיע זאָגט ער געוויס נישט קיין עדות, דערפאַר אָבער איז דער דריי מיטן גראָבן פינגער ווערט אַ ראַסאָוון ישיבה־בחור...

ווען אַ גרויסער דיכטער פאַרלירט אָדער פאַרוואַרפט זיין אינערלעכן קאָמפּאַס, טראָגט ער זיך אויפן באַראָט פון

זיין ליטעראַרישער אויסערלעכער טעכניק, ווי אַ שיף אָן אַ רודער.

בערגעלסאָן איז בכלל בלינד פאַר דער נאַטור, פאַרן פּייזאַזש. ער מיידט טאַקע תמיד אויס צו טשעפּען זיך מיט איר און קיינער האָט צו אים קיין טענות נישט דערפאַר. אָבער דאָ, אין בירע-בידזשאַן, האָט ער געפונען פאַר נויטיק נישט זיין אַזוי שטרענג און ערלעך לגבי זיך און ער צעוואַרפט אין בוך בלאַסע, אָרימע נאַטור-שילדערונגען: „עס איז צוגעפאַלן דער בירע-בידזשאַנער פאַרנאַכט" (כ'ציטיר פון זכרון). דער בירע-בידזשאַנער פאַרנאַכט! סאַראַ סטיל-שונד! דאָס איז דיכטעריש פונקט אַזוי פיל ווערט, ווי דער פּאַטאָס פון אַ צווייטער שטעל, וווּ בערגעלסאָנס אַ בירע-בידזשאַנער העלד זעט אין זיין וויזיע די ווונדערבאַרע צוקונפט, ווען אַ מאַדאַם וועט אין פּאַריז אַריינקומען און בעטן אַ סלאָיק בירע-בידזשאַנער האָניק.

אַ ווונדערבאַרע צוקונפט: אַ פּאַריזערין וועט סמאַקעווען בירע-בידזשאַנער האָניק!

דער ציוניזם האָט שוין געבראַכט דעם יידישן פאָלק דאָס דאָזיקע גליק: ענגלענדער אפילו זענען זיך מחיה מיט זיינע פּאָמעראַנצן.

*

*

עס זענען דאָ אין בוך זייער גוט געשריבענע קאַפּיטלעך; עס זענען דאָ איו בוך לעבעדיקע מענטשן, אין וועלכע מען שפּירט די מייסטערשאַפט פון זייער שעפער. די דאָזיקע קאַפּיטלעך און פּערזאָנען גיבן קנאַפּ-וואָס צו בערגעלסאָנען דעם קינסטלער, בעת דאָס בוך אַלס גאַנצעס נעמט ביי אים אַ סך אָפּ. נישט מיט אַזאַ דריי-גראָשנדיקייט — סיי בנוגע דעם פּאָזיטיוון, סיי בנוגע דעם נעגאַטיוון — שרייבט מען די עפּאָפּייע פון דער פּיאָנערן-קאָלאָניזאַציע פון אַ פאָלק.

II

איציק מאנגער

דער באַנ"ער פון דער באַלאַדע

וועגן איציק מאַנגערס „שטערן אויפן דאַך-ליד און באַלאַדע"

מאַנגער געהער צו די דיכטער, וואָס נישט נאָר זיי שרייבן בעסערע אָדער ערגערע לידער, נאָר זייערע לידער ברענגען אַריין נייע עלעמענטן אין אַ ליטעראַטור, זיי באַריי־כערן זי נישט נאָר מיט לידער, נאָר מיט נייע פאָרם־ווערטן. און עכטע פאָרם איז תמיד גלייכבאַדייטנדיק מיט אינהאַלט. ווייל פאָ־ם, וואָס איז אָרגאַניש נישט פאַרקנס׳ט מיט אינהאַלט־עלע־מענטן, וואָס וואַקסט נישט אויף מיט זיי צוזאַמען אויף איין בוים — איז פרוכטלאָזע מאַניער.

מאַנגער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַ־טור דעם עלעמענט פון באַלאַדע, די דיכטונג פון איראַציאָנעלן, עמאָציאָנעל־פּלאַסטישן עלעמענט. און אַריינגעבראַכט האָט ער די באַלאַדע נישט ווי אַ פרעמדן אימפּאָרט־אַרטיקל, נישט די באַלאַדע אין איר ליטעראַטור־היסטאָרישער געשטאַלט — דאָס דאָס וואָלט געווען אַ קנאַפּער און יעדנפאַלס נישט שעפערישער אויפטו, — נאָר ער האָט די באַלאַדע באַנייט, אַריינגעבלאָזן אין איר אַ נייע נשמה, געשעפט פון אייגענעם געמיט, געשמידט אין דער אייגענער דיכטערישער שמידשטוב.

מאַנגער האָט פאַרברייטערט די ראַמען און פאַרטיפט דעם אינהאַלט פון דער יידישער דיכטונג.

* *
*

עס איז מסתמא אַ טיף פסיכאָלאָגיש געזעץ: דאָס נישט דורכגעלעבטע מאָנט איר תיקון. קינדער, וואָס האָבן

קינדווייז נישט פאַרבראַכט זייער צייט אין שפּילן, פּילן אַ דראַנג צו שפּילן זיך אין שפּעטערע יאָרן: עפּעס איז געבליבן נישט קיין אויסגעגליכענע קאָנטאָ אין זייער לעבנס-חשבון. מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַ ביסל נישט אויסגעווילדעוועט אין זייער יוגנט, פּילן אַ דראַנג עס אָפּצומאָנען אין די עלטערע יאָרן; עפּעס פעלט זיי צו זייער לעבנס-גלייכגעוויכט. עס איז דאָ אַ בלויז, וואָס מאָנט פאַרפּולונג.

די יידישע פּאָעזיע האָט נישט געהאַט קיין עכטע קינדהייט. אין סאַמע אָנהויב איז זי געווען ראַציאָנאַליסטיש. נישט אומזיסט האָט מען אויפגענומען מיט אַזאַ פרייד דוד איינהאָרנען. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער שענקט דער יידישער פּאָעזיע איר פעלנדיקע קינדהייט מיט אירע שטאַרקע עמאָציאָנעלע איבערלעבענישן און איראַציאָנעלע איבער-מעשהלעך, — עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיר באַקומען אונזער ראָמאַנטישן פּעריאָד מיט זיין באַפרוכפּערנדיקן עמאָציאָנעל-איראַציאָנאַלן אויסלעבן זיך. אָבער די „איינהאָרנשע" ראָמאַנטיק (זי מעג טראָגן זיין נאָמען) איז, אַ חוץ איר דיכטערישער שוואַכקייט, געווען אַ מחדיקע. נישט קיין עכטע און נישט קיין עכט-יידישע. דער אַלגעמיינער עלעמענט פון דער ראָמאַנטישער פּאָעזיע האָט זיך באַנוגנט מיט דעם באַנאַלן שניאורשן „מאַרגאַריטקעלעך"-מאָטיוו; און איר אידישלעכער עלעמענט — מיטן באַנאַלן „בעריאָזקעלעך"-מאָטיוו. אָנהויבנדיק מיט פּרץ פאַרפלאַכנדיקע נאָכמאַכונגען פון היינריך היינעס לידער, ביז דער היפּערמאָדערנער ראָמאַנטיק פון לייב ניידוס, איז אַלץ געווען נישט עכט אָדער באַנאַל.

ערשט מיט מאַנגערן לעבט איבער אונזער דיכטונג איר עכטן ראָמאַנטישן פּעריאָד: דער אַלגעמיין-ראָמאַנטישער עלעמענט איז עכט און אָריגינעל (אפילו די היינעשע ווירקונגען זענען נאָרמאַל-שעפערישע) און דערביי דורכגעדרונגען מיטן עכטן אינטים-יידישן פאָלקס-גייסט און פאָלקס-געמיט, אַן וואָס עס איז זיך גאָר אוממעגלעך פאָרצושטעלן אַן עכטע, שעפערישע ראָמאַנטיק.

* * *

אין מאַנגערס באַלאַדן־שאַפונג אונטערשייד איך דריי שטופעס:

די ערשטע שטופע נעמט אַרום יענע באַלאַדן, ווו מאַנגער איז צום ווינציקסטן אָריגינעל. די דאָזיקע באַלאַדן טראָגן אויף זיך דעם בולטן שטעמפּל פון היינריך היינעס ווירקונג (איז דען בכלל מעגלעך אַ וואָסער נישט איז עכטע ראָמאַנטיק, וואָס זאָל נישט דורכפּאָקן און דורכמאָזלען מיט די דייטשע, באַזונדערס היינעשע השפּעות?). אפילו די דאָזיקע באַלאַדעס זענען שעפעריש נאָכגעמאַכט, ד. ה. מאַנגערס דיכטעריש ווען האָט דאָ געפונען פאַר זיך אַ קרובהשן עלעמענט און איז צוגעצויגן געוואָרן צו אים לויט די אומפאַרמיידלעכע געזעצן פון דער גייסטיקער כעמיע. צו די דאָזיקע טיפּיש־ראָמאַנטישע באַלאַדעס, וועלכע טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון מאַנגערס טאַלאַנט, אָבער נאָך נישט פון זיין אייגנאַרטיקער דיכטערישער פערזענלעכקייט, געהערן אַזעלכע באַלאַדעס, ווי „די באַלאַדע פון ווייסן שיין", „די באַלאַדע פונם גאַסן־מיידל" און ענלעכע. די דאָזיקע באַלאַדעס זענען על פּי רוב טויט פאַר אונזער טיפן געפיל. ביי זייער גאַנצער אויסערלעכער שיינקייט האָבן זיי פאַר אונז קיין אינהאַלט נישט. זייער גאַנצער תוך באַשטייט אין אַ געוויסן ראָמאַנטישן רעקוויזיט, אין אַ געוויסן סכום סימבאָלן, וואָס האָבן געהערט צו אַ געוויסער ראָמאַנטישער מאַניער פון אַ געוויסער תקופה. דער דאָזיקער ראָמאַנטישער רעקוויזיט, די דאָזיקע סימבאָלן (וואָס דרייען זיך אַלע אַרום טויט און ליבע) זענען שוין טויט פאַר אונז: מיר נעמען זיי אויף מיט די אויסערלעכע חושים, אַזוי צו זאָגן, אָבער נישט מיטן אינערלעכן געפיל.

געוויס, אַזאַ דיכטער, ווי מאַנגער, האָט אויך אין דאָזיקן ציקל פון זיינע באַלאַדעס אָפטמאָל אַריינגעטראָגן אַזאַ טאָן, אַזאַ פּלאַסטישע פאַרקערפּערונג פון אַ געפיל, אַז זיי דערשיטערן און דרינגען אונז דורך. צו די דאָזיקע באַלאַדן

געהערן אַזעלכע, ווי „די באַלאַדע פון דעם אַלטן גלח, דער קראַנקער מאַרי און דעם שוואַרצן תהלימל". זי פאַרמאָגט אַזאַ צאַרטע שיינקייט, אירע טיף־מענטשלעכע טענער האָבן באַקומען אַזאַ סובטעלן עמאָציאָנעל־פּלאַסטישן אויסדרוק, אַז מיר קאָנען זיי נישט פאַרגעסן. ווען די קראַנקע מאַרי דריקט אויס איר בענקשאַפט צום לעבן (וועלכע זי שטעלט אַנטקעגן דעם גלחס טרייסט מיט יענער וועלט) אין אַזעלכע ווערטער:

„הער, פאָטערל, הער: דער בלויער ווינט
לאָזט נישט פונדאַנען גיין,
הער, פאָטערל, הער, דער גאָלדענער קאָרן
זאָגט ניין און דריי מאָל ניין",

פילן מיר צוזאַמען מיטן גלח, אַז „עס טוט באמת באַנג"...[1]

דאָס ראָמאַנטישע אַלס שטרענגע פאָרם איז אָפּגעשטאָרבן. אָבער דאָס ראָמאַנטישע, וואָס ליגט אין מענטשלעכן געפיל, אין מענטשלעכן לעבן (אָדער ווי מאַנגער רופט עס אָן אין

---

1) דאָ וועט נישט זיין איבעריק צו באַמערקן, אַז אפילו היינריך היינעס באַלאַדעס טיילן זיך אויף צוויי טיילן: איין טייל נעמט אַרום די באַלאַדן, וואָס טראָגן בלויז אַ ראָמאַנטיש־קאָנווענציאָנעלן כאַראַקטער, וואו בלייכע ליבע־ריטער, פוןביידע געשלעכטער, קומען ראָמאַנטיש אום אונטער לבנה־שטראַלן, אויף אַ בית־עולם, אין די אָרעמס און אין די קברים פון די געליבטע. די דאָזיקע באַלאַדן דריקן אויס זייער געפילס־אינהאַלט אין אויסערלעך־ראָמאַנטישע פאָרמען, ווי טויטע סקעלעטן און ענלעכע אַטריבוטן פון אַ היסטאָריש־באַשטימטע־ ראָמאַנטישער שולע, און זיי זענען שוין לאַנג טויט. די צווייטע טייל באַשטייט אָבער פון אַזעלכע באַלאַדן, ווי „די שלאַכט ביי האַסטינגס", אָדער „קאַרל I" און זענען נאָך היינט מאָדערנער און לעבעדיקער פאַר אַ סך פּסיידאָ־מאָדערנע לידער. אין די־דאָזיקע באַלאַדן האָט דאָס געפיל פון ליבע און פון טויט־שרעק געפונען אַ טיף־מענטשלעכן אויסדרוק, הגם אין אַ ראָמאַנטישער פאָרם. דאָרטן שפּילט נישט קיין ראָליע דער אויסערלעך־ראָמאַנטישער רעקוויזיט, נאָר דאָס טיף־ראָמאַנטישע פון געוויסע מענטשלעכע איבערלעבונגען. דאָס זעלבע איז ביי מאַנגערן: דער "כלה־שלייער" איז אַ שיין נאַרישקייט, בעת „די באַלאַדע וועגן דער קראַנקער מאַרי" איז פּרעכטיק, ווייל דאָס געפיל פון טויט ווערט נישט אויסגעדריקט דורך אַן אויסערלעך־ראָמאַנטישן אַטריבוט פון אַ גייסטערהאַפט־געשפּונענעם שלייער, נאָר דורך פּלאַסטישע דיכטערישע בילדער, דורך עמאָציאָנעלער דערשיטערטקייט.

זיינע דיכטעריש-פּראָגראַמאַטישע אַרויסטרעטונגען: אין בלוט, לעבט אייביק.

מאַנגער האָט מיט זיין שטאַרקן דיכטערישן טאַלענט און מיט זיין באַדייטנדיקער דיכטערישער קולטור אַריינגעהויכט אַ נייע נשמה אין דער אַלטער ראָמאַנטישער באַלאַדע, אָבער ער וואָלט נישט געקאָנט לאַנג אָנהאַלטן ביים לעבן דעמדאָזיקן גאַלוואַניזירטן מת, ווען ער וואָלט נישט אַריינגעגעבן אין אַלטן ראָמאַנטישן רעקוויזיט אַ נייע נשמה. די דאָזיקע נייע נשמה האָט צוויי עלעמענטן: איינעם אַ פאָלקסטימלעכן און דעם צווייטן אַ היינטצייטישן: לויטן געדאַנק און סאָציאַלן אינהאַלט. דאָס זענען די צוויי ווייטערדיקע שטופּעס פון מאַנגערס באַלאַדעס.

* *
*

פאַראַן ביי מאַנגערן באַלאַדעס, ווו דער פאָלקסטימלעכער עלעמענט איז בלויז אַן אויסערלעכער. למשל: די „באַלאַדע פון יאַסער שניידערל". די באַלאַדע גופא וואָלט גאָרנישט פאַרלוירן, ווען דער שניידער וואָלט נישט געווען קיין שניידערל און די נאָדל וואָלט נישט געזאַנגען ווי אַ יידישער מזמור, נאָר זי וואָלט פשוט שנעל געניית. אוודאי: דאָס שניידערל מיט זיין מזמור׳דיק יידיש-פאָלקסטימלעכער נאָדל גיט צו קאָלאָריט דער שיינער באַלאַדע, דאָך געהער זי נאָך לויט איר וועזן צו די באַלאַדעס פון דער ערשטער שטופע.

אָבער אין אַזעלכע באַלאַדעס, ווי די „באַלאַדע פון די שבת-ליכט" און „די באַלאַדע פון פאַרלוירענעם שעפעלע", האָט זיין פאָלקסטימלעכקייט געפונען נישט נאָר אַן אויסערלעכן, נאָר אַ טיפן אינערלעכן אויסדרוק. אין דער „באַלאַדע פון פאַר-לוירענעם שעפעלע" נאָך מער ווי אין דער „באַלאַדע פון די שבת-ליכט", ווייל אין „פאַרלוירענעם שעפעלע" שפּילט נישט קיין ראָל קיין באַשטימטע געשיכטלעכע רעמיניסצענץ, נאָר דאָס גייסטיק-פאָלקסטימלעכע האָט דאָ דורכגעדרונגען דעם גאַנצן טאָן, אַלע פערסאָנאַזשן פונם ליד.

אין מאַנגערס בוך איז דאָ אַ פּרעכטיק ליד „צווישן

קאָסעוו און קיטעוו״. וואָס איז אויך דורך און דורך פאָלקסטימלעך אין בעסטן זינען פון דאָזיקן וואָרט. מעגלעך, אַז מען דאַרף דאָס דאָזיקע ליד צורעכענען צום נישט קליינעם ציקל פון מאַנגערס בעל־שם־לידער, אָבער פאַקטיש קאָן מען דאָס דאָזיקע ליד אויפנעמען נישט אַנדערש, ווי מאַנגערס אַ פאָלקסטימלעכקייט מאַניפעסט. מאַנגערס דראַנג צו באַלאַדע האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט זיין דראַנג צו שעפן פון „אַלטן גאָלדענעם ברונעם״, און מאַנגערס פאָלקסטימלעכע באַלאַדעס זענען אַ געראָטענע פרוכט פון די דאָזיקע צוויי פאַראייניקטע עלעמענטן. אין מאַנגערס בוך „שטערן אויפן דאַך״ האָבן מיר נאָר די ערשטע געלונגענע פרווון פון דער דאָזיקער צווייטער באַלאַדן־שטופע. אָבער צווישן די באַלאַדעס, וועלכע דער דיכטער האָט פאַרעפנטלעכט די לעצטע דריי יאָר, געפינען זיך אַ סך וווּנדערבאַרע באַלאַדן, וואָס זייער פאָלקסטימלעכקייט ווערט אַלץ טיפער און ברייטער. עס איז שוין נישט נאָר דער ריין־אויסערלעכער עלעמענט פון אַ יאַסער שניידערל, און אפילו נישט דער אָרגאַניש־היסטאָרישער רעמיניסצענץ־מאָמענט פון די „שבת־ליכט״, נאָר דאָס פאָלקסטימלעכע נעמט אָן אַ טיפערן, אפילו פּראָבלעמאַטישן כאַראַקטער, ווי אין דער „באַלאַדע פון אַלטן ייד און פון לאָבוז״.

עס איז אויך אוממעגלעך נישט צו דערמאָנען זיין געוואַלטיקע „באַלאַדע פון פעטליורע״.

„אונטער יאַנקעלעס וויגעלע ליגט געקוילעט דאָס גאָלדענע ציגעלע״, הויבט מאַנגער אָן זיין באַלאַדע. און די דאָזיקע צוויי פאַראַפראַזירטע שורות פונם יידישלעכסטן פאָלקס־ליד פילן אונז אָן מיט אַ שטאַרקערן געפיל פון שוידער, ווי אַלע גרויל־ווערטער פון מאַרקישעס „קופּע״.

* *
*

צו דער דריטער שטופע פון מאַנגערס באַלאַדעס געהערן יענע פרווון זיינע, ווו דער אַלטער ראָמאַנטישער רעקוויזיט

ווערט געשטעלט אין דינסט פון היינטצייטיקע סאָציאַלע מאָ־
טיוון, ווי די באַלאַדע־פאָרם איז אינגאַנצן אויסגעפילט מיט מאָ־
דערנעם וועלט־ און לעבנס־געפיל. די בעסטע אילוסטראַציעס
פון דאָזיקן באַלאַדן־מין זענען: „די באַלאַדע פונם ווייסן ברויט״
און „די באַלאַדע פון לייזיקן און געקרייציקטן״. די לבנה, די
דאָזיקע פענסיאָנערקע פון דער ראָמאַנטישער דיכטונג, שפּילט
אַ בכבודיקע ראָל אין דער „באַלאַדע פונם ווייסן ברויט״,
אָבער ווי מאָדערן זי איז געוואָרן אין אירע געפילן, ווי טיף
זי רירט אַ מאָדערנעם מענטשן. דאָסזעלבע איז מיט דער
„באַלאַדע פון לייזיקן און געקרייציקטן״.

אין זיין קליינעם, אָבער טעמפּעראַמענטפולן פאָרוואָרט צו
זיין בוך לידער, זאָגט מאַנגער: „די סאָציאַלע און גראָטעסקע
אַקאָרדן, וואָס ציטערן ווי דיסאָנאַנסן אין בוך, נעם איך אַרום
מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט, אפשר וועלן זיי מיך ערגעץ־ווו
דערפירן״.

אויב מאַנגער מיינט דאָ די „אָקטאָבער־באַלאַדע״, די
לידער „געבורט״ (ז. 57) און „אַהער״ (ז. 59), מוז מען מסכים
זיין מיט אים, אַז זיי קלינגען, ווי דיסאָנאַנסן, און טאַקע, ווי
צופעליקע, פרעמדע. אָבער די עכטע סאָציאַלע מאָטיוון, וועלכע
טראָגן אויף זיך אַ שטעמפּל פון מאַנגערס אייגנאַרטיקייט, גע־
פינט מען אין אַזעלכע באַלאַדעס, ווי „די באַלאַדע פונם ווייסן
ברויט״. און די דאָזיקע זענען טאַקע צו פאַראיינצלט אין בוך,
אָבער ווי קיין דיסאָנאַנסן קלינגען זיי נישט. אדרבה, מען שפּירט:
זיי קאָנען באמת מאַנגערן ערגעץ־ווו דערפירן. זיי קאָנען אַריינ־
טראָגן אַ ניי לעבן אין זיין באַלאַדן־פאָרם, זיי קאָנען טון
וווּנדער: שאַפן אַ היינטצייטיקע ראָמאַנטיק. אין דער דאָזיקער
נייער באַלאַדן־פאָרם קאָן מאַנגער האָבן געננג רוים פאַר דער
„טונקעלער זעאונג״ און פאַר „דאָס ליכטיקע שטאַמלען״, וואָס
„פיבערט אין די אויגן און אויף די ליפּן״ נישט נאָר „ערב
נאַכט״, נאָר אויך אין דער טיפער נאַכט, ווען מען וואַרט צו־
מיינסטן אויף ערב־טאָג.

*
* *

מאַנגערס באַלאַדן, דער בולטסטער און וויכטיקסטער טייל פון זיין דערוויילִיקן שאַפן, פאַרמאָגן אין אַלע זייערע שטופעס גרויסע דיכטערישע מעלות. ער ווייסט דעם סוד פון צמצום. ער זאָגט דאָס נויטווענ(יקע. ער לאָזט דעם לייענער אַליין אויסל(בן די אויפגעוועקטע שטימונג. דאָס דאָזיקע מאָס-געפיל איז באַזונדערס דערשטוינלעך ביי אַ יונגן דיכטער. עס איז נויטיק אַ גרויסע דאָזע קונסט-געפיל, כּדי צו באַהערשן די ערשטע שטראָמענדיקע כוואַליעס פון כּישופדיקן וואָרט.

אַ באַווייז פאַר מאַנגערס דיכטערישער קולטור איז אויך דאָס, וואָס ער שרעקט זיך נישט אָפּ אין זיינע באַלאַדן פאַר אַ נישט געגראַמטער שורה. אַ סך יונגע דיכטער אונזערע האָבן זיך איינגעאַנצן אָדער כּמעט איינגעאַנצן געגעט מיטן גראַם (גיכער פון נויט, ווי פון פרייהייט-געפיל). אָבער מאַנגער געהער צו די, וואָס באַנוצן יאָ דעם גראַם און על-פּי רוב מיט גרויס אוממיטלבאַרקייט. אָבער ער לאָזט זיך נישט געפאַנגען נעמען פון גראַם. ווען זיין סובטעלער דיכטערישער געשמאַק זאָגט אים אונטער, אַז דאָ איז נויטיק דאָס אָדער יענץ וואָרט, וועט ער עס נישט מפקיר זיין צוליב אַ גראַם. באַגייט ער זיך אָן אים. נאָר די, וועלכע האָבן אָפּט געקריצט מיט די ציין איבער דעם זינלאָזן גראַם-געציג פון אַ סך דיכטער אונזערע, וועלן אָפּ-שאַצן די דיכטערישע ערלעכקייט פון מאַנגערס איינצלנע ווייסע פערזן אינמיטן אַ געגראַמט ליד.

וואָס שייך דער בילדערישקייט פון מאַנגערס באַלאַדן, האָבן זיי אָפּט דעם חסרון פון אַ געוויסער קאָנווענציאָנעלקייט. ער האָט אַ געוויסע צאָל דעקאָראַטיווע סימבאָלן, וואָס באַצירן זיינע באַלאַדעס. די דאָזיקע סימבאָלן באַשטייען פון אַ צאָל פאַרבן, ווי בלוי, שוואַרץ, וויאָלעט, פון געוויס נאַטור-כּוחות, ווי ווינט, למשל. דאָס טראָגט אַריין אַ מעכאַנישקייט אין דער בילדערישקייט פון זיינע באַלאַדעס, אָבער דאָס שטערט זיי נישט אין אַלגעמיין צו זיין פּלאַסטיש. „די באַלאַדע פון דער

בלענדעניש און די צוויי בריגאַנטן״, למשל, גיט זיך אַ שטעל פאַר אונזערע אויגן, ווי אויסגעהאַקט אין שטיין.

„צוויי רייטערס אין זאָטל,
מיט ווינט אין די בערד.
אַ וואַלד, אַ טייך.
אַ בריק.
האָפּ־האָפּ.
אַריבער!
סילועטן און ביימער פליען צוריק,
אַ זומפּ,
האָפּ־האָפּ
אַריבער!״

די געגנשטאַנדן און די האַנדלונגען וואַקסן אויס ווי סקולפּטור־אַרבעטן אין דינאַמישן שווונג.

אָדער די וווּנדערבאַרע „באַלאַדע פון דער ווייסער קראַנקן־שוועסטער״, אַ ליד פון אַזאַ פּלאַסטישער בילדלעכקייט, אַז עס גלייבט זיך קוים, אַז דאָס געפינט זיך אין דעם ערשטן לידער־בוך פון אַ יונגן דיכטער.

* * *

מאַנגער זעט נישט נאָר זעאונגען, ער טוט אויך תפלה, לויט זיין אייגענער גליקלעכער באַצייכנונג.

שוין די באַלאַדע זיינע ווערט פאַרפלייצט דורך ריין־לירישע כוואַליעס. עס טרעפט אַפילו, אַז די איבערשריפט „באַלאַדע״ איז בלויז אַ רעזולטאַט פון מאַנגערס ליבע צו דער דאָזיקער דיכטערישער פאָרם. אינדערעמתן האָבן מיר פאַר זיך אַ כשר־ליריש ליד, ווי למשל, די „באַלאַדע פון די שמייכלען״ און אַנדערע. פונקט ווי מאַנגער פאַרברייטערט די באַלאַדע־פאָרם און נעמט אין איר אַריין פאַרשידענע אינהאַלטן, אַזוי נעמט ער אויך אַריין אין איר ריין־לירישע לידער. דאָסזעלבע איז מיט זיינע לירישע לידער. מאַנכע פון זיי וואָלטן גיכער געקאָנט אַריינגיין אין ציקל פון מאַנגערס באַלאַדעס (ווי למשל,

„ביים וועג", ז. 78). די גרענעצן צווישן מאַנגערס באַלאַדע און מאַנגערס לירישן ליד זענען גאַנץ פליסיק.

* *
*

איבער מאַנגערס בוך שוועבט נאָך כאַאָס, אָבער שעפערישער כאַאָס. מאַנגער וויקלט זיך נישט נאָר אין זיבן טרויערן, נאָר אין זיבן און זיבעציק, און דאָך שפּירט ער מאָמענטנווייז, אַז „טיף אין מיר צינדן אָן שאָטנס גלויביקע פייערן", און „קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן". גלייכצייטיק מיט זיין וויסן

„אַז גרעסער ווי דאָס ליכט,
וואָס ברענט אין ווינקל שטיל און פרום,
איז אָט די גרויסע פינסטערקייט,
וואָס נעמט די גאַנצע וועלט אַרום",

וויים ער אויך, אַז „ליכט איז די גרויסע מאַמע פון דער וועלט". און אויב ער האָט זי „פאַרלייקנט און פאַרשטויסן", קערט ער זיך איצט אום צו איר אַ צענפאַך גלויביקער.

אין מאַנגערס שעפערישן כאַאָס צייכנען זיך צום בולטסטן אָן דער קאַמף אין אים צווישן פינסטערקייט און ליכט, צווישן אויפבויענדיקן אָפּטימיזם און צעפרעסנדיקן פּעסימיזם. דער דאָזיקער קאַמף אין מאַנגערס לידער האָט באַקומען אַ כמעט דראַמאַטיזירטן אויסדרוק אין צוויי סעריעס לידער וועגן קריסטוס און וועגן בעל-שם. ער האָט זיי ביידע ליב, דעם וועלט-פאַרלייקענער און דעם וועלט-באַיאָער, דעם האַר פון לייד און דעם האַר פון פרייד. ער האָט זיי ביידע ליב, ווי מען האָט ליב אייגענע געשטאַלטן. ער גיט אָפּ זיין נשמה דאָ איינעם, דאָ דעם צווייטן. די דאָזיקע צוויי סעריעס מאָטיוון אין מאַנגערס ליריק זענען די וויכטיקסטע עלעמענטן אויף צו פאַרשטיין דעם דיכטער. די דאָזיקע מאָטיוון קרייצן זיך אָפּט און גייען זיך יעדער אין זיין ריכטונג. מאַנגער איז פול מיטן סימבאָל פון קרייציקונג, דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס געפינט זיך זייער אָפט אין זיינע לידער, אָבער „מיטאַמאָל גייט אויף אין אים

אַ ליכט, אַ פרייד, אַ קיינמאָל נישט געאַנטע פרייד". און מאַנגער גיט צו, אַז „דער פרעמדער אורח, וואָס פילט די דאָזיקע פרייד, ווייס נישט, אַז „אויף יענער זייט טיר הייליק און גרויס דער בעל־שם־טוב שטייט". דערפאַר אָבער ווייסט דאָס מאַנגער.

די דאָזיקע צוויי קעגנזעצלעכע געפילן מעסטן זיך אין מאַנגערן מיט די כּחות. זיי באַוועגן זיך שוין נישט מיט טיילן זיין נשמה. זיי פירן אַ קאַמף פאַר איר גאַנצער באַהערשונג. און אין כאַאָסדיקן קאַמף פאַר מאַנגערס נשמה הויבט, דאַכט זיך, אָן צו זיגן דער בעל־שם.

אין וווּנדערבאַרן ליד „פון יעדן שטיין", וואָס איז פּרעכטיק אין דער פּלאַסטישער קראַפט, אין דער טיפקייט פון געדאַנק און אין דער לירישער ריינקייט, רופט ער אָן דעם געקרייציקטן מיט אַ נאָמען, וועלכן ער באַנוצט צום ערשטן מאָל. און דער געקרייציקטער ווענדעט זיך צום וואַסער־טרעגער: „באַפריי מיך, גרויסער מענטש, פון וועג. די טויזנט ווונדן אויף מיין גוף, די דערנער־קרוין איז מיין פאַרמעג". און דער וואַסער־טרעגער ענטפערט אים: „לייקן אין דיין צלם אָפּ, טו אויס דעם אָרעמאָל פון לייד, דערקען דעם שטויב, דערקען דעם מענטש — די בריק צו גאָט, די בריק צו פרייד".

אין איינעם פון זיינע דיכטעריש־פּראָגראַמאַטישע רעפּעראַטן האָט מאַנגער געזאָגט, אַז די אילוזיע — דאָס איז דער גרעסטער אָפּטימיזם. און די אילוזיע איז מאַנגערן גאָר נאָענט, ער האָט אפילו אַ ספּעציעל ליד צו איר — „אילוזיע שוועסטער" (ז. 149). אָבער גראָד דאָס דאָזיקע ליבּ־געזאַנג פאַר דער אילוזיע ווייזט, אויף וויפל מאַנגער איז נישט גערעכט. ער בעט זיך ביי זיין שוועסטער דער אילוזיע, זי זאָל אים מאַכן פאַרגעסן אין דער ווירקלעכקייט. „די הענט, וואָס ברעכן זיך אין דער פינסטער פאַר קראַנקע טויערן און טויבע ווענט — זאָג: ס'איז אַ בלענדעניש אַזאַ, וואָס בלענדט, און פרייד איז פאַראַן אין דער טרער דער מינדסטער". אָבער אמתער אָפּטימיזם נויטיקט זיך נישט אין פאַרגעסן. דער עכטער אָפּטימיזם באַשטייט

נישט אין זאָגן, אַז עס איז שיין, נאָר אין שפּירן, אַז ס'איז שיין, אין ווילן צו מאַכן שיין, אין דער איבערצייגונג, אַז מען קאָן מאַכן שיין. דער אָפּטימיזם באַשטייט נישט אין דער קראַפט פון אילוזיע, נאָר אין דער קראַפט צו פאַרוואַנדלען.

אָפּטימיזם, וואָס זעט נישט „די הענט, וואָס ברעכן זיך אין דער פינסטער", איז בלינד. דאָס איז אַ גראָשנדיקער אָפּטימיזם, וואָס איז ערגער פאַר דער ערגסטער שוואַרצזעעריי. אָבער אילוזיע, וואָס וויל נישט זען „די הענט וואָס ברעכן זיך אין דער פינסטער" איז זעלבסט-גענאַרעריי, איז פּחדנות פון שוואַכקייט. עכטער אָפּטימיזם איז טראַגישער אָפּטימיזם, ד. ה. אַזאַ, וואָס זעט „די הענט, וואָס ברעכן זיך אין דער פינסטער" און ער שטרעקט אויס צו זיי אַ ברודערלעכע, מונטערנדיקע האַנט. אָפּטימיזם וואָס איז ווערטפול, מוז דורכמאַכן דעם וועג פון וויקלען זיך אין זיבן טרויערן, ווייל נאָר דער יאָ פון וויסנדיקן האָט אַ ווערט. ווען מאַנגער וועט דערגרייכן צו דער שטופע פון טראַגישן אָפּטימיזם, וועט זיין אָפּטימיזם זיין ווערטפול. און מאַנגער האָט אין זיין בוך אַ סך שטעלן, וואָס זאָגן אומצווייפלדייטיק עדות, אַז ער אַנט שוין אָפּטמאָל אַן אָפּטימיזם פון אַ גרויסן ווערט, פון אַ באַדייטנדיקער טיפקייט און שיינקייט. ווען מאַנגער זינגט: „דער אומרו, דער מינדסטער און דער קלענסטער, רייסט אויף אַ נערוו אין ריטם פון דער וועלט", ווייזט דאָס נישט נאָר, אַז מאַנגער האָט אַן אויער פאַר דעם מינדסטן אומרו, נאָר אויך, אַז ער פילט מיט זיין זעקסטן דיכטערישן חוש דעם ריטם פון דער וועלט, אָט דעם אייגנאַרטיקן געפיל פון קאָסמישער איינהייט, וואָס איז דער טיפסטער און פעלזנפעסטסטער פונדאַמענט פון יעדן אָפּטימיזם.

אָבער דאָס דאָזיקע געפיל פון קאָסמישער איינהייט איז דערווייל בלויז איינער פון די עלעמענטן, וואָס קעמפן אין מאַנגערס שעפערישן כאַאָס פאַר זיין נשמה. גלייכצייטיק פילט ער זיך אַלס „נביא, וואָס האָט פאַרלוירן דאָס וואָרט פון גאָט" און ער שטייט אַ פאַרשעמטער אויפן שליאַך און וויקלט זיין גוף „אין זיבן טרויערן".

צווישן די נישט וויניקע לידער, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק דער דאָזיקער קאַמף אין מאַנגערן, איז דאָ איינס, וואָס איז באַזונדערס צאַרט און קלאָר. „אָ, גיב מיר פליגל, געניוס! — בעט זיך דער דיכטער, — גיב מיר פליגל! דאָס גאָלדענע ווונדער דורכצופליען און ביי די שוועלן פון דער אייביקייט און ביי די ברעגעס פון איר בלויער פרייד, לאָז מיך מיין מידקייט אויסרוען. וואָס איז דער צער און די טרויעריקייט מער ווי אַ שפּיל פון שוואַרצע גייסטער? אַ בלענדעניש פון טרויעריק שיינע שטערן, וואָס לאָזן נישט דעם קאָסמישן ריטם הערן, און נישט דערקענען זיין גרויסן מייסטער".

לאָמיר ווינטשן דעם דיכטער, וואָס גיכער זיך צו באַפרייען פון דער בלענדעניש פון זיינע טרויעריק־שיינע לידער, און דערהערן דוירנדיק דעם ריטם פון דער וועלט. דערביי דאַרף מען אים דערמאָנען זיינע טיפע פערזן פונם ווונדערבאַרן ליד „פון יעדן שטיין": „דערקען דעם שטויב, דערקען דעם מענטש, די בריק צו גאָט, די בריק צו פרייד". ווייל דער קאָסמישער ריטם אָן מענטש איז פונקט אַזאַ עלנטע זאַך, ווי דער מענטש אָן קאָסמישן ריטם.

* *
*

אויך אין מאנגערס ליריק לאָזט זיך בולט מערקן היינעס השפּעה. לייענט מען, למשל, אַזאַ ליד, ווי „טרויעריק ליד" (ז. 42), דאַכט זיך כסדר, אַז אָט־אָט וועט מען זיך דערמאָנען אין וואָס פאַר אַ ליד פון היינריך היינע עס זענען דאָ די דאָזיקע שורות, דער דאָזיקער ריטם, די פיינע ווייטאָגלעכע איראָניע. מאַנגער וועבט אפילו אַריין אַ מאָל אַ בפירוש היינעשע שורה ווי אינם ליד „מעמענטא מאָרי":

„ביים ווייטן ברעג פון האָריזאָנט,
זיצן דריי פּאַרצן און שפּינען".

איך זאָג דאָס נישט לגנאי, נאָר גיכער לשבח: מאַנגער האָט גוטע דיכטערישע טראַדיציעס. דאָס געדיכט „טרויעריק ליד"

איז מייסטערהאַפט געשריבן: די זעלבסט־איראָניע איז זעלטן פיין און דער פערז און די בילדער זענען גראַציעז, ווי זעלטן אַ ליד אין דער יידישער פּאָעזיע.

נישט נאָר די היינעשע השפּעות פאַרקרובהשן מאַנגערס ליריק מיט זיינע באַלאַדעס. אויך אַ געוויסע דאָזע קאָנווענציאָנעלע סימבאָלישקייט, וועלכע מיר טרעפן אין די באַלאַדן, חזרן זיך איבער אין די לירישע לידער (פרייד, למשל, איז כמעט תּמיד בלוי). און אַלס ריין־לירישע שאַפונגען ליידן זיי פון דער דאָזיקער פאַרגליווערטער בילדלעכקייט מער, ווי די באַלאַדעס, ווו זיי שטערן ווייניקער.

עס שוועבט נאָך אָפּט איבער מאַנגערס ביכל דער אָטעם פון כאַאָס, פון ברויזנדיקן אינערלעכן פאָרמירונג־דראַנג. דאָס שטורעמדיקע אין אים זוכט אַן אויסוועג, אַן אויסדרוק. פיל לידער זענען ווי נישט קיין געלייטערטער מעטאַל, אומקלאָר פול מיט פסולת. אָבער דאָס מעטאַל קוקט אַרויס אויך פון זיי, מען שפּירט אים אין דער אומקלאָרער מאַסע, מען פילט אים אין דער וואָג.

הגם מאַנגערס ברויזנדיקייט איז אין אַלגעמיין אַן עכטע, אָנגעלאָדן מיט אינהאַלט, מיט זין און געפיל, פונדעסטוועגן רייסט זיך אַמאָל אַרויס ביי אים דער זינלאָזער ליאַרעם, וואָס האָט אַזוי פיל געשטערט דער אַנטוויקלונג פון אַזאַ גרויסן דיכטער, ווי פּרץ מאַרקיש. ווען מאַנגער שרייט אויס אין סוף פון זיין „יאַסער שניידערל": „מיר זענען איצט בילדער געצייכנט אויף נאַכט, און צעשויבערט אויף ווינט, פון אַ יינגן פּאָעט אין יאַס, דער קרוינשטאָט פון מאָלדאַוואַ", באַווייזט דאָס נישט מער, אַז מאַנגערן האָט זיך געוואָלט אַ געשריי טון. און מאַנגערס בעסטע באַלאַדן און לידער זענען טאַקע נישט ברויזנדיק, נאָר רואיק. פון די באַלאַדן זענען צום בעסטן די שטילסטע, ווי „די באַלאַדע פון ווייסן ברויט", „פון פאַרלוירענעם שעפעלע". פון די לירישע לידער זענען צום בעסטן די תּפילהדיקסטע, ווי „דאָס וואַסער טונקלט", „פון יעדן שטיין" און אַנדערע. די דאָ-

זיקע לירישע לידער געהערן, לויט זייער ריינער טיפער ליריש־קייט, צו די בעסטע לידער נישט נאָר פון מאַנגערס ביכל.

מאַנגער קאָן אין די דאָזיקע לידער פיקסירן געפילן, וואָס געהערן צו די דערהויבנסטע אין מענטשן און וועלכע עס איז צום שווערסטן איינצוצאַמען אין ווערטער. אין אַ פרעכטיק ליד: „אויף טונקעלע טרעפ" (ז. 19) פרובוט מאַנגער איבערגעבן דאָס געפיל פון אייביקייט, פון דערהויבנקייט איבער אַלדאָס דאָ־וועלטיקע. ער זינגט:

„ווער האָט אַצינד מיין האַנט באַרירט?
די שעה פון תשובה און געבעט!
מיין האַרץ קלאַפּט שאַרף, ס'שפּירט אויף זיך
דאָס שטרענגע אויג פון דער אייביקייט.
און אונטער מיינע פיס גייט דורך
אַ קנויל פון זון און שטויב — די ערד.
אַ בליץ פלאַמט אויף און ליכטיק ווערט
און פינסטער ווערט — — — גאָט, מיין,
גאָט, וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט?!"

אין אַזעלכע פשוטע שורות איבערגעבן דעם דערשטוינטן רעליגיעזן ציטער פאַרן לעצטן סוד, קאָן נאָר אַ גרויסער דיכ־טער, וואָס פילט און זעט, וואָס לעבט איבער וויזיעס פון דעם אומאויסדריקלעכן און קאָן פאַרפיקסירן אין ריטמישע ווערטער זייער שטימונג.

און ווי רירנדיק און פלאַסטיש ער קאָן אויסדריקן די פשוטסטע מענטשלעכע געפילן:

און ס'איז דער חלום אַזוי שטיל און קלאָר.
אַזוי שטיל און קלאָר, אַזוי שטיל און שיין,
ווי אונזער גיין דורך טונקל־בלויע טירן.
נאָר פלוצים — הער אַ זילבערן געוויין,
אַזוי פון זיך, אַזוי פון זיך אַליין —
דער פחד, אַז אַלצדינג קען זיך נאָך פאַרלירן".

* * *

דאָ דאַרף מען באַמערקן, אַז דידאָזיקע טונקל-בלויע טירן זענען נישט קאָנווענציאָנעל, ווייל זיי שאַפֿן אַ בילד, וואָס פּאַסט זיך אַריין אין דער שטימונג, נאָכמער — זי העלפֿט זי שאַפֿן.

ווי אַ צווייגל אין ווינט

איציק מאַנגערס „לאַמטערן אין ווינט“:

אין פֿאָרוואָרט צו זיין ערשטן לידער-בוך „שטערן אויפֿן דאַך“, זאָגט מאַנגער: „די סאָציאַלע און גראָטעסקע אַקאָרדן, וואָס ציטערן ווי דיסאָנאַנסן אין בוך, נעם איך אַרום מיט אַ באַזונדער ליבשאַפֿט: אפשר וועלן זיי מיך ערגעצוווּ דערפֿירן“.

ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע „באַזונדערע ליבשאַפֿט“ איז דערווייל געבליבן אומפּרוכטבאַר: אין צווייטן לידער-בוך מאַנגערס, אין זיין „לאַמטערן אין ווינט“, זענען די סאָציאַלע אַקאָרדן נישט געוואָרן שטאַרקער. אדרבה, זיי קלינגען אַ סך זעלטענער אפילו אַלס דיסאָנאַנסן. און אַז זיי טרעפֿן זיך שוין יאָ, זענען זיי אַ סך שוואַכער פֿאַר די דיסאָנאַנסן אינם ערשטן בוך: די „מלחמה-באַ־אַדע“ קאָן נישט אויסהאַלטן קיין פֿאַרגלייך מיט דער „באַלאַדע פֿון ווייסן ברויט“. די „דיסאָנאַנסן“ אין מאַנגערס דיכטונג האָבן אים דערווייל אינערגעץ נישט אַוועקגעפֿירט, אינערגעץ נישט געבראַכט. ער איז געבליבן ביי זיין כאַאָסדיקן הויפּט-טאָן, אַ פּרוכטבאַר צווייגל אין ברוינעם סעפּטעמבער-ווינט.

* *
*

מאַנגערס צווייט לידער-בוך איז, אין תּוך גענומען, אַ צווייטע — פֿאַרבעסערטע — אויפֿלאַגע פֿון ערשטן. אין דאָזיקן בוך זענען כמעט נישטאָ קיין נייע מאָטיוון. אַ טייל ריין-בלוטיקע ראָמאַנטישע באַלאַדעס פֿון „לאַמטערן אין ווינט“ פֿאַרמאָגן נישט די אוממיטלבאַרע פֿרישקייט פֿון די קרובהשע באַלאַדעס

אין „שטערן אויפן דאַך", אָבער לויט דער פאָרם און לויט דער פּאָבולע זענען זיי נישט דער ערך ראַפינירטער און קאָמפּליצירטער. די מערהייט באַלאַדעס פון ערשטן בוך זענען געווען דורכזיכטיק סיי אין דער פאָרם, סיי אין אינהאַלט. די באַלאַדעס פון צווייטן בוך זענען פאַרנעפּלט סיי אין זייער בילדלעכן אויסדרוק, סיי אין זייער פּאַבולישן און געדאַנקלעכן אינהאַלט. אַזעלכע באַלאַדעס, ווי „די באַלאַדע פון ווייסן שיין", „די באַלאַדע פון גאַסן־מיידל", „די באַלאַדע פונם אַלטן גלח, דער קלאַנקער מאַרי און דעם שוואַרצן תהי־לימל" זענען ממש „קלאַסיש" אַלס מוסטערן פון דער ראָ־מאַנטישער באַלאַדע, אין פאַרגלייך מיט דער „לבנה־באַלאַדע" און דער „באַלאַדע פון די בלאָע קריגעלעך". שוין אָפּגערעדט וועגן אַזעלכע באַלאַדעס, ווי די „שפּיטאָל־באַלאַדע", „די באַ־לאַדע" (ז. 77), וואָס זעען אויס, ווי דער אַפּאָקאַליפּסיס אַקעגן די מעשהלעך פון „בראשית". אָדער אַזאַ סתם־שפּילערייַ, ווי „האַרבסט־באַלאַדע", וואָס האָט געקאָנט הייסן אויף „תמוז־באַלאַדע"... עס איז נישטאָ אין דידאָזיקע באַלאַדעס נישט קיין קלאָרער אינ־האַלט, נישט קיין קלאָרע בילדער, און דאָס אומקלאָרע ווירקט נישט סוגסעסטירנדיק, עס רייסט נישט מיט אין אַ שטימונגס־וועלט, ווי דאָס אומקלאָרע לייזט זיך אויף אין דער קלאָרער שפּראַך פון געפיל. די בילדער בלייבן דאָ איזאָלירט אין זייער פּרעטענציאָנעלער געקינסטלטקייט („איך בין אַ פאַרלוירענע ליקוי־חמה") און פּרוּכטלאָז אין זייער איזאָלירטער, קאַלטער שיינקייט. אין בעסטן פאַל קייקלען זיך דורך פאַר אונז די פערזן ווי צעשאָטענע פּערל.

אָבער אויך אין צווייטן בוך געפינען זיך „קלאַסישע" מוס־טערן פון באַלאַדע, און אין דידאָזיקע ווייזט מאַנגער אַרויס אַ סך אַ רייפערע קינסטלערישע קראַפט. אַזעלכע באַלאַדעס, ווי „די באַלאַדע פון דער זונה און דעם שלאַנקן הוזאַר", „די באַלאַדע פון דעם ייד, וואָס איז געפאָרן אויפן יריד", „די באַ־לאַדע פון דער ווערבע" און אַנד. זענען אַ באַווייז, אַז מאַנ־גערס געשטאַלטנדיקע קראַפט איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. שוין

אָפּגערעדט וועגן אַזעלכע באַלאַדעס, ווי „באַלאַדע אין צע־דור”, „די באַלאַדע פון דעם בעטלער מיט דעם זיידענעם העמד”, „די באַלאַדע פונם אַלטן פישער”, „די באַלאַדע פונם האָלצהאַקער”, „די באַלאַדע פונם שטערנטיכל”. אין די דאָזיקע — און ענלעכע — באַלאַדעס שפּירן מיר דעם עכטן טאָן פון יענער פּלייט, וועגן וועלכער מאַנגער זאָגט, אַז זי בלייבט אייביק,

„כּדי צו דערמאָנען אַמאָל־אַמאָל
„דעם פישער ביים ים און דעם פּאַסטוך פון טאָל
„אין אַלצדינג, וואָס פאַרגייט”...

אין „לאַמטערן אין ווינט” איז אויך נישט ווייניק פאַרטראָטן די קאָנווענציאָנעלע, טויטע סימבאָליק פון מאַנגערס ערשטן באַנד לידער. עס ווימלט נאָך אויך דאָ מיט אַזעלכע ביי מאַנגערן סטערעאָטיפּ־געוואָרענע בילדער, ווי „בלאָ געוויין” און „בלאָנדער צער”. און ווען מען זאָגט אָן דער לעצטער קעניגין אַ שלעכטע בשורה, דריקט דאָס מאַנגער אויס אַזוי: „אַ שוואַרצער פויגל כליפּעט אין דיין קרוין”, ד. ה. ער באַנוצט אַ אויסערלעכסטן מין סימבאָליק, וואָס זיין טאַטע איז דער דעקאַדאַנס פון סימבאָליזם. אָבער די דאָזיקע אָפּט־פאַרטראָטענע טויטע סימבאָליק, וואָס ווירקט אַזוי געשמאַקלאָז גראָד ביי מאַנגערן, ווערט געשטעלט אין שאָטן דורך מאַנגערס עכטער בילדערישקייט, וואָס ווירקט סימבאָליש — און וואָסער עכטע קונסט ווירקט נישט סימבאָליש? — דורך איר אינטענסיווער געפיל־אָנגעלאָדנקייט.

רעדנדיק וועגן די באַלאַדן פון „לאַמטערן אין ווינט”, מוז מען באַזונדערס דערמאָנען די הומאָריסטיש־גראָטעסקע באַלאַדן. דער דאָזיקער פּרעכטיקער זשאַנר איז אויך געווען פאַרטראָטן אין ערשטן בוך, אָבער אין איצטיקן זענען זיי פאַרטראָטן — אמת נישט צאָלרייכער, דערפאַר אָבער ווערטפולער. די „כעלמער באַלאַדע”, „בערל בראָדער געזעגנט זיך מיט זיינע תּלמידים אין יאַס”, „די באַלאַדע פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער” זענען מייסטערהאַפט מיט זייער פאָלקסטימלעכן הומאָר.

* *
*

אין די אייגנטלעכע באַלאַדן פון „לאַמטערן אין ווינט" געפינען מיר בלויז דעם פריערדיקן מאַנגער פון „שטערן אויפן דאַך", הגם אַ רייפערן און ראַפינירטערן, אָבער מאָמענטנ-ווייז אויך אַ באַרויבטן פון זיין לכתחלהדיקער אוממיטלבאַרקייט און פשטות.

דאָס זעלבע קומט אויס צו זאָגן וועגן מאַנגערס אייגנט-לעכער ליריק אין צווייטן באַנד. מאַנגער איז אויך אין זיין ליריק פאָרם-רייפער. אַזאַ ליד ווי „סיפיליס" טרעפט מען זעלטן אין דער יידישער ליריק. די וואָרט-קנאַפקייט און די בילדע-רישקייט פון דאָזיקן סאָנעט איז נישט קיין דורכשניטלעכע. די טעמע — סיפיליס — ווערט אַזוי דיסקרעט און טיף באַהאַנדלט, פון איר נשמהדיקסטער זייט, וואָלט איך געזאָגט. אַ יונגער לייטענאַנט באַגעגנט אַ דאַמע אויפן טראָטואַר. זיי גייען אַריין אין אַ באַר.

„ליכט. מוזיק. אַן אַלטער דיריגענט
„אין שוואַרצן סמאָקינג שליידערט מיט די הענט
„אַ ווילד געוויין נאָך ליבע און נאָך גליק,
„אויף אַ מאַרמאָר-טישל צוויי באָקאַלן וויין.
„דער לייטענאַנט קוקט זיך אין זיין דאַמע איין —
„און שוידערט אויף און פאַלט אין זיך צוריק".

אַזוי אויסשעפן אַ טעמע — און דערשיטערנדיק זי אויס-שעפן — דורך געציילטע, דוכט זיך זייטיקע בילדער, אַזוי אָפּ-שפיגלען אַ נשמה-צושטאַנד אין עטלעכע אויסערלעכע אימ-פרעסיאָניסטישע פענדזל-שטריכן, — קאָן בלויז אַ מייסטער-ווערכער נויטיקט זיך נישט אין ביליקע שפּראַכלעכע עפעקטן.

אָבער קיין נייע מאָטיוון זענען אין מאַנגערס ליריק נישט אויפגעקומען אין צווייטן ביכל. דער דאָמינירנדיקער טאָן פון מאַנגערס ליריק איז נאָך אַלץ דער פיבערדיקער קאַמף אין אים צווישן טיפן גלויבן אין לעבן און יאושדיקן ציטער פאַרן

גאָרנישט. מאַנגערס לירין איז נאָך אַלץ אַ כאַאָטישער קאַמף־פּלאַץ צווישן לעבנסלוסטיקן אָפּטימיזם און לעסטערנדיקן, ציניש־פאַרצווייפלטן פעסימיזם.

בעת אין אַזעלכע אומפאַרגלייכלעכע לירישע לידער ווי: „כ׳וועל אויפשטיין מאָרגן אינדערפרי" (ז. 60), „צי ווייסטו ווער דער וואָלקן איז?" (ז. 62) קומט צום פולסטן אויסדרוק אַ גייסטיקער גלייכגעוויכט, אַ פריידיקע דורכגעדרונגנקייט מיטן קאָסמאָס, שרייט אַרויס פון אַנדערע לידער דער יאוש פון כאַאָס:

„גאָט, מיין גאָט! מיינע בלייכע הענט
„פיבערן נערוועז אויף מאָרד און רויב,
„כאָטש מיין נשמה איז בלוי ווי דער אַפּריל
„און וואָרקעט אין די נעסטן ווי אַ טויב".

די רירנדיקסטע לירישע טענער רייסן זיך אַרויס ביי מאַנגערן, ווען ער נעמט בענקען נאָך האַרמאָניע. און טאַקע אין פשוטסטן — און דערפאַר אפשר דערשיטערנדיקסטן — מענטש־לעכן זינען:

„דורכן לעבן גייט מען נישט סתם אַזוי,
„נישט אייביק קאָן מען זיך חברן מיטן ווינט, —
„ס׳בענקט נאָך דיר אַ וויג,
„ס׳בענקט נאָך דיר אַ קינד,
„ס׳בענקט נאָך דיר אַ פרוי".

— — — — — — —

„גאָט, וואָס דיין איינציקע גרויסקייט איז,
„וואָס דו ביסט פון בראשית אָן אַליין,
„זע! אין די פאַלדן פון דיין קלייד
„וואַרף איך ווי אַ ממזר מיין געוויין".

און אויב עכטע רעליגיעזיטעט איז: דאָס שטיין מיט אַ פרום געמיט (אויך אין לעסטערן קאָן שטעקן אַ פרום געמיט!) פאַר די לעצטע רעטענישן פון וועלט און לעבן, בענקען נאָך דער לעצטער אַנטפּלעקונג פון אַן אמת, — איז מאַנגער אין זיין

בענקשאַפט נאָך גייסטיקער האַרמאָניע, נאָך גייסטיקן גלייכגע-וויכט טיף-רעליגיעז:

„ווי אַ מערדער מיט אַ מעסער אין דער האַנט,
„וואָס וואַרט אויף זיין קרבן שפעט ביינאַכט,
„וואַרט איך אויף דיינע טריט, מיין גאָט.
„זע, דיין גענאָד האָט נאָך קיינמאָל נישט געלאַכט
צו מיר, דעם אייניקל פון איסקאַריאָט.

— — — — — — — — — —

„נאָר איינמאָל דיך זען! נאָר איינמאָל זאָל
„איך וויסן, צי דו ביסט באמת דאָ,
„אַז דו קרוינסט באמת דעם צדיק מיט דיין ליכט
„און אַז דיין הימל איז באמת בלאָ —
„און איך וועל באַהאַלטן פאַר בושה מיין געזיכט".

דאָס דאָזיקע ליד גופא איז אַ באַווייז, אַז גאָטס גנאָד האָט יאָ אַ לאַך געטון צו אים.

* *
*

דאַן, ווען גאָט גיט אַ שמייכל צו אים (אין גאַנץ זעלטע-נע מאָמענטן) און פון מאַנגערס כאַאָס שיילט זיך אַרויס זיין האַרמאָניש געפיל, דערגרייכט ער צו אַ הויך, וואָס איז אין דער יידישער דיכטונג אַ זעלטענע דערשיינונג. אויך דידאָזיקע געבענטשטע מאָמענטן קאָנען מיר פון מאַנגערס ערשטן לידער-בוך. די בעש"ט-לידער פון „שטערן אויפן דאַך" זענען אומפאַר-געסלעך. אין „לאַמטערן אין ווינט" זענען זיי הגם נישט אָפ-טער, אָבער רייפער, שטאַרקער, איבערראַשנדיקער. אויך אין דאָזיקן פּרט איז מאַנגערס צווייט בוך אַ צווייטע—פאַרבעסערטע—אויפלאַגע פון ערשטן.

אין קורצן פאָרוואָרט צום בוך זאָגט מאַנגער: „דאָס בוך איז געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין מאַמען—ווייל זי האָט אין מיר אַריינגעזונגען יענעם רעליגיעזן ציטער, וואָס האָט שוין נישט איינמאָל אין קריטישע מינוטן געראַטעוועט מיין לעבן און מיין ליד".

אַז דאָס איז נישט קיין איבערטרייבונג באַווייזט מאַנגערס ליד „די באַלאַדע פון דעם פּאָדעלאָיער רבֿ". דאָס איז מער ווי אַ ליד—אַ גרויס ווערק. ווען פרץ וואָלט דאָסדאָזיקע ליד געקאָנט לייענען, וואָלט ער אין אים דערקענט דעם פולקאָמען אויסדרוק פון זיין פאָלקסטימלעכן שאַפן. דאָס דאָזיקע ליד שטייט העכער אפילו פון אַזאַ געניאַל ליד, ווי „די תּפילה פון איוואַן דעם שכור". יעדעס וואָרט, יעדע שורה איז פול מיט געלייטערטער שיינקייט און זיכערקייט פון עכטע שטיל-ליטעראַ עקסטאַז-מאָמענטן. יעדער פּרט איז דאָ העכסטער סימבאָל, יעדעס בילד אַן עפּישע פּאָעמע. וויפל מאָל מען זאָל נישט לייענען דאָס ליד, פילט מען זיך ווי אויף אַ צויבער-וואַנדערונג דורך אַ זומער-וואַלד אין אַ לבֿנה-נאַכט: יעדער קלאַנג איז מוזיק, אומעטום, ווו עס פאַלט דאָס אויג, איז דורכזיכטיק-ריין, נשמה-יתירהדיק.

„פון אַלע וועגן געגנענט די נאַכט.
„מיט וואָס האָסטו, ייִד, דעם טאָג פאַרבראַכט?

— — — — — — — — — — — — —

„... ווי! זיין האַרץ ווערט שווער און פאַרקלעמט:
„מיט צער דעם הייליקן מיטוואָך פאַרשעמט".

מיט וואָסער פּשוטן מיטל מאַנגער גיט איבער דאָס געפיל פון אייביקער שבת-יום-טובדיקייט: „דעם הייליקן מיטוואָך!"

און דער פּאָדעלאָיער רבֿ גייט אַרויס, אַ יום-טובדיק אָנגעטוּנגער, און דערזעט דעם אויסגעשטערנטן הימל. און דער אויסגעשטערנטער הימל פילט אָן זיין האַרץ מיט פריידיקן באַוווסטזיין, אַז זיין קלאָגן אויף גלות השכינה האָט „נאָך נישט פאַרשעמט" מיט זיין טרויער „דעם גאַנצן מעת-לעת".

ווי פיין—און מיט וואָסערע פּשוטע מיטלען—מאַנגער גיט דאָ איבער דעם קאָנטראַסט צווישן דעם געמיט און דעם אַרום, די פלוצלונגדיקע ווירקונג פון אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיט דער וועלט, מיטן אויסגעשטערנטן הימל איבער אונז, מיט דאָס

איינציקע אין דער נאַטור, וואָס רייסט אָפּ דעם מענטש אינ־גאַנצן פון זיין פאַרגענגלעכער ערדישקייט.

דאָס אויג ווערט פריי פאַרן אַרום. און דער פּאָדעלאָיער רב זעט:

„... אַ לאַמטערן ציטערט אין ווינט
„און שפּילט זיך מיט זיך, ווי ס'שפּילן זיך הינט
„מיט די אייגענע שאָטנס ערב נאַכט.
„ער זעט, ווי אַ פורמאַן פּאָיעט זיין פערד
„ביים טונקעלן ברונעם. ער זעט און הערט.
„דאָס אָוונט־ליד פון דער שוואַלב, וואָס איז וואַך
„און פלאַטערט אַ בלויע פון דאַך צו דאַך".

די דאָזיקע עטלעכע פשוטע בילדער זענען עפּיש וואָגי־קער, ווי אַנדערע גאַנצע ראָמאַנען. בלויז דאָס איינע בילד „ווי ס'שפּילן זיך הינט מיט די אייגענע שאָטנס ערב נאַכט" צוי־בערט אַרויס אין אונז דעם אָוונט מיט זיין שטימונג, מער ווי צענדליקער זייטלעך רעאַליסטיש־דעטאַלע אָוונט־באשרייבונגען.

און דער פּאָדעלאָיער רב זאָגט אַזוי:
„אַז ווייל איז צו מיר, וואָס איך גיי און טרעט
„איבער דער ערד, ווי אין אַ געבעט".

און קיין שום זאַך קאָן נישט שטערן דעם דאָזיקן מענטש־געוואָרענעם געבעט. די דאָזיקע אינערלעכע האַרמאָניע פון מענטשנס צוזאַמענגעאָסנקייט מיטן קאָסמאָס. מאַנגער איבער־צייגט אונז דערין דורך דעם זיכערסטן און קנאַפּ־וואָרטיקסטן מיטל: דורך אַ סימבאָליש בילד פון דאָס טרויעריקסטע, וואָס קאָן נאָר זיין—אַ פאַרגעסן קינד.

דער רב פון פּאָדעלאָי דערזעט אַ פאַרגעסן קינד, ער שטוינט דערויף און שטוינט

„... ביז ס'ווערן בלינד
„די אויגן זיינע. איז וואָס איז דער מער?
„אַז ס'ווערט דאָס האַרץ אויף אַ רגע נישט שווער".

נישט דאָס פאַרגעסענע קינד, נישט די בלינדקייט קאָ־

נען נישט צונעמען די אינערלעכע פרייד און אלזעעוודיקייט פון אזא מאָמענט, טאַפּט ער מיטן שטעקן ווייטער דעם וועג.

„אָט פילט ער דאָס פעלד. אָט הערט ער דעם טייך.
„די פיס זיינע טאַנצן דעם בורא אַ שבח,

— — — — — — — — — — — —

„שטאַרקער און שטאַרקער, ביז ס׳פילט דער ייד
„די כוחות פאַרגיין. פאַרמאַטערט און מיד
„פאַלט ער אַוועק״...

און דאָ דערגרייכט מאַנגער אַזאַ קינסטלערישע הויך און געדאַנקלעכע טיפקייט, אַז מען מוז ציטירן דעם גאַנצן ווונ־דערבאַרן דיאַלאָג פון דער מיטן־נאַכט מיטן פּאָדעלאָיער רב:

„געגעגט די מיטן־נאַכט שטיל און פאַרקלערט
„און בויגט צו דעם קאָפּ צו דעם ייד אויף דער ערד:
„וואָס שטאַמלסטו, ייד?״—„דו הערסט נישט—איך זינג״.
„דיין פּנים איז בלייך!״—„אָבער ס׳האַרץ איז מיר גרינג״.
„ס׳פּ־בערט דיין גוף!״—וויל איז מיר: ס׳האָט
„מיין שטערן באַרירט דער אָטעם פון גאָט״.
„זאָג וידוי!״—„איך קאָן נישט זאָגן, ניין!
„ווייל וידוי איז צער און צער איז געוויין,
„און געוויין פאַלט אויף דער ערד ווי אַ פלעק,
„וואָס גנבעט דעם חן פונם וואונדער אַוועק״.

* *

*

די „באַלאַדע פון פאָדעלאָיער רב״ איז אויסערגעוויינלעך שיין לויט דער פאָרם און לויטן אינהאַלט. אָבער פאַרוואָס איז דער דאָזיקער גליאיקער ווייַן סערווירט געוואָרן אין אַן אַלטער אָפּגענוצטער כלי? די דאָזיקע פראַגע שטעלט זיך נישט נאָר ביי מאַנגערן—אַ גרויסער טייל פון דער יידישער ליטעראַטור זוכט לעצטנס ווידער די אַלטע, דורך פּרצן אָפּגעגראָבענע פאָרם פון יידישלעכן נעאָ־ראָמאַנטיזם,—אָבער אין קלאָרן ליכט פון דאָ־זיקן ליד ווערט די פראַגע באַזונדערס בולט.

יעדע איבערברוך־תקופה אין לעבן פון אַ פאָלק מוז מיט

דער צייט אָנקניפּן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דער באַקעמפּ־טער און באַזיגטער תּקופה, כּדי אויסצוזויגן פון איר די אין איר פאַראַנענע שעפערישע זאַפטן אַ דאַנק וועלכע זי האָט אַמאָל געזיגט און געווירקט. די השכּלה האָט מיט דער צייט געמוזט אָנקניפּן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די גרויסע גייסטי־קע פּאָטענצן, וועלכע האָבן אַמאָל געווירקט אין אָרטאָדאָקסישן יידנטום — אין מתנגדישן, ווי אין חסידישן — און זענען דערנאָך דעגענערירט געוואָרן. דאָס האָט געטון פּרצעס קינסטלערישע נעאָ־חסידיסטישע שאַפונג.

צום באַדויערן איז די אָפּרעכענונג פון דער השכּלה מיטן אָרטאָדאָקסישן לעבנס־שטייגער נישט דערפירט געוואָרן ביזן סוף. און מיר מוזן מודה זיין, אַז פונם קינסטלערישן נעאָ־חסידיזם האָט גענאָסן נישט נאָר דאָס פרייע פאָלקס־לעבן, נאָר נאָך מער אפשר—די יידישע רעאַקציע. דער פעריאָד פון זויגן טאָר צו לאַנג נישט דויערן: דאָס קינד מוז איבערגיין צו נאָרמאַלער דערנערונג. און דאָס טוען נישט דאָס רוב שרייבער אונזערע.

די געפילס־וועלט פון דער „באַלאַדע פון פּאָדעלאָיער רב" איז דערהויבנדיק, ד.ה. זי דערפילט איינע פון די העכסטע אויפגאַבעס פון דער קונסט. פאַרוואָס אָבער האָט דער דיכטער נישט אויסגעפורעמט פאַרן דאָזיקן געפילס־אינהאַלט אַן אייגענע פאָרם, אַ נענטערע צו אונזער היינטצייטיקייט? דער דאָזיקער אינהאַלט אין אַ געהעריקער זעלבשטענדיקער, פון דער פאַרגאַנגענהייט אומאָפּהענגיקער פאָרם, וואָלט דעם ליד צוגעגעבן אַ סך מער גבורה און ווירקונגס־מעגלעכקייט, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, וואָס אין קאַמף פאַר אַ נייער אויספורעמונג וואָלטן געוואַקסן אויך די פליגלען פון דער קינ־סטלערישער אינספּיראַציע.

געוויס, איינפאַסן דעם געפילס־אינהאַלט אין דער פאַר־טיקער פאָרם פון דער יידישקייט־ראָמאַנטיק איז לייכטער. ווען אַ רב רעדט וועגן הייליקן מיטוואָך—רופט דאָס לייכט אַרויס אַ געהעריקע שטימונג, געהעריקע אַסאָציאַציעס פון שבתדיקייט

אינדערוואָכן. ווען אַ רב זאָגט זיך אָפּ צו זאָגן ווידוי, ווייל זיין פרייד מיט דער וועלט איז שטאַרקער, ווי די מורא פאַרן טויט, ווי דאָס טראַדיציאָנעלע פאַרזיכערן זיך מיט אַן אָרט אין גן-עדן, רופט דאָס לייכט אַרויס, עם געהעריקן רעזאָנאַנס אין אונזער געמיט: מיר ווייסן פון אונזער קינדהייט מיט וואָס פאַראַ אינערלעכער רעוואָלוציע דאָס שמעקט, מיר דאַרפן זיך שטאַרק נישט אַריינטראַכטן דערין.

אָבער נישט נאָר די לייכטקייט פון דער פאָרם דעצידירט דאָ. אַ דיכטער, וואָס איז פאַרבונדן מיטן היינטיקן לעבן, וואָס פיבערט מיט מיט דער עפּאָכע, קאָן לייכט געשטאַלטיקן די דאָזיקע געפילס-וועלט אין דער פערזאָן פון אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכער וואַרט אויף דער עקזעקוציע, וועלכער גייט צו אַ באַריקאַדע, אָדער אין טויזנטער אַנדערע סיטואַציעס.

ביים אויסוואַל פון דער געשטאַלט שפּילט אַ אַנטשיידנדיקע ראָל אַ סך אַ וויכטיקערער און שעדלעכערער פאַקטאָר: די ראַטלאָזיקייט פון קינסטלער פנים אל פנים מיטן לעבן, דאָס אַנטלויפן פון אומזיכערן, כאַאָסדיקן לעבן צום פעסטן פונקט פון דעם אַמאָל (וואָס כאַאָסדיקער דער היינט, אַלץ זעט אויס דער אַ מ אָ ל זיכערער און גרונט-פעסטער).

דאָס היינטיקע לעבן ברעכט זיך, צעפאַלט אויף שטיקער; די צוקונפט קנוילט זיך נאָך אין שווערע נעפלען; בלויז די, וואָס באַזיצן דעם אינערלעכן ווילן צו פאָרמירן זי לויט אַ באַשטימטער פאָרם, צו ווירקן אויף איר פאָרמירונג, — נאָר די דאָזיקע האָבן מוט—און די פעיקייט—צוצוטרעטן צום היינט און אים פאָרמירן אין זיין דינאַמישער צעשוווּמענקייט. און די איבעריקע? אויב זיי געהערן צו די, וואָס קאָנען זיך באַגנוגענען מיט ברעקלעך, געניגט פאַר זיי דער אָפּפאַל פונם ה יי נ ט; אויב זיי געהערן צו די, וואָס גאַרן נאָך גרויסעס, גאַנצעס—לויפן זיי אין פאַניק צו דער פאַרגאַנגענהייט. לעצטנס באַמערקן מיר טאַקע אַ מאַסן-איבערלויף צו דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע פאַנגט זיי אין אירע אויסגעשפּרייטע נעצן פון פאַרטיקע

פֿאַרמעֿן (און במילא אויך אינהאַלט, אָדער אין בעסטן פֿאַל — אינהאַלט־באַפֿאַרבונג).

אַזאַ כּאַאָסדיקער דיכטער ווי מאַנגער, אַזאַ שטייף־פֿאַרפֿאַנ־צערטער אין אַלטע פֿאָרמען, מוז אויך אָנקומען אין זיינע העכסטע מאָמענטן צו עבר־געשטאַלטן.

די באַטווין־באַלאַדע (געדרוקט אין דער „צוקונפֿט") איז אויף אַזוי פֿיל שוואַכער פֿון פֿאָדעלאָיער רב, אויף וויפֿל מאַנגער איז ווייטער פֿונם ה יי נ ט, ווי פֿון דער פֿ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ה יי ט.

דערבײַ מוז איך מאַכן אַ באַמערקונג: איך מיין דאָ נישט יענע היסטאָרישע שאַפֿונגען, וואָס דערפֿילן זייער אייגנטלעכע אויפֿגאַבע — שטעלן די פֿאַרגאַנגענהייט אין דינסט פֿונם היינט, באַלייכטן דורך איר אַ שטיק היינטצייטיקעווירקלעכקייט, און נישט פֿאַרקערט, ווי עס געשעט אין פֿאָדעלאָיער רב, ווו דער דיכטער צווינגט אונז אויפֿלייזן זיך אין דער פֿאַרגאַנגענהייט.

די יידישלעכע אָבות

(איציק מאַנגערס „חומש-לידער")

אין מאַנגערס 2 פריערדיקע לידער-ביכער זענען דאָ געניוג בולטע שפּורן פון נישט קיין דורכשניטלעכן חוש פאַר פאָלקסטימלעכקייט בכלל און פאָלקסטימלעכן הומאָר בפרט. די הומאָריסטיש-גראָטעסקע באַלאַדע — דער דאָזיקער פּרעכטיקער זשאַנר — געפינט זיך סיי אין ערשטן בוך „שטערן אויפן דאַך", סיי אין צווייטן בוך — „לאַמטערן אין ווינט". די דאָזיקע באַלאַדן און לידער זענען נישט צאָלרייך, אָבער אַזעלכע מוסטערן זייערע ווי „די כעלמער באַלאַדע", „בערל בראָדער געזעגנט זיך מיט זיינע תּלמידים אין יאַס", „די באַלאַדע פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער", זאָגן עדות מיט זייער מייסטערשאַפט, אַז זיי זענען נישט קיין צופעליקע געסט אין מאַנגערס דיכטונג, אַז זיי זענען טיף-פאַראַנקערט אין מאַנגערס אויסערגעוויינלעכער פילבאַרקייט פאַר דאָס עכט-פאָלקסטימלעכע און שאַרף-גראָטעסקע.

די חומש-מאָטיוון זענען אַן אומגעצוימטער אויסברוך פון מאַנגערס דאָזיקן ביז איצט בלויז פון צייט צו צייט פרייגעגעבענעם דיכטערישן קאָמפּאָנענט. און די פרייגעגעבענע אייגנשאַפט האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט אין אַ ברייטער גאַמע קלאַנגען און פאַרבן.

* * *

צוטרעטנדיק צו באַאַרבעטן די חומש-מאָטיוון האָט מאַנגער געפונען פאַר זיין אויפגאַבע די בעסטע לייזונג. באַאַרבעטן די חומש-מאָטיוון אַזוי ווי זיי זענען — הייסט אַריינפאַלן אין אַ מער

אָדער ווייניקער געלונגענע, אָבער תּמיד אומפאַרמיידלעך-אומשעפערישע סטיליזאַציע. קאָן מען דען צוגעבן מער חן, מער נאַאיווקייט און מער קראַפט די חומש-מאָטיוון? דאָס געלינגט אפילו נישט אין פּראָזע, בפרט אין פערזן, ווייל אין די שענסטע פערזן מוז די געקינסטלטקייט פון דער סטיליזאַציע זיין נאָך בולטער.

אַט האָט שלום אַש געמאַכט אַ פּרווו צו באַארבעטן די חומש-מאָטיוון: ער האָט סטיליזירט דעם חומש און די „אגדות ישראל", וואָס געהערן צו יעדן מעשהלע. קיין ערזאַץ פאַרן חומש קאָן עס נישט זיין, און קיין זעלבשטענדיקע שאַפונג איז עס געוויס נישט. אפילו טאָמאַס מאַנס גראַנדיעזער פּרווו (דערווייל אין די ערשטע צוויי בענדער) אויפצולעבן די חומש-מאָטיוון אין זיין גרויסן ווערק „יוסף און זיינע ברידער", ליידט פון דער סטיליזאַציע-קרענק. ער האָט אויפגעלעבט מיט אַ סך פאַנטאַזיע און אַ סך אַרכעאָלאָגישן וויסן דעם אויסזען פון לבן הארמיס שטוב; ער האָט עפּיש-ברייט איבערדערציילט-אויסגעטייטשט דעם חומש — אָבער ביי דער גאַנצער קינסטלערישקייט פון דאָזיקן ווערק (באַזונדערס פון געוויסע קאַפּיטלען), ליגט אויף דעם עפּעס אַ מין טויטקייט, עס איז אומפּרוכטבאַרע סטיליזאַציע. ער האָט נישט אַריינגעגעבן נישט קיין שעפערישע אידעע אויף צו באַלעבן דעם אַלטן שטאָף, און נישט ער האָט דעם שטאָף גופא אויפגעוועקט צו אַ ניי לעבן, דורך פאַריינגערן אים, דורך שטעלן אים אין אַ ניי ליכט. ער האָט בלויז געוואָלט גאַלוואַניזירן דעם שטאָף צו זיין אַלטן, חומשדיקן לעבן.

מאַנגער האָט אויסגעמיטן די ווענדקע פון סטיליזאַציע. ער האָט די חומש-מאָטיוון אויסגענוצט שעפעריש. ער איז נישט אַוועק צו די אבות, נאָר זיי אַראָפּגעבראַכט צו אונז; ער האָט אַריינגעטראָגן אין די דאָזיקע מאָטיוון דעם חן פון הייבטצייטיקער פאָלקסטימלעכקייט; ער האָט פאַרמישט דעם חומש-פּרימיטיוו מיטן יידיש-פאָלקסטימלעכן פּרימיטיוו פון היינט; ער האָט די אבות אָנגעטון שטריימלעך און הגרן — רויטע קרעלן; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אָבליגאַטאָרישן פרום-יידישלעכן פּאַטאָס און אויגנגלאַצעניש פּנים אל פּנים מיט די אבות און די אמהות, און די

חומש־מאַטיוון און געשטאַלטן באַלעבט דורך פאָלקסטימלעכן גראַ־טעסק. מאַנגער קוקט נישט אַריין אין חומש, כדי צו זען, ווי צו באַשרייבן יעקבס באַגעגעניש מיט רחלען. נאָר ער לאָזט יעקבן אַריינקוקן אין חומש:

„ער נעמט דאָס חומשל אַרויס:
„אוודאי, אוודאי דאָ —
„איז ווי־זשע קומט עס טאַקע, האַ,
„וואָס זי איז נאָך נישטאָ?"

און אַזוי אויך, ווען אברהם שיקט אליעזרן זוכן אַ כלה פאַר יצחקן:

„ווייל יצחקל איז מיין אויג אין קאָפּ.
„איך האָב אים קוים אויסגעוויינט,
„דו ווייסט עס אַליין, מיין געטרייער קנעכט,
„ווייל דו האָסט עס אין חומש געליינט".

נישט מאַנגער באַנוצט דעם חומש, נאָר ער לאָזט באַנוצן דעם חומש זיינע העלדן, די פאַריידישלעכטע אבות. דאָס ווירקט גראָטעסק, אָבער דער דאָזיקער גראָטעסק האָט אָפּגעהיט מאַנגערס לידער פון אומפּרוכטבאַרער סטיליזאַציע, ווייל ער האָט דעם חומש דורכגעבראָכן דורך דער פּריזמע פון היינטצייטיקן יידיש־לעכן פאָלקסטימלעכן לעבן.

* * *

מאַנגער האָט נישט נאָר אויסגעמיטן די שטרויכלונגען פון סטיליזאַציע, — ער האָט אויך מייסטערהאַפט אויסגעפירט זיין אינטערעסאַנט־פאַרטראַכטע און דרייסטע אויפגאַבע. די שפּראַך פון די דאָזיקע לידער איז פאָלקסטימלעך אין בעסטן זין פון וואָרט. דער דינאַמישער פערז איז מייסטערהאַפט און גלייכצייטיק פּשטותדיק, ווי אַ פערז פון אַ פאָלקס־ליד. די לידער שפּרודלען מיט פיינעם הומאָר און גראָטעסק־פאַנטאַזיע. ווען אברהם זאָגט צו אליעזרן:

„זוך אויס פאַר מיין יצחקל אַ ווייב
„זי זאָל זיין איינע אין דער וועלט,
„שיין זאָל זי זיין ווי די זון בייטאָג
„און זי זאָל האָבן אַ קניפּל מיט געלט“.

האָט דאָס דעם זיבעטן פאָלקסטימלעכן חן און דער הומאָר פון פּערז איז דערביי נישט קיין ביליקער, ווייל מיר דערזעען פאַר זיך אברהמען ווי אַ לעבעדיקן היינטצייטיקן סוחרישן גביר־אַ למדן, וואָס זוכט אַ שמאַלץ־גרוב פאַר זיין זון. די אומגעריכט־קייט פון דערזען אברהם אבינו, ווי אונזערן אַן אמתן קרוב, ווירקט נישט נאָר גראָטעסק, נאָר אַ דאַנק דער איבערראַשונג — געזעל־שאַפטלעך־סאַטיריש. אַ דאַנק דעם, וואָס אברהם־אבינו איז געוואָרן אַזוי נאָענט, דערזעען מיר פּלוצלונג דעם לעבנס־שטייגער פון אונ־זערע היימישע יידן אין דעם געהעריקן ליכט. דאָס גראָטעסקע ווערט דאָ נישט נאָר אַ מיטל פאַר אַ שפּאַס, נאָר אַ מיטל צו שטעמפּלען דערשיינונגען פון אונזער שטייגער־לעבן. די דאָזיקע גראָטעסק־סאַטירישע פּלאַסטישקייט דערגרייכט מאַנגער אָפט דורך איין שורה. אין די פּרעכטיקע הגר־לידער זאָגט מאַנגער:

„סורטשע די פּושקע־גבאיטע
„האָט אים שוין ווידער אָנגערעדט:
„אָדער דו טרייבסט די דינסט אַרויס,
„אַז נישט וויל איך אַ גט“.

מיט דער דאָזיקער איין שורה:

„סורטשע די פּושקע־גבאיטע“ פאַרוואַנדלט מאַנגער די עלטסטע פון די אמהות אין אַ היינטצייטיקער צביעותדיקער גבאיטע. מיר האָבן אַזוי פיל מאָל געלייענט די דאָזיקע הגר־מעשה, אָבער געשיצט דורך דעם דיקן שיכט הייליקייט, וואָס האָט זי אַרומגעוויקלט, פלעגן מיר אפשר שפּירן הגרס צער, אָבער אויף שרהן איז אונז גאָרנישט איינגעפאַלן צו זיין אין כעס. די דאָזיקע שורה מאַנגערס רייסט אויף דעם שיכט הייליקייט, וואָס האָט זי געשיצט, און דער מיטגעפיל צו הגרן רופט גלייכצייטיק

אַרויס אַ פּראָטעסט־געפיל קעגן שרהן. מיר הויבן אָן צו רעאַגירן באַרמאַלער. מאַנגער האָט אין די דאָזיקע פאַלן הומאַניזירט אונ־זער באַציאונג צום חומש, ער האָט אויפגעוועקט דעם קריטישן חוש.

דאָס זעלבע אין פּרעכטיקן ליד „יעקב קויפט אָפּ די ברכה ביי עשון״:

„מילא, דער ווייַן יאַק ווי דער ווייַן,
„נאָר פאַר דער שיסל מיט באָב,
„וואָס כ׳האָב מיר אויף וועטשערע אָנגעגרייט,
״דערלאַנג מיר די בכורה אַהער!
„אסור צי אַ צווייטער ייד
„וועט דיר געבן מיט עפּעס מער״.

אַ מוסטער פון מייסטערהאַפטן פאָלקסטימלעכן סטיל און שעפערישער פאַנטאַזיע איז דאָס ליד „שרה זינגט יצחקלען אַ שלאָף־ליד״ (ז. כ״ה). אַז מען לייענט דאָס ליד ווילט זיך עס זינגען:

„נו שטילער, שטילער פּאַסטוכל,
„דו זעסט דאָך אַז ס׳איז נאַכט,
״אַ סימן: יצחק אבינו האָט
„די אויגעלעך פאַרמאַכט.
„זאָגט דאָס פּאַסטוכל: נו מאַ,
„און גייט מיט שטילע טריט
„און נעמט אין קליינעם פייפל מיט
„דער מוטער שרהס ליד״.

כ׳ווייס, אַז דאָס דאָזיקע ליד דאַרף מען ציטירן אינגאַנצן, אָבער דאַן וואָלט איך שוין אַוודאי געמוזט ציטירן פון אָנהויב ביזן סוף די הגר־לידער און נאָך און נאָך...

די אילוזיע פון אַבסאָלוטער פאָלקסטימלעכקייט שאַפט מאַנגער אַמאָל אויך דורכדעם, וואָס ער וועבט אַריין אַ מאָטיוו אָדער אַ קלאַנג פון אַ פאָלקס־ליד. אין די הגר־לידער, למשל:

„אוי, אַזוי ווי אַ רויך פון אַ קוימען
„און אַזוי ווי אַ רויך פון אַ באַן,
„אַזוי איז מאמע געטרייע
„די ליבע פון אַ מאַן".

די דאָזיקע פאָלקסליד-שורות, וועלכע עס זינגען יידישע דינסט-מיידלעך, פּאַסן זיך זייער גוט פאַר הגרן אין איר לאַגע, און דאָס זעלבע — און אפשר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס — איז צו באַמערקן אינם ליד: „יעקב אבינו זינגט אַ סערענאַדע הינטער רחלס פענסטער".

די פאָלקסטימלעכקייט אין די דאָזיקע לידער איז אַזוי אָרגאַניש, אַז זי דרינגט דורך מאַנגערס בילדלעכע מיטלען. למשל:

„די גראָע ווערבעס פּאַזע וועג
„אַנטלויפן אויף צוריק,
„אַ קוק טון צי די מאַמע ווײנט
„איבער דער פּוסטער וויג".

דאָס בילד איז שטאַרק און אין גייסט פון אמתער פאָלקס-טימלעכער דיכטונג.

* * *

די בעסטע לידער פון דאָזיקן ביכעלע זענען די, וואָ צו די אַלע אויסגערעכנטע מעלות (עכטע פאָלקסטימלעכקייט, שפּראַך- און פערז-מייסטערשאַפט, שטאַרקע און גלייכצייטיק פּשוטדיק-פאָלקסטימלעכע בילדלעכקייט) קומט צו די גרעסטע מעלה פון דיכטונג: דאָס טיף-מענטשלעכע געפיל. די הגר-לידער געהערן צו די בעסטע אין דער זאַמלונג נישט נאָר צוליב זייער פאָרם-מייסטערשאפט, נאָר דערפאַר, ווייל עס איז אויסגעדריקט אין זיי אַ טיף געפיל: דאָס געפיל פון אַ גרויסער עוולה לגבי אַן אויסגענוצטער פרוי, לגבי אַ מוטער.

„ווײן נישט ישמעליקל טאַטע,

„אַזוי איז אונז שוין באַשערט,
„אָט אַזוי פירן זיך די אבות
„מיט די לאַנגע פרומע בערד.
„אָט שטייט ער אין ציידענעם קאַפּל
„רב אברהם דער פרומער ייד, —
„צי פילט ער כאָטש, מאַמע געטרייע,
„מיין ביטער דערשלאָגן געמיט".
„זי נעמט אין דער האַנט דעם בעזים
(און?) „קערט צום לעצטן מאָל די שטוב
„און עפּעס אונטער דער בלוזקע
„פילט, אַז ס'האָט אים נאָך ליב".

און אויף וויפיל אָרימער וואָלט געוואָרן דאָס פּרעכטיקע ליד „יעקב אָבינו לערנט מיט זיינע זין „מכירת יוסף", ווען עס זאָל נישט זיין אַריינגעטריפט אין אים די, אין פלוג „אי־בעריקע", לירישע אינטערמעצא:

„נאָר ווען דו גייסט פאַרביי דעם וועג,
„וווּ דיין מאַמעס קבר שטייט,
„וויין אויף איר שטיין אַן אמתע טרער
און זאָג צו איר שטילערהייט:
„דער אַלטער יעקב וואָלט נאָכאַמאָל
„געדינט זיינע זיבן יאָר,
„ער זאָל נאָך אַ רגע פאַרן טויט
„אַ גלעט טון אירע האָר".

מעגלעך, אַז פאָטער יעקב האָט קאַליע געמאַכט דעם פּורים־שפּיל מיט די איבעריקע ווערטער, אָבער דעם ליד האָט ער צוגעגעבן אַ נשמה־יתירה. און אַזוי איז מיט די איבעריקע פּערלען פון דאָזיקן פּרעכטיקן ביכעלע: „די מוטער שרה האָט אַ שווער געמיט", „אדם איז אייפערזיכטיק", „יעקב אבינו האָט עגמת־נפש פון זיינע קינדער" און אַנד. אין די דאָזיקע לידער, וווּ עס רייסט זיך אַריין דער עיקר פון דיכטונג, פון ליריק, דערהויבט זיך מאַנגער צו גאָר אַ גרויסער הויך.

* * *

אין ביכעלע זענען אויך דאָ שוואַכערע לידער. די שוואַכ־סטע, דאַכט זיך מיר, זענען די לידער „רחל און לאה", „לאה ברענגט דודאימלעך פון פעלד", „אברהם אבינו באַקומט אַ בריוו". זיי ליידן אפשר אומשולדיקערהייט צוליב דער שכנות מיט די איבעריקע לידער. דאָס טיף־מענטשלעכע אין די לידער פון „רחל און לאה" האָט נישט באַקומען קיין שטאַרקן דיכטע־רישן אויסדרוק, און דאָס פאָלקסטימלעך־גראָטעסקע איז אַ ביסל צו געקינסטלט און נישט שעפעריש, ווי אין די איבעריקע, במילא אויסערלעך־ביליקער. אָבער די דאָזיקע שוואַכערע לידער שטערן נישט דער גאַנצקייט פון איינדרוק, וואָס מען באַקומט פונם ביכעלע אַלס גאַנצעס.

אין דאָזיקן ביכעלע איז רעדוצירט צו אַ מינימום מאַנ־גערס חסרון, וואָס איז היפשלעך פאַרטראָטן אין זיינע צוויי פריערדיקע ביכער: די טויטע, קאָנווענציאָנעלע סימבאָליק און מעטאַפאָריק, אַזעלכע פערזן ווי:

„איר נחת ווי אַ יינגע שוואַלב
„פלאַטערט איבערן דאַך"

זענען אין דאָזיקן ביכעלע אַ יקר־המציאות. אויך דאָס וואָרט „בלאָ" איז כמעט ווי נישט בנמצא און בלויז איינמאָל אין אַ בפירוש שלעכטער פאַרבינדונג:

„געגעכטיקט האָט צווישן מיינע בריסט
„אַ יינגער בלאָער סאָלדאַט".

נישט נאָר דאָס זאָגט גאָרנישט, נאָר דאָס איז אַ בפירושע גנבה פון מאַנגערס באַלאַדעס: אין דער פאָלקסטימלעך־גראָ־טעסקער פאָרם פון די דאָזיקע לידער, וואָס זענען אַזוי פריש און אוממיטלבאַר־פריי, פאַסט זיך ווי אַ יון אין סוכּה די דאָ־זיקע קאָנווענציאָנעל־שטייפע באַצייכנונג.

* * *

צום דאָזיקן ביכעלע איז צוגעגעבן אַ פּרעכטיקער קור־

צער פאָרוואָרט, אַ מייסטערהאַפטע שטיקל פראָזע. פון דאָזיקן קורצן פאָרוואָרט דערוויסן מיר זיך זייער אַ סך, און ער לאָזט אונז אַ סך איבערלעבן, ווי יעדע עכטע שטיקל דיכטונג, מעג עס זיין פאַרפאַסט אַפילו אין גוטער פראָזע...

צווישן אַנדערעס דערוויסן מיר זיך, אַז מאַנגער האַלט דאָס דאָזיקע ביכעלע פאַר „אַ שטיפעריי אַזאַ מיט די גרייזגראָע בערד פון די אבות", און אַלס „אַן אינטערמעצא אַזאַ אויפן וועג צו דער געשטייגערטער באַלאַדעסקער וויזיע".

איז וואָס שייך דער שטיפעריי, מיין איך, אַז עס האָט שוין נישט איינמאָל געטראָפן דאָס אַ דיכטער דענקט און זיין טאַלענט לענקט, אַ דיכטער טוט אַמאָל אַ שטיף, און די ליטעראַטור נעמט עס אויף זייער ערנסט און האָט פון דעם אַן ערנסטע השפעה. דאָס איז ביי אונז נישט לאַנג צוריק געשען מיט אָפּאַטאָשוס קאַפּיטלעך וועגן אליהו בחור. ער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז יידיש איז שוין זייער אַלט, און אַזוי בהיסח הדעת געגעבן אַ שטיקל פראָזע, וואָס איז די גרעסטע דערגרייכונג נישט נאָר פאַר אָפּאַטאָשון, נאָר פאַר אונזער ליטעראַטור אויך. דאָס זעלבע איז געשען מיט מאַנגערס שטיפעריי.

און וואָס שייך דער אינטערמעצא — וואָלט איך זייער וועלן, אַז זי זאָל נישט בלייבן אָן השפעה אויף מאַנגערס ווייטערדיקער וויזיע. נישט געקוקט אויף דער גראָטעסקער פאָרם פון די דאָזיקע פאַרמענטשלעכטע אור-אַלטע חומש-מאָטיוון, פאַרמאָגן זיי אַ שפע רעאַליסטישער פרישקייט, אין וועלכער עס נויטיקן זיך אָפּט גאַנץ שטאַרק מאַנגערס שיינע באַלאַדעס. עס וואָלט נישט געשאַדט אַמאָל צו פאַרבייטן זייער איידל-בלאַסע פנים-פאַרב מיט דער פרישער ווינטיקער רויטקייט, וואָס שלאָגט פון די דאָזיקע פאָלקסטימלעך-געזונטע גראָטעסקן.

דאָס ליד פון אומבאַקאַנטן דיכטער

(איציק מאַנגערס „פּעלקער זינגען")

אויב עס שלאָגט ערגעץ אַרויס אַ קוואַל, מוז דער באָדן אַרום פאַרמאָגן וואַסער, ווייל אַנדערש וואָלט דער קוואַל נישט געקאָנט געבוירן ווערן.

אויב די מענטשהייט גיט אַרויס גאָטעס און שעליס, מוזן די גרויע מאַסן-מענטשן פאַרמאָגן אין זייער וועזן פּאָעטישע פּאָטענצן, וואָס מאַכן מעגלעך די דאָזיקע געוואַלטיקע דיכטערישע דערשיינונגען. די, וואָס שטעלן זיך פאָר די גרויסע שעפערישע פּערזענלעכקייטן אַלס אויסנאַם-פענאָמענען, אַלס אָאַזיסן אין אַ מדבר, זענען אַליין גייסטיק עקרדיק. אויף אַ לחלוטין סטערילן באָדן וואַקסן נישט נישט קיין גראָזן און נישט קיין דעמבעס. יעדע גרויסע דערשיינונג אויפן געביט פון מענטשלעכן שאַפן איז אַ טויזנטפאַך-געשטייגערטע לייסטונג פון טעטיקייטן, וואָס זענען מער אָדער ווייניקער אַקטיוו אין יעדן מענטשן, אין יעדן מענטשן-קאָלעקטיוו. אויב עס איז מעגלעך געווען אַ מיקל-אַנדזשעלאָ, איז נאָר דערפאַר, ווייל די פּעאיקייט צו פּלאַסטישער וויזיע איז אייגן דעם מענטשלעכן גייסט, ווייל ביי טויזנטער פאָלקס-מענטשן ווערט די דאָזיקע פּאָטענציעלע פּעאיקייט אַקטיוו, און אויפן דאָזיקן פרוכטבאַרן, ביסלעכווייז אַלץ מער און מער קולטיווירטן באָדן, וואַקסן אויס די מיקל-אַנדזשעלאָס. ווען דער מענטש אַלס אַזעלכער וואָלט נישט פאַרמאָגט די אייגנשאַפט פון דער פּלאַסטישער וויזיע, פון פּלאַסטישן חוש, וו'לט זיך זאָגן, וואָלט נישט נאָר נישט מעגלעך געווען קיין מיקל-אַנדזשעלאָ, נאָר ווען ער וואָלט על פּי נס יאָ דערשינען,

וואָלט ער להלוטין געווען איבעריק: קיינער וואָלט נישט גע-
האַט דעם נויטיקן חוש אויף אויפצונעמען אים.

גרויסע דיכטער זענען מעגלעך דערפאַר — און דערפאַר
נעמען מיר זיי אויך אויף! — ווייל זיי וואַקסן אויף אַ דיכ-
טעריש-אָנגעזאַפּטן באָדן פון פאָלקסטימלעכער דיכטונג, ווייל
נישט נאָר די געטעס זינגען, נאָר אויך — „פעלקער זינגען".

* * *

פון מאַנגערס לידער-ביכער—און נאָך מער פון זיינע רעפעראַטן
און פון פערזענלעכן פאַרקער מיט אים—איז קלאָר, אַז ביי דער
גאַנצער ראַפינירטקייט — און אַמאָל היפער-ראַפינירטקייט —
פון מאַנגערס באַלאַדע, שעפּט ער דאָך זיין טיפסטע קינסטלע-
רישע אינספּיראַציע אין אַלע קוואַלן פון עכטן פאָלקסטימלעכן
שאַפן. זיין ליד איז פול מיט דער שטימונג פון פאָלקס-דיכטונג,
זיין כטיל און זיין ריטם זענען אָפט קרוביש צו איר. זיין
בילדערישקייט איז אָפטמאָל שוין צו נאָענט צו דער בילדע-
רישקייט פון פאָלקס-ליד, אַריינפאַלנדיק אַזוי אַרום אין אַ גע-
קינסטלטער באַאיווקייט און קאָנוועַנציאָנעלער מעטאַפאָריק. אפילו
געוויסע אומלאָגישקייטן און כאַאָטישע שפּריצן אין מאַנגערס
לידער זאָגן עדות אויף זייער קרובהשאַפט מיטן בעסערן פאָלקס-
ליד, ווו דער ווייַ און די פרייד, די האָפענונג און דער יאוש
זוכן נישט קיין אָפּגערונדיקטע קאָמפּאָזיציע, נאָר רייסן זיך
אַרויס און פאַרקערפּערן זיך אין סוגעסטיוו-מאַגישע וואָרט-
בילדונגען.

מאַנגערס ביכל „פעלקער זינגען", ווו עס קומען צום וואָרט
אין 49 לידער 12 פעלקער, איז נישט קיין צופעליקע אַרבעט,
נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ דויערנדיקער, מיט ליבשאַפט דורכגע-
זאַפטער באַשעפטיקונג.

* * *

כמעט אַלע לידער פון „פעלקער זינגען" זענען שיין, און
אין אַ גרעסערער זאַמלונג וואָלטן זיי כמעט אַלע געמעגט אַריינ-

געגומען ווערן. אָבער אין אַ זאַמלונג פון 49 לידער, וואָס רעפּ־רעזענטירן 12 פעלקער, באַקומט יעדעס ליד אַ באַזונדערע באַ־דייטונג און מיר מוזן שטעלן צו יעדן פון זיי גרעסערע פאָדע־רונגען, ווייל זיי דאַרפן רעפּרעזענטירן נישט נאָר זיך, נאָר אַ גאַנץ פאָלק. און אַרויסגייענדיק פון דאָזיקן שטאַנדפונקט פיל איך נישט קיין גלייכגעוויכט צווישן דער ערשטער העלפט פונם ביכל און דער צווייטער, צווישן געוויסע לידער פון דעם ערשטן און צווייטן טייל און די איבעריקע. די סערבישע פאָלקס־לידער, למשל, זענען אַזוי שיין און שטאַרק, אַז זיי באַפרידיקן אינגאַנצן. איך ווייס נישט, צי זיי זענען די בעסטע און כאַראַקטעריסטישסטע פון אַלע סערבישע פאָלקס־לידער, אָבער זיי פאַרכאַפּן אַזוי שטאַרק, זיי באַפרידיקן אַזוי דאָס געמיט, אַז מען שטעלט זיך גאָרנישט די דאָזיקע פראַגע. אַז איך לייענט אַזעלכע לידער ווי „ס'ליד פונם יונגן יאַוואָ" (ז. 38), „ביים קאָלאָ־טאַנץ" (ז. 42) און „מיידלישקייט" (ז. 45), פאַר־נעמט מען זיך נישט מיט דער פּוסטער פראַגע: „צי זענען נישט געווען קיין בעסערע?", פּונקט ווי מען פרעגט נישט, בעת מען איז פאַרליבט: „צי איז די געליבטע טאַקע די שענסטע?" אָבער ביים לייענען די אונגאַרישע פאָלקס־לידער, בלייבט מען געגוג קאַלט, כּדי עס זאָל קענען אויפקומען די דאָזיקע פראַגע: פאַרמאָגט נישט די אונגאַרישע פאָלקס־דיכטונג קיין שענערע, שטימונגספולערע און טיפערע לידער, אָדער כאַראַקטעריסטישערע? דאַן, ווען דאָס געמיט ווערט נישט פאַרקנסט מיטן ליד אין אַ ליבע־געפיל, איז דאָ אָרט פאַר אַזעלכע פראַגן, פאַר — נישט וועלן אָפּנאַרן זיך. דערדאָזיקער מין לידער אין מאַנגערס זאַמ־לונג פאַרמאָגט געגוג פאָרם־שיינקייט און שפּילעוודיקייט, כּדי צו באַשטיין דאָס אייגענע שטעטל, אָבער כּדי צו רעפּרעזענטירן אַ זינגענדיק פאָלק זענען זיי, פאַר מיין געפיל יעדנפאַלס, צו שוואַך.

צום שענסטן, צום כאַראַקטעריסטישסטן און שטאַרקסטן זענען (אין אויבנדערמאָנטן קאָלעקטיוון זינען) אין מאַנגערס ביכל רעפּ־רעזענטירט דאָס סערבישע, ציגיינערישע און, טיילווייז, רומענישע פאָלקס־ליד.

„דידאָזיקע זאַמלונג — זאָגט מאַנגער אין זיין פאָרוואָרט, — איז נישט מער ווי אַ רמז פון מיין געפּלאַנטער גרויסער אַנטאָלאָגיע „פעלקער זינגען". אין דערדאָזיקער גרויסער אַנטאָלאָגיע, וועלכע מאַנגער איז באַרופן צו געבן, וועלן כּמעט אַלע לידער פון דערדאָזיקער רמז־זאַמלונג פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט.

* * *

„מיין צוגאַנג צו די „פעלקער זינגען" — זאָגט מאַנגער אין זיין קורצן שיינעם פאָרוואָרט (מאַנגערס פאָרוואָרטן זענען שיין לויטן אינהאַלט און לויט דער פאָרם) — איז נישט געווען קיין פאָלקלאָריסטישער, נאָר אַן עסטעטישער, דערפאַר האָב איך מיר דערלויבט אַ סך פרייקייטן, נישט איבערגעזעצט, נאָר איבערגעפאָרמט, איבערגעדיכטעט".

דאָס לאָזט זיך גאַנץ אָפט שפּירן ביים לייענען דאָס ביכל: די לידער זענען אָפט צו קינסטלעריש אַרומגעפיילט פאַר פאָלקס־לידער, נישט געקוקט אויף זייער שטאַרקן פאָלקסטימלעכן אַראָמאַט, וועלכער איז זיי געבליבן, אָבער ערשט ווען מען פאַרגלייכט די פאָר ליטווישע פאָלקס־לידער מיט הערדערס איבערזעצונג אין זיין באַרימטער זאַמלונג „שטימען דער פעלקער אין לידערן" (אַ זאַמלונג, וואָס האָט אַגב — באַזונדערס אַ דאַנק דעם פאָרוואָרט, — געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דער דייטשישער ראָמאַנטיק), זעט מען ווי פריי און מייסטערהאַפט מאַנגער האָט איבערגעדיכטעט. ער האָט אַראָפּגענומען און צוגעגעבן, און געמאַכט עס שענער ווי דער מקור, פון וועלכן ער האָט גענומען (טאַקע ביי הערדערן). עס האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס וואָרט „שענער", הגם ריכטיקער וואָלט געווען „אייגנאַרטיק־יידישער", מיט דער יידישער טרער און דעם יידיש־מאַמישן שטומען קרעכץ, וואָס קומט מער פון די אויגן. מאַנגער פירט אַריין אַקטיווער אין פאָלקס־ליד די מאַמע, הגם ביי הערדערן נעמט זי נישט קיין אָנטייל. מאַנגער האָט דערפילט מיט זיין חוש פאַרן יידישן פאָלקס־ליד, אַז אָן אַן אַקטיוו־מיטפילנדיקער,

ואָרגנדיקער מוטער וועט עס קיין פּאַריידישט פאָלקס-ליד נישט ווערן. אַדאַנק דערדאָזיקער פאַרענדערונג קומט בולט צום אויס-דרוק דער הויפּט-מאָטיוו פונם ליד – די פּאַרלאָרענע מיידלשע פרייהייט.

* *
*

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען אין ביכל די 6 יאַפּאַ-נישע לידער. זיי זענען נישט קיין פאָלקס-לידער, נאָר איבערזעצונגען פון אינדיווידועל - באַקאַנטע דיכטער. זיי זענען אַזוי מעלאָדיש און בילדעריש, אַזוי צאַרט און דופטיק! אָבער ווען מען שטעלט אַריין צווישן די יאַפּאַ-נישע געדיכטן דאָס ציגיינערישע פאָלקס-ליד פון ז. 62 „אַ יעדן אינדערפרי", וואָלט קיינער נישט געווען באַמערקט דעם טעות. לאָמיר דאָ ברענגען דאָסדאָזיקע ליד, ווי אויך איינס פון די יאַפּאַנישע, אַרויסלאָזנדיק פון לעצטן בלויז דאָס וואָרט, וואָס שטעמפּלט עס אַלס יאַפּאַניש.

„אַ יעדן אינדערפרי"

„אַ יעדן אינדערפרי
„ביים ערשטן שיין פון ליכט
„פרעג איך: ווו איז ער? –
„און וואָש מיר דאָס געזיכט,
„נישט מיט קלאָרן וואַסער
„און נישט מיט פייכטן טוי,
„נאָר מיט מיין הייסער טרער".

„א יי נ ז א ם"

„ס'איז אומעטיק צו שלאָפן היינט אַליין ביינאַכט,
„אומעטיק און שווער.
„די נאַכט איז לאַנג ווי דער לאַנגער עק
„פון דער גאָלדענער פּאַווע. איך ליג און הער,

„איר קול קלינגט איבערן באַרג צו מיר אַהער
„אומעטיק און שווער —
„וואָס וויל אויף מיין האַנט די ווייסע טרער?"

מען זאָל נישט וויסן פון פאָראויס, איז שווער צו באַ-שטימען, וואָס איז ציגיינעריש, און וואָס יאַפּאַניש. נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס מאַנגער האָט מיט זיינע קונסט-מיטלען אויסגעגליכן דעם אונטערשייד פון ראַפינירטן יאַפּאַנישן געדיכט מיטן פרימי-טיוון ציגיינערישן פאָלקס-ליד? אָדער איז אפשר קיין גרויסער חילוק נישטאָ צווישן אַ „קונסט-ליד" און אַ „פאָלקס-ליד" פון גאָר הויכער קוואַליטעט? ווייל סוף-כל-סוף ווערט דאָך דאָס פאָלקס-ליד אויך געשאַפן דורך אַ אינדיווידועל-באַגנאַדעטן „אומ-באַקאַנטן דיכטער"? אָדער — דער לעצטער אָדער — איז אפשר דאָס יאַפּאַנישע קונסט-ליד אַזוי דופּטיק און שטאַרק, ווייל עס איז שטאַרק פאָלקסטימלעך אין זיין קאָנסטרוקציע און פאָרם, ווייל עס איז פרימיטיוו אפילו אין זיין ראַפינירטקייט?

דידאָזיקע פראַגן זענען נישט איבעריק — אפילו אָן אַ גע-נויעם ענטפער אויף זיי. און אפשר — אפשר ליגט שוין דער ענטפער אויף זיי אין די געשטעלטע פראַגן גופא?...

III

אליעזר שטיינבאַרג

דער פאָלקסטימלעכער דיכטער

(אליעזר שטיינבאַרגס „מעשאָלים")

רומעניע איז ביז נישט לאַנג געווען נישט קיין אַקטיווער פאַקטאָר אין דער יידישער ליטעראַטור. אויף וויפל דאָס רומעניש־ע יידנטום איז פאַרבונדן געווען מיט דער יידישער קולטור, איז עס געווען אַ קיבוץ אַ מקבל. אָבער מיטאַמאָל איז פאַר אונז אַנטפּלעקט געוואָרן דער פּאָטענציעלער שעפערישער כּוח פון דאָ־זיקן קיבוץ.

ווי ווייט דאָס יידישע רומעניע איז געלעגן פונם דרך המלך פון דער יידישער ליטעראַטור קאָן באַווייזן דער פאַקט, וואָס אַנט־פּלעקט דעם דאָרטיקן ליטעראַריש־שעפערישן קערן האָבן רייזנדע. ישראל רובין האָט איבערגעגעבן אין די „ליט. בלעטער" אַ גרוס פון דאָרטיקן ליטעראַרישן קרייז, ווי וועגן אַנטדעקטע „רויטע יידעלעך" פון יענער זייט סמבטיון; דער רעציטאַציע־קינסטלער הערץ גראָסבאַרט האָט גענומען ברענגען לעבעדיקע גרוסן פון דאָרטיקן שאַפן: אין זיינע רעציטאַציע־אָוונטן האָבן אַ בליץ־געטאָן מיט קלאָרקייט די פּערלדיקע משלים פון אליעזר שטיינ־באַרג. און הייַנט פאַרנעמט שוין דער רומענישער צווייג פון דער יידישער ליטעראַטור אַ חשובן אָרט ביי אונז אַ דאַנק זיינע צוויי דורך ביכער רעפּרעזענטירטע דיכטער: איציק מאַנגער און אליעזר שטיינבאַרג.

די אַלע, וועלכע האָבן געהערט דאָס ערשטע מאָל די משלים „דער חלף און די זעג", „די באַרשט און דער קאַמאַש", „די נאָדל און דער שפּיז", זיינען געווען איבערראַשט: עס איז דאָ אין רו־מעניע שוין נישט קיין יונגער דיכטער, וועלכער שרייבט אַזעלכע

זאַכן און מיר קענען אים נישט. די געשטאַלט פון שטיינבאַרגן איז דורך דעם אויסגעוואַקסן צו ממש לעגענדאַרישע פאָרמען, ער איז געוואָרן אַ מין ליטעראַרישער למד־וואָווניק, פון וועלכן גראָסבאַרט האָט מיט געוואַלד אַראָפּגעריסן דעם שלייער. עס איז נישט קיין גוזמא, ווען איך זאָג, אַז מען האָט געוואַרט מיט אומ־געדולד אויף שטיינבאַרגס אַ בוך, אויף שטיינבאַרגס אַנטפּלעקונג. דער גורל האָט געוואָלט, אַז זיין ערשט בוך זאָל דערגיין צו אונז שוין נאָך זיין טויט. דאָס ערשטע פּראַכטפול־אַרויסגעגעבענע בוך פון זיינע שריפטן, פון וועלכן שטיינבאַרג האָט נאָך קאָרעגירט דעם ערשטן בויגן, פאַרמאָגט שוין אויך שטיינבאַרגס טויטן־מאַס־קע, און עס קומט אויס צו רעצענזירן עס צום ערשטן יאָרצייט פון דיכטער, וועגן וועלכן מיר ווייסן נאָך זייער ווייניק פּערזענ־לעכעס.

* * *

דער משל איז דאָס פאָלקסטימלעכסטע שאַפן. דאָס שפּריכ־וואָרט און דער וויץ מיטן מוסר־השכל זענען אייגנטלעך שטאַרק־קאָנדענסירטע משלים אָדער אפשר ריכטיקער: די אור־קעמערלעך פון משל. דער משל איז בלויז אַ דיכטעריש־באַארבעט, אַ דראַמאַטי־זירט שפּריכוואָרט. דערפון נעמט זיך, וואָס כדי צו ווירקן, מוז דער משל זיין שפּראַכלעך־פאָלקסטימלעך, לאַקאָניש, שאַרף און קלאָר־דורכזיכטיק, ווי אַ שפּריכוואָרט. דער נמשל דאַרף אַרויסקוועלן פון אים מיט דער זעלבער נאַטירלעכקייט, ווי דער געלעכטער פון אַ גוטן און גוט־דערציילטן וויץ. דער גוטער משל מוז שעפן מיט פולע הויפנס פון שפּראַכלעכן פאָלקס־אוצר און פון דער צווייַ־טער זייט אַליין באַרייכערן דעם דאָזיקן אוצר: ער מוז צאָלן צינז דעם דאָזיקן פאָלקסטימלעכן שפּראַך־אוצר אין דער פאָרם פון ניי־געפּרעגטע שפּריכווערטער. זיין זיווּוג מיטן פאָלקסטימלעכן גייסט. טאָר נישט בלייבן אומפרוכטבאַר.

ווי זעט אויס שטיינבאַרגס ערשטער באַנד משלים אינם ליכט פון די דאָזיקע פאָדערונגען?

שטיינבאַרג באַהערשט זייער גוט די פאָלקסטימלעכע פאָרם

זיינע פֿאַרשיידענע פּערסאָנאַזשן ריידן מיט זייער אייגנאַרטיקער, דורך דער פֿאָלקסטימלעכקייט אָנגעצייכנטער שפּראַך. למשל: אין „דאָס בריוול" ווערט געזאָגט: „וווּ זשע האָבן פּיס פֿאַרשטאַנד? אין דער פּיאַטע. דרייען זיי זיך אויפֿן קאַרעק טאַמעוואַטע". פֿלעשלעך דאַרפֿן זיך שעמען „אין זייער טיפֿן האַלדז", אַ רעקל זאָגט: „האָב איך דיך אין אַרבל" און אַזוי כּסדר. אָבער שטיינבאַרג נוצט נישט נאָר גלענצנדיק אויס די פֿאַרטיקע פֿאָלקסווערטלעך, נאָר ער שמידט אָפֿט אַליין די שפּראַך אַזוי מייסטערהאַפֿט, אַז זיינע פֿאַרשיידענע ווערטלעך וועלן אַריינגיין אין אונזער שפּריכווארט־אוצר. למשל: „די מיל", אַ פֿיינע, באַחנטע פּאַראָדיע אויף פֿלוידערזעק (באַזונדערס ליטעראַרישע: „אַז מען מאָלט אַ סך, איז מאָלט מען דאָך נישט שטענדיק ווייץ" ענדיקט שטיינבאַרג מיטן זאַץ, וואָס איז ווערט צו ווערן אַ שפּריכוואַרט: „און די מיל זי מאָלט און מאָלט, וואָס ער זי קלאָגט זיך אויפֿן מאָלן!" אָדער ער ענדיקט דעם פֿיינעם משל דער „תּכלית פֿון דער ערד" (פֿון פֿערדישן שטאַנדפּונקט): „ערד צוליב דעם גערשטן, גערשטן פֿאַר די פֿערד". אָדער „פֿאַר אַ חזיר אויף אַ בלאָטע זיך נישט קלאָגן". „אין דער פֿרעמד איז דער מינדסטער גרוס אַ שטרודל". ווי אַרויסגענומען פֿון פֿאָלקסמויל!

אָבער שטיינבאַרגס קוואַלנדיקע שפּראַך־שעפֿערישקייט איז פֿאַר אים אָפֿטמאָל אַ חסרון: ער קאָן זי נישט שטענדיק באַהערשן און ווערט מיטגעריסן מיט דעם שפּראַך־שטראָם מחוץ די נויטיקע גרענעצן פֿונם משל. אין די דאָזיקע, ליידער, אָפֿטע שטעלן פֿאַרלירט ער דעם קאָנטאַקט מיטן פֿאָלקסטימלעך־משלדיקן און דערנענטערט זיך צו אַן אַנדער צווייג פֿון פֿאָלקסטימלעכן שאַפֿן, צום בדחנישן. דער דאָזיקער בדחנישער עלעמענט איז נישט תּמיד אַזוי וווּלגאַר ווי אינם „משל" וועגן אַן אייזל, וואָס וויל ווערן רבֿ אין ווילנע און די הינט העלפֿן אים צו מיט זייער בילן און שטיינבאַרג זאָגט: „כּלבים בילן, ווייסן זיי כאָטש וואָס זיי ווילן! (כאָטש פֿון ווילן ביז קיין ווילנע איז נאָך אַ ווייטע שטרעקע)". אָבער אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס קומט עס פֿאָר צו אָפֿט. די בעסטע משלים שטיינבאַרגס זענען טאַקע קורץ, שפּראַך־באַהערשט.

ער פרעסט דאָרט צונויף זיין שפּראַך-צעגאָסנקייט און צוימט איין זיין צו שטאַרקע נייגונג צום גראַם (אויך אַ רעזולטאַט פון בדחנישן עלעמענט), צוליב וועלכן ער טראַכט אָפט צו שטאַרק-געקינסטלטע און איבעריקע שורות.

וואָס שייך דעם ספּאָנטאַנעם אויסוווּקס פונם נמשל איז ער ביי שטיינבאַרגן על-פּי-רוב גוט און אפילו גלענצנדיק דאָרט, ווו מיר האָבן צו טאָן מיט שטיינבאַרגס אייגנטלעכע משלים. ווייל אין דער אמתן איז דער טיטל „משלים" אומגערעכט אַרויפגעצווונגען געוואָרן אויפן גאַנצן בוך, וואָס באַשטייט פון דריי טיילן: א) משלים אין פולן זינען פון דאָזיקן וואָרט; ב) סאַטירישע און הומאָריסטישע מעשהלעך, וואָס האָבן מיטן אייגנטלעכן משל קיין שום געמיינזאַמעס נישט, אַ חוץ די פאָלקסטימלעכע שפּראַך-פאָרם; און ג) אַ צווישן-מין, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן נייטראַלן פאַס צווישן שטיינבאַרגס צוויי ערשטע דיכטונגס-געביטן. היות ווי די משלים בילדן דעם ווערטפולסטן טייל פון בוך, וועל איך פריער כאַראַקטעריזירן די צוויי לעצטע בוך-עלעמענטן, כדי צו האָבן אַ פרייען וועג צום קערן פון שטיינבאַרגס שאַפן.

*

*

אין שטיינבאַרגס מעשהלע „רב בערלס הויזן" האָבן מיר אַ מוסטער פון אַ הומאָריסטיש מעשהלע, וואָס איז אַן אָפטע דערשיינונג אין בוך, הגם נישט תמיד אין אַזאַ ריינער הונדערט-פּראָצענטיקייט. רב בערל דאַרף פאָרן אויף אַ יאַריד. קויפט ער זיך אַ פּאָר הויזן. זענען זיי צו לאַנג. בעט ער דעם ווייב זי זאָל זיי קירצן. האָט זי קיין צייט נישט. בעט ער די טאָכטער, די מאַמע, דער שכנה — און קיינער האָט קיין צייט נישט. קירצט ער זיי אַליין. אָבער שפּעטער, ווען בערל שלאָפט שוין און אַלע טוען זיך אַרום מיט זייערע עסקים, קירצן זיי איינער נאָכן אַנדערן די הויזן ביז זיי גרייכן אפילו דעם קליינעם רב בערל ביז די קני. געוויס איז דאָ נישטאָ קיין נמשל און אויב מען נעמט עס אָן פאַר אַ משל, טויג ער נישט, אָבער דאָס איז גאָר קיין משל נישט. צום זעלבן מין געהערט אויך דער מין שטיפערייען — אין לוצקיס

סטיל — ווי „דער צוג" אין ענלעכע, אין אַ ריינערער אָדער געמישטער פאָרם (דאָס „אויגנמענטשעלע", למשל).

דער געצוווּנגענער, דער אָנגעשטרענגטער נמשל אין שטיינבאַרגס אַ סך משלים נעמט זיך דערפון, וואָס ער מאַכט באַמיאונגען אויף אַזעלכע דערציילערישע פאָלקסטימלעכע דיכטונגען אַרויפצווינגען די מאַרקע פון אַ משל. אַ מוסטער פון דאָזיקן מין איז דאָס „זעלצערל", וואָס א'ז לויט די אויספיר־מיטלען גוט, פיין, אָבער אַז מען קומט צום נמשל, זאָגט איר ביי זיך: רעכט אַז נישט; אַזוי אויך אַ פיינע מעשה. אַז מען וויל קען מען אַרויסדרינגען אַ נמשל אויך (און פון אַ דערציילונג, אַ ראָמאַן לאָזט זיך דאָס דען נישט?): די פאַלשע לויבן, חנפנען, דער פעפער און די זאַלץ זאָגן דעם אמת, אָבער פון משל גופא לויכט דאָס נישט אַרויס, מען דאַרף אויסטייטשן מיטן גראָבן פינגער. און דער דאָזיקער צווישן־מין איז פאַרטראָטן אין אַ גאַר־גרויסער פראָפּאָרץ.

אָט איז אַ קלאַסישער ביישפּיל פון שטיינבאַרגס געצווּנגענעם משל: „די קראָ און דער קוקוק". אַ קראָ לערנט איר קינד נביאות זאָגן, אָבער „ביטער איז דער אמת, ביטער... איז מאַך אַביסעלע אים שיטער! סע רעדט זיך נאָר אַזוי אַביסל — אָבער לאָזן מוזטו דאָך פון אים אַ סימן... כדי מען זאָל דיר גלויבן". און דער קוקוק לערנט זיין זון: „דעם אמת זאָלסטו זאָגן... אָבער... ווי דער אמת זאָל נישט שיין זיין און דערהויבן, גיב אים צו אַ שקר־ווײַמפּערל, אַ חן... כדי מען זאָל דיר גלויבן". אַ משל וואָלט דאָס געווען נאָר דאַן, ווען אין די רייד פון דער קראָ און פונם קוקוק וואָלט געווען כאַראַקטעריסטישעס פאַר זיי ביי אַ געוויסער האַנדלונג, און דורך זייער פּריוואַטער נאַטור וואָלט זיך דורכגעשלאָגן דער אַלגעמיינער נמשל. אָבער דאָס זעלבע האָבן געקענט זאָגן אַנדערע פייגל אָדער חיות, אפילו א מענטש אויך. דאָס, וואָס די קראָ אָדער אַ קוקוק זענען אין פאָלקס־גלויבן בשורה־ברענגערינס, איז בלויז אַן אויסערלעכע זאַך אין דאָזיקן פאַל.

אויך די דאָזיקע צוויי עלעמענטן פון בוך זענען על־פּי

רוב שפּראַכלעך־פּרעכטיק, פאָלקסטימלעך־הומאָרפול. אַזעלכע זאַכן ווי „פאַרוואָס די ערד דרייט זיך״ און „דאָס אויגנמענטשעלע״ זענען ביז גאָר שפּראַכלעך־שעפעריש. אַזעלכע זאַכן ווי די „נקמה״ — חנווּדיק, שפּילעווּדיק, מוזיקאַליש. אויף וויפל שטיינבאַרג איז רייך אין שפּראַך־איינפאַלן באַווייזט, למשל, דאָס, וואָס אים געלינגט מיט פּשוטע מיטלען איבערצוגעבן דעם געזאַנג פון אַ פויגל. דער פויגל זינגט ביי אים: „קוויק דאָס האַרץ, קוויק, קוויק עס, קוויק עס, און באַגליק עס״ אַא״וו. אָבער כּדי צו פאַרענדיקן מיטן שפּראַכלעכן מאָמענט פון שטיינבאַרגס שאַפן מוז איך נאָך צוגעבן, אַז ער אָפּערירט צופיל מיט פּסוקים, מיט העברעאיזמען און אַראַמיזמען. עס שפּילט ביי אים אַ געוויסע ראָל אויך די משכּילישע שפּילעריי מיט פּסוקים און טייטשן.

* *
*

די אייגנטלעכע משלים זענען געוויס נישט אַלע פון איין ווערט. עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס קאָנען אויסהאַלטן אַ פאַרגלייך מיט די גוטע משלים פון די גרויסע פאַבלען־מייסטער, מיט אַ קרילאָוו און אַ לאַפאָנטען. אַזעלכע משלים ווי „העמדער״, „דער חלף און די זעג״, „צוויי פייגעלעך״, „פאַרן בית־דין של מעלה״ און נאָך און נאָך גייען אַריין אין אייזערנעם פאָנד פון יעדער ליטעראַטור. זיי אַנטשפּרעכן די שטרענגסטע פאָדערונגען פון אַ קלאַסישן משל. פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס דער נמשל זייערער איז אַביסל לויזער צוגעבונדן מיטן משל, און פאַראַן גאָר שוואַכע משלים, ווי למשל „זשאַבעס״, אַ סאַטירע אויף פּאַרלאַמענטן, בכלל אויף געוויילטע אינסטאַנצן.

דער משל איז לויט זיין עצם מהות ס אָ צ י אַ ל. ער געהערט צום בולט־סאָציאַלן צווייג אין דער ליטעראַטור: די סאַטירע. דער משל האָט שטענדיק באַקעמפט סיי די אַנטי־סאָציאַלע אייגנשאַפטן פון געוויסע יחידים, סיי די שלעכטע אָרדענונג פון דער געזעלשאַפט. אַז שטיינבאַרג האָט פאַרמאָגט דעם אמתן חוש פון אַ משל־דיכטער זעט מען טאַקע דערפון,

וואָס זיינע שענסטע און טיפסטע משלים האָבן אַ היינטצייטיק־סאָציאַלן ווערט.

פאַראַן ביי שטיינבאַרגן אַ משל „דער רויך און די כמאַרע". דער רויך, דאָס פאַרבליבענע פון אַ פאַרברענטן בוים, פליט אין דער הויך, באַגעגנט אַ כמאַרע, וואָס רייסט זיך אונטן צו דער ערד. דער רויך שרייט אויס מיט שרעק:

„גאָט מיט דיר! וווהין? אין יענעם גהינום?
„היט זיך, ווי דאָס לעבן איז דיר טייער!
„קום מיט מיר אַהין, אַהינצו, צו די
„שטערנס — ריינע פונקעלעך, נשמהלעך אָן גופן!
„זע נאָר ווי זיי ווינקען, ווי זיי רופן".

ענטפערט די כמאַרע:

„ניין! איך קען נישט! איך — אַראָפּ, אַראָפּ איך מוז זיך קערן! איך האָב אַ האַרץ מיט בליץ, מיט דונער און מיט טרערן!"

אַ משל, וואָס גיט אָן אויסטייטשונגען דעם נאָקעטן קעגנ־אַנאַנדער פון צוויי שיטות, פון צוויי טעמפעראַמענטן, פון הימל־טרוימער און ערד־שטורמער.

אַ סך משלים שטעמפּלען מיט גרויס טאַלענט די ערגסטע מענטשלעכע מידה פון הכנעהדיקן טראָגן דעם עול פון דעם, וואָס נעמט די בייטש. שטיינבאַרג קערט זיך אָפּט אום צום דאָזיקן מאָטיוו און ער געפינט אַ סך שעפערישע וואַריאַציעס, כדי צו דראַמאַטיזירן דעם דאָזיקן אמת. איין וווּנדערבאַרער משל, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן דאָזיקן געפיל, הייסט „פאַרן בית־דין של מעלה". אַ קו לאָדט פאַרן בית־דין של מעלה איר אַלטן באַ־לעבאָס, וועלכער האָט זי געמאָלקן בעת איר אייגן קעלבעלע האָט געשמאַכט נאָך אַ פּאָר טראָפּן מילך. איז דאָס אים נאָך ווייניק געווען, האָט ער נאָך דאָס קעלבעלע געפירט

„צו דער שחיטה,
„דאָס ערשטע, דאָס צווייטע, דאָס דריטע"...

דעם הימל נעמט אַרום אַ גרויל:

"— און דו האָסט געלאָזט זיך אַלץ
מעלקן? — געלאָזט!
„מען האָט דאָך דיר הערנער געגעבן,
„צי האָסטו מיט זיי נישט געשטאָכן? — חלילה!"
„איז גהינום! מיט טעמפּער הכנעה
און שטומפּיק געדולד,
„מיין קנעכט שלמה-זלמן מיר איבערגעפירט!"

נאָך בייסיקער דראַמאַטיזירט דעם דאָזיקן געדאַנק דער משל „דאָס פערד און די בייטש". אַ פערד קלאָגט זיך פאַרן בייטש, פאַרוואָס ער שלאָגט אים נאָך, ווען ער פאַכעט אַרויס די נשמה ביים שלעפּן באַרג אַרויף. ענטפערט די בייטש:

„דיך שלאָג איך נישט דערפאַר, וואָס
ווילסט נישט שלעפּן,
„נאָר דיך קומט דערפאַר צו קעפּן,
„וואָס בהמה, נישט פאַרשטאַנען
„און געלאָזט זיך שפּאַנען!"

פונקט אַזוי ווערט שטיינבאַרג אויך נישט מיד צו שטעמפּלען די יעניקע, וועלכע פריידיקן הכנעה פאַר... יענעם. דער האַמער וויל דערווייזן על-פּי-חקירה דעם שטיק אייזן, וועלכן ער קלאַפּט,

„אַז מען דאַרף זיין קלוג, געדולדיק,
„און נישט זאָגן קיינעם: דו ביסט שולדיק,
„הער אויף צו שעלטן, שרייען,
„ווייל פאַרשטיין הייסט פאַרצייען"...

אָבער דאָס געשלאָגענע אייזן ענטפערט אויף די חקירות, לויט וועלכע יעדער איינער טוט נאָר דעם רצון פון אַ העכערן פון אים און במילא איז ער נישט שולדיק: „-קין! נייע האַמערס — נייע שיטות! הרגעט, שלאָגט און איז אַ ברודער!"

נאָך שענער איז דער משל אויף דער זעלבער טעמע „דער שטעקן". דער שטעקן זאָגט מוסר דער קו:

„ברוגז ביסטו? וואָס? דיין קעלבעלע אין שטאַל,
„ווען דיך מעלקט מען דאָ אינדרויסן?
„ווילסטו אפשר דריגען? שטויסן? וועט
עס וואַרפן דיך אין כף הקל.
„הער, מען טאָר נישט, זאָג איך דיר,
מען טאָר נישט דריגען, שלאָגן!
„אַלץ צו גוטן, מוז מען זאָגן,
„אַלץ צו גוטן, אַלץ,
„ווען אפילו ס'ליגט דער חלף אויפן האַלדז".

און דער שטעקן? דערביי „הערט ער נישט אויף צו שלאָגן, שלאָגן"...

אָבער דער טיפסטער און שענסטער משל אויף דער דאָזיקער טעמע איז דער משל „צוויי פייגעלעך". צוויי פייגעלעך זיצן אין אַ שטייגל. איינס נעמט אויף געדולדיק די תפיסה, דאָס צווייטס נישט. עס פיקט, רייסט די דרעטלעך פון שטייג. דאָס ערשטע הייסט עס זיין רואיק, סיי ווי „שוואַך דאָס שנעבעלע, די דרעטלעך — אייזן!" אָבער דאָס צווייטע קאָן נישט זיין רואיק. אַ קליין מיידעלע זעט דעם אומרו פונם קליינעם פייגעלע „דאַכט זיך איר, דאָס פיצל מיטן שנעבל איר אין האַרץ אַ פיק", עפנט זי אויף דאָס טירעלע אוןביידע פייגעלעך פליען אַרויס אויף דער פריי. זאָגט די געלאַסענע: „נו, באַדאַרף מען וויעווען? האַ? כדאי! אַז באַשערט איז די ישועה, קומט זי סיי־ווי־סיי!" „נו, פאַרשטייט זיך, קומען קומט זי און זי מוז... נאָר פאַרגעסט נישט, שטילינקע, אין וועמענס זכות!"

צו דער קאַטעגאָריע משלים מיט אַ טיפן דורכזיכטיקן זין געהערט אויך דער צו שטאַרק צעצויגענער משל „דער פלי־פיש". אַ פלי־פיש האָט זיך אַ ריס געטון איבערן אויבערפלאַך פון ים און, קומענדיק צוריק, דערציילט ער פאַר די פיש די וואונדער, וואָס עס זענען דאָ איבערן ים. אָבער ווען די פיש פאַלן אַריין

פון זיינע דערציילונגען אין התלהבות (שטיינבאַרג שילדערט דאָס צו מליצהדיק, ווי אַ טיש ביי אַ חסידישן רבין), רופט זיך אָפּ „איינער אַ פיש, אַ היינטוועלטיקער דאַרט, וואָס גלויבט אין דריי זאַכן: ווערעמלעך, ליבע און ספּאָרט — ער חידושט זיך, חוזקט און לצט: „ די פינצטערע קרעפּטן, זיי ווירקן נאָך יעצט?! אַז צוויי מאָל צוויי פיר שוין באַרעכנט די פיש־מאַטעמאַטיקער — און נאָך עקזיסטירן פאַנאַטיקער!" מיר האָבן אויף אַלע געביטן פון אונזער פאָלקס־לעבן אַזוי פיל אַזעלכע פיש־מאַטעמאַטיקער, אַז שטיינבאַרגס משל טרעפט אין פּינטל אויף וואָס איר זאָלט אים נישט אָנווענדן. טרעפלעך איז אויך דער משל דאָס „פּאַר־פאָלק". אַ הון מיט אַ האָן האָבן מורא פאַר די מענטשן. זיי האָבן אָן אָנוונג פון דער שחיטה. באַשליסן זיי צו אַנטלויפן. אָבער אָנ־שטאָט צו לויפן, אָנשטאָט צו האָבן מוט צו עפּעס אַ טאַט — זוכט מען אויפן וועג ווערעמלעך און מען פּיקט און מען פאַרקריכט אין מיטן פּיקן צוריק אין הויף.

„וואָס דאַרף אַזאַ פּאַר־פאָלק דען מער?
„עסן ווערעמלעך און זוכן גליק,
„ביז דער חלף קומט און — כיק!"

מיט אַזעלכע פּשוטע מיטלען אַ משל אויף אַ גאַנצער וועלט!

שטיינבאַרג האָט אַזוי פיל גוטע משלים און זיין בוך איז אַזוי ווייניק פאַרשפּרייט, באַזונדערס אין פּוילן, אַז איך וויל כאָטש מיט נאָך צוויי משלים באַקענען די לייענער. „דער ריכטער". דעם בער, דעם ריכטער פון וואַלד, חלומט זיך, אַז אַלע חיות זענען גע־וואָרן גוט און פרום און ער האָט שוי'ן נישט וואָס צו טאָן, פון וואָס צו ציען חיונה. טרייסט אים דער פוקס: „איז נאָר דאָ אַ פּאַסטוך, וועלן זיין שוין הינט! גיב נאָר גאָט אַ ריכטער, וועלן זיין שוין זינד!"

„צוויי רויזן". אַ ק"נסטלעכע און אַ אמתע, אַ האַלב־פאַר־וועלקטע. די אמתע קלאָגט זיך: „גאָרטן—הייסע שטראַלן—פרישער טוי, עס בענקט זיך מיר אַזוי". „וואָס אַ בלום זיך גלוסט!... פון

די נאַרישקייטן קיינמאָל נישט געוווּסט, און איך לעב און דאַנקען גאָט". „איידער אייביק טרוקן, – זאָגט די פאַרוועלקטע רויז – שטאַרבן און כאָטש איינמאָל מיט אַ טראָפּן טוי זיך קוויקן".

ס'איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז דער דאָזיקער משל איז שטיינבאַרגס ערשטער משל.

* * *

איך וויל קורץ אָנווייזן אויף נאָך צוויי מעלות פון שטיינבאַרגס משלים. זיי זענען על־פּי־רוב בּילדעריש. ער גיט איבער פּלאַסטיש דעם אויסזען און די באַוועגונגען פון זיינע פּערסאָנאַזשן, ווי אויך די לאָקאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע די האַנדלונג קומט פאָר. למשל: אַז מייזלעך מאַכן אַ שפּאַציר „דרייען זיי זיך שטיל צווישן פּעסעלע און טירל". און מיר געפינען זיך דאָרט פּלוצלונג אויך. דאָס איז אַזאַ אָפטע מעלה, אַז ס'איז שווער אויסצוווילן ביישפּילן פון צופיל מאַטעריאַל.

אויך מעג מען דערמאָנען צום גוטן די לירישע טענער פון די משלים, וועלכע ווירקן אָפט זייער שטאַרק. „און אַז גאָט געוואָלט דער בייזער וואָלף איר קינד זאָל עסן – וואָס־זשע גיט דער מאַמען ער אַ בענקשאַפט און זי קאָן עס נישט פאַרגעסן? וואָס־זשע בּריט אַזוי אין האַרץ און בּראָט?"

IV

י. נ. שטיינבערג

„דער וועג פון פּיין"

י. נ. שטיינבערג, וואָס האָט באַקומען אין דייטשלאַנד דעם שווישפּיל־פּריז פון ברעמענער געטע־בונד און ברעמענער שווישפּילהויז פאַר זיינע דראַמאַטישע סצענעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע אונטערן נאָמען „דערנער־וועג", *) איז אויפן ליטעראַריש־קינסטלערישן געביט אַ גאַסט. ביז איצט איז ער באַקאַנט אַלס פירער פון די לינקע ס. ר. און אַלס פּובליציסט. דעם יידישן לעזער איז ער נישט אומבאַקאַנט: ער האָט אַרויסגעגעבן אויף יידיש אַ ביכל „דער מאַקסימאַליזם אויף דער יידישער גאַס". עס איז אויך אַרויס אין יידיש זיין רוסיש ווערק „דאָס מאָראַלישע פּנים פון דער רעוואָלוציע"; אין „צוקונפט" האָבן זיך געדרוקט פון אים „זכרונות פון אַ רוסישן פאָלקס־קאָמיסאַר" (י. נ. שטיינבערג איז געווען יוסטיץ־קאָמיסאַר אין דער ערשטער ראַטן־רעגירונג). איצט זענען דערשינען אונטער זיין רעדאַקציע צוויי יידישע זאַמלביכער פאַרן פרייען סאָציאַליסטישן געדאַנק „פרייע שריפטן".

אַלעקסאַנדר, דער הויפּט־העלד פון די דראַמאַטישע סצענעס, וואָס פאַרקערפּערט, ווי מיר דוכט, דעם מחבר גופא, זאָגט „זעץ אַוועק איינעם נעבן צווייטן אַ קינסטלער און אַ רעוואָלוציאָנער, וועלן זיי ביידע פאַרצערט ווערן פון קנאה...

...אָבער דאָס קאָמישע איז אין דעם, וואָס זיי דאַרפן גאָרנישט מקנא זיין איינער דעם צווייטן; ווייל יעדער פון זיי איז גלייכצייטיק דאָס איינע און דאָס צווייטע. און אַזוי איז

---

*) דערשינען אין יידיש אין וואַרשע, אין פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, אין 1928 אונטערן נאָמען „דער וועג פון פּיין" אין דער איבערזעצונג פון י. רַפּאָפּאָרט.

עס: נישטאָ קיין אַנ גרויסער קינסטלער, וואָס זאָל נישט זיין קיין רעוואָלוציאָנער, און קיין גרויסער רעוואָלוציאָנער, וואָס זאָל נישט זיין אין אַ געוויסן גראַד אַ קינסטלער".

די האַנדלונג פון די דראַמאַטישע סצענעס קומט פאָר פון אויגוסט 1917 ביז 1918, ד. ה. פון דער צייט, ווען ס'האָט אָנגעהויבן אָנוואַקסן די כוואַליע פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, ביזן מאָמענט, ווען די דאָזיקע כוואַליע האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעגאָסן איבער דעם גרויסן רוסלאַנד.

דער סאָוועט פון אַ גרויסער פראָווינץ-שטאָט אין רוסלאַנד באַקומט אַ ידיעה וועגן קאָרגילאָווס אויפשטאַנד. מ'מוז אָנגעמען קעגן-מיטלען. גלייך שטעלן זיך שאַרף אַרויס די קעגנזאַצן צווישן די מעסיקע און עקסטרעמע סאָוועט-מיטגלידער. די מעסיקע זוכן מיטלען, ווי צו באַזייטיקן קאָרנילאָוון, די עקסטרעמע — צו באַזייטיקן די באַדינגונגען, וואָס מאַכן מעגלעך די דערשיינונג פון די קאָרנילאָווס. די גאַנצע שפּאַנונג פונם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד פאַר דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע ווערט פיין איבערגעגעבן אין גאַנצן ערשטן אַקט. עס זענען שוין אָנגעמערקט בולט די ליניעס, לויט וועלכע ס'וועט פאָרקומען די שפּאַלטונג פונם רעוואָלוציאָנערן לאַגער. די גאַנצע פּאָליטישע לאַגע ווערט איבערגעגעבן אין דער דערציילונג פון גליעב (דער באָלשעוויק) וועגן דער אָפיצירן-פאַרזאַמלונג, אויף וועלבער דער מענשעוויק אַכמאַטאָוו וויל זיי געווינען אויף דער זייט פון קערענסקין קעגן קאָרנילאָוון. נאָך זיין רעדע שטעלט זיך אויף אַן עלטערער אָפיציר און פרעגט: „וואָס איז אייגנטלעך דער אונטערשייד צווישן קערענסקין און קאָרנילאָוון?" און אַכמאַטאָוו קען עס זיי נישט דערקלערן...

צום בולטסטן ווערט אויסגעדריקט דער קאָנפליקט דורכן וואָרט-פירער פון די דראַמאַטישע סצענעס, דורך אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש: „זיי, די מעסיקע, די רואיקע האָבן געדולד — מיר קענען עס נישט. עס רייסט אונז פאַראויס. דער באָדן איז טיף צעאַקערט, און וואָס וואַקסט אַרויס פון אים?... די גאַנצע וועלט וועלן מיר צעברעכן אויף שטיקער — זאָל זי דער רוח

כאַפּן – אויב אַנדערש קען מען נישט בייקומען דעם אומ־גליק!"

ס'ווערט קלאָר, אַז די וועגן פון די מענטשן, וואָס זענען ביז נישט לאַנג געגאַנגען צוזאַמען, גייען זיך פאַנאַנדער. דער דורכגעלאָפענער, איינגעשטילטער שטורם קערט זיך ווידער אום מיט פאַרשטאַרקטער קראַפט, און אַלעקסאַנדער, וועלכער שפּירט, אַז „אונטער זיין ווילדן אָטעם ווייעט דער פרילינג, – דערווירקלעכער פרוכט־ברענגענדיקער פרילינג", גייט אים אַרויס אַנטקעגן „מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ"... מאַריאַ, זיין פרוי, דער סימבאָל פון דער היימישער וואַרעמקייט, וואָס ציטערט פאַרן היימישן גליק, וואָס וויל אים באַשיצן אונטער איר ליבנדיקן פליגל, מאַריאַ, וועלכע ברענגט אים די בשורה פון זיין טעכ־טערל וואַרינקאַ, וועלכע איז אַזוי „מאכלדיק געווען ביים באָדן", מאַריאַ שרעקט זיך פאַרן דאָזיקן שטורם. אַלעקסאַנדער וויל אָפּ־ווענדן איר בליק פון דאָס היימיש־נאָענטע, טייערע: „מיר וועלן שטייגן באַרג אַרויף"...

די צווייטע סצענע קומט פאָר אין פּעטראָגראַד, אין דע־צעמבער 1917. דאָס, וואָס האָט „געמוזט געשען" איז געשען. אַלעקסאַנדער וויל נישט אַראָפּוואַרפן פון זיך די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דאָס געשעענע און נעמט אָן דעם פאָרשלאַג צו ווערן קאָמיסאַר. מאַריאַ שרעקט זיך פאַר דער מעגלעכקייט, אַז איר מאַן וועט דאַרפן באַגיין גוואַלדטאַטן. ער אָבער גלויבט, אַז אדרבה, אים וועט געלינגען צו מילדערן דורך זיין איינפלוס די צו גרויסע גרויזאַמקייטן פון רעוואָלוציאָנערער קריגס־צייט. און כּדי זיין פרוי זאָל האָבן די מעגלעכקייטן צו קאָנטראָלירן זיין טעטיקייט, שרייבט ער אָן פאַר איר אַ פּראָגראַם פון זיין טעטי־קייט, אַ מין „וידוי אין אַוואַנס".

אַלעקסאַנדער ווערט קאָמיסאַר, אָבער די גרויזאַמקייט, וועלכע ער האָט געוואָלט מילדערן דורך זיין איינפלוס, ווערט פאַר אים בלויז גערעכטיקייט, דער גערעכטער משפט פון פאָלק. מאַריאַ ליידט דערפון, וואָס איר צווישן די פאַרפאָלגער, אָבער אַלעקסאַנדער, פאַר וועמען רעוואָלוציע באַדייט – גורל,

וועלכער גיט זיך אָפּ דער רעוואָלוציע, ווי מ׳גיט זיך אָפּ דער ליבע, אָן חשבונות, אומפאַרמיידלעך, פאַר אַלעקסאַנדערן איז קלאָר, אַז „ מ׳קען נישט פאַרלאַנגען דעם רעגנבויגן פאַרן געוויטער". און ווען יוליע, מאַריאַס 20 יעריקע שוועסטער, דערמאָנט אים, ווי ער האָט גערעדט וועגן די איינפאַכע געזעצן פון אמת און גערעכטיקייט, ענטפערט ער: „דיינע ווערטער האָבן מיך געטראָפן אין האַרצן... איך טרוי‏ער נאָך זיי, און פונדעסטוועגן בין איך זיי גובר"... ער איז זיי גובר אין נאָמען פון אַנדערע געזעצן, וועלכע די רעוואָלוציע שטעלט אַרויס, ער איז זיי גובר אין נאָמען פון קומענדיקן מענטשן־גליק, וועלכער שטעלט זיך אים פאַר אין ליכטנדיקע פאַרבן... און ווען יוליע פרעגט שטיל: „און צוליבן דאָזיקן צוועק איז אַלץ דערלויבט?" ענטפערט ער פעסט, רואיק־זיכער: „יאָ, אַלץ!"

און אַלעקסאַנדר איז אויף דער זייט פון די, וועלכע צע־טרייבן די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. אַלעקסאַנדר האָט באַקומען דורך דער רעוואָלוציע אַ צויבער־וואָרט: „נויטווענדיקייט".

די רעוואָלוציע גייט אַלץ טיפער און טיפער אין איר שטראָם. „דאָס גאַנצע לאַנד" — זאָגט יוליע — איז ווי אַ גרויסע אָפענע וווּנד — זי שמערצט, ווען מען רירט זי נאָר אָן"... אַלעקסאַנדערס פריערדיקע חברים פּלאַנען אויפצורייסן דעם צוג מיט די פאָלקס־קאָמיסאַרן, וועלכע פאָרן איבער פון פעטראָגראַד קיין מאָסקווע. ראַיעווסקאַיאַ, אַ יונגע רעוואָלוציאָנערין, וועלכע ליבט אַלעקסאַנדערן, נעמט אויף זיך אויפצורייסן דעם צוג, זי גייט אָבער פריער צו מאַריאַן און בעט איר, זי זאָל נישט לאָזן פאָרן אַלעקסאַנדערן צוזאַמען מיט אַלע. מאַריאַ גיט איבער דעם שמועס אַלעקסאַנדערן, די פאַרשווערונג ווערט אַנטדעקט און אַלעקסאַנ־דער לאָזט אַרעסטירן זיינע פריערדיקע פריינט און קאַמפּס־חברים. מאַריאַ טראָגט אונטער אַלעקסאַנדערן זיין פּראָגראַם, וועלכע איז געבליבן נישט אויסגעפירט, אָבער ער בלייבט האַרט. ערשט ווען ראַיעווסקאַיאַס מוטער קומט און דערציילט, אַז ראַיעווסקאַיאַן האָט מען פון תּפיסה אַוועקגעפירט צוזאַמען מיט אַלע פאַרשווע־רער, ברעכט ער צוזאַמען אונטער דער אַזוי לאַנג געטראָגענער

לאַסט. ער, וועלכן ס'האָבן נישט געקענט רירן דער פּרויס בקשות, וועלכער איז גרייט געווען צו אַרעסטירן זיין פּרויס שוועסטער, וועלכער האָט געשיקט צום טויט זיינע פריערדיקע חברים, ער האָט נישט אויסגעהאַלטן, ער שרייט אויס: „ווייטער קען עס אַזוי נישט גיין... אַנדערע, אַנדערע וועגן זענען נויטיק... אַנישט וועט די רעוואָלוציע דערשטיקט ווערן"... ס'רייסט זיך אַריין די מאַסע מיט געשרייען: „ראָסטאָוו איז געפאַלן! אין דייטשלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן שטרייקן! זאָל לעבן די רעוואָלוציע!"

די דראַמאַטישע סצענעס „דערנער-וועג" נעמען אַרום אַ שטיק קאַמפּס-תקופה און פאַרקערפּערט זי אין געשטאַלטן. דאָס ווערק איז אינטעלעקטואַליסטיש, עס נעמט אַרום אַ ריי פּראָבלעמען פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע און פון רעוואָלוציע בכלל. ס'איז שווער איבערצוגעבן אין אַ קורצן אַרטיקל די אַלע געדאַנקען, וואָס ווערן פאַנאַנדערגעוויקלט אין די כסדרדיקע שמועסן צווישן די האַנדלענדיקע פּערזאָנען (און פון אַזעלכע דיאַלאָגן באַשטייט די גאַנצע דראַמע). דעם ווערק פעלט אַ דראַמאַטישער קאָנפליקט, די פּערזאָנען און אידעען פעלט רוים זיך אויסצולעבן, זיך צוזאַמענצושטויסן. ראַיעווסקאַיאַס עפּיזאָד איז אָנגעצייכנט ווי אויף א ווייטן פּאָן; פיין-אָנגעמערקטע קאָנפליקטן פון אַלעקסאַנדערס רעוואַלוציאָנערער סטיכיע מיט מאַריאַס הייםישקייט, וואָס זענען אָפּטמאָל אַזוי טיף-פּסיכאָלאָגיש און אַזוי טראַגיש אין זייער אמתדיקער קליינלעכער לעבנס-גרויס, — די דאָזיקע קאָנפליקטן זענען געבליבן נישט פאַנאַנדערגעוויקלט. דער רייכער פּערסאָנאַזש פון די סצענעס בלייבן מערסטנטייל אין הינטערגרונט, ווי אַ נישט באַנוצטע שטאַרקע רעזערוו-אַרמיי. מ'לייענט די סצענעס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און ביים לייענען שיינט אויף פאַר אונז דער שיין פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע.

„דו האסט געזיגט, מאכנאטשאח!"

אונטערן דאָזיקן נאָמען האָט י. נ. שטיינבערג אָנגעשריבן אַ נייע דראַמע, וועלכע וועט אינגיכן דערשיינען גלייכצייטיק אין יידיש און אין דייטש. דאָס איז שטיינבערגס צווייט ווערק, וואָס דראַמאַטיזירט דעם גרויסן קאָנפליקט פון דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, דעם קאָנפליקט צווישן דער באָלשעוויסטישער און דער לינק־נאַראָדנישער טייל אירער. די אויסערלעכע און אינערלעכע געשיכטע פון דאָזיקן קאָנפליקט האָט שטיינבערג באַהאַנדלט אין אַ גאַנצער ריי גרעסערע און קלענערע פּובליציסטישע אַרבעטן, באַזונדערס אין זיינע פּרעכטיקע ווערק „דאָס מאָראַלישע פּנים פון דער רעוואָלוציע", „פון פעברואַר ביז אָקטאָבער", „דערינערונגען פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר" א. אַ. אָבער שטיינבערג האָט איבערגעלעבט דעם דאָזיקן קאָנפליקט נישט נאָר אינטעלעקטועל, נאָר אויך טיף־פּערזענלעך. ער איז געווען צווישן די אַקטיווע אָנטיילנעמער פון דער טראַגישער געשיכטלעכער אינסצעניזאַציע פון דאָזיקן קאָנפליקט — ווען דער דאָזיקער קאָנפליקט האָט פאַרלאָזן דעם געביט פון געדאַנק און זיך בלוטיק גענומען ראַנגלען אין ווירקלעכן לעבן, — און די דאָזיקע איבערלעבונג זיינע זוכט אַ בולטע אויסדרוקפאָרם, זי רייסט זיך צו דראַמאַטישער פאַרקערפּערונג.

דער פּראָלאָג פון דער דראַמע קומט פאָר פאַר דער רעוואָלוציע אין דער שווייץ, אין אַ רעסטאָראַן, ווו ס'קומט זיך צונויף די רוסישע עמיגראַציע. אַ יונג מיידל דערציילט אירן אַ חבר וועגן סאַזאָנאָווס אָן איבערלעבונג בעת זיין אַטענטאַט אויף פּלעווען. ער איז צוגעלאָפן צו דער קאַרעטע, האָט אויפ־

געהויבן די האַנט מיט דער באָמבע און דערזען אין פענצטערל די אויגן פון מיניסטער. און אין די אויגן פון זיין שונא האָט ער דערזען דעם פחד פון טויט, וועלכן דעם מיניסטערס אויגן האָבן איבערגעלייענט אין זיינע. און ער פילט מיטלייד צו אים, צו זיין שונא און קרבן. „און ער קען נישט אָפּווענדן זיינע אויגן פון די דאָזיקע אויגן... איז ער דען נישט גלייכצייטיק מערדער און ברודער?”...

די דאָזיקע שטאַרקע און ריירנדיקע דערציילונג רופט אַרויס דעם חוזק און פּראָטעסט פון „פליכעוואַטן”: „דאָס איז אַ טעמע פאַר אַ שיין-גייסטיקן ראָמאַן, — זאָגט ער — רעוואָלוציעס ווערן נישט געמאַכט מיט קיין „צאַרטע” איבערלעבונגען. מען וועט זיי ווי די הינער אָפּדרייען דעם קאָפּ”.

מען לייגט פאָר אַ געוועט: די רעוואָלוציע וועט זיין אַ חיהשע אָדער אַ מענטשלעכע? וועט די רעוואָלוציע האָבן דערפאָלג אָדער נישט? דאָס מיידל גייט איין אויף אַ געוועט מיטן „פליכעוואַטן”: צי די רעוואָלוציע וועט דערגרייכן איר צוועק, איר אמתן צוועק? אין מאָמענט פון געוועט שרייט אויס אַ צייטונגס-יינגל: „רעוואָלוציע אין רוסלאַנד!” דער פאָרהאַנג פון דער געשיכטלעכער סצענע הויבט זיך אויף. דער שטאַרקער אַקאָרד פון געוועט צווישן דעם יונגן באַגייסטערטן מיידל און דעם ציניש׳ן „פליכעוואַטן” וועט זיך פאַנאַנדערקלינגען אין אַלע שטורם-גלאָקן פון דער רעוואָלוציע: דערפאָלג פאַר יעדן פרייז, אָדער דערגרייכונג פון אמתן צוועק?

* *
*

די דראַמע קומט פאָר אין אַ פעסטונגס-שטאָט ביי דער וואָלגע. די שטאָט איז באַדראָט דורך אַ קאָזאַקן-אָנגריף. די אומרואיקע שטימונג לאָזט זיך שפירן אין דער „ריי” פאַר די לעבנסמיטל-אַמטן. אין די פריוואַטע צימערן פון יחידים-רעוואָלוציאָנערן. אָבער דער גאַנצער קאָנפליקט ווערט אויסגעקעמפט אין „רעווקאָם”, אין העכסטן אָרגאַן פון דער רעוואָלוציע. ביי אַלע פראַגן, וועלכע דער „רעווקאָם” באַהאַנדלט, שטויסן זיך

צונויף די מיינונגען פון מאַכנאַטשאָוון (געשטאַלט פון לעניין) און אירינאַ (געשטאַלט פון ספּירידאָנאָווא) און אינאַקענטי (אַ פישער, געשטאַלט פון אַ פאָלקס-מענטשן). מען ריכט זיך אויף אַן אַנטשיידענעם אָנגריף פון די קאָזאַקן, וועמען ס'איז געלונגען אַריבערצוגיין דעם טייך. די פעסטונג האָט ווינציק פאַרטיידיקער. מאַכנאַטשאָוו לייגט פאָר איינצופירן מיליטער-פליכט. אינאַקענטי ווערט זיך קעגן דעם. ער זאָגט: „לויטן געוויסן גייען מיר אין קאַמף... איר וועט מיך גישט קענען צווינגען... צו פאַרגיסן בלוט. כל-זמן איך האָב דאָס נישט געפּועלט ביי מיין אייגענעם געוויסן"... מאַכנאַטשאָוו ענטפערט איט אויף דעם: „און איר, חבר אינאַקענטי, מיינט, אַז ביי אַלע אַרבעטער רעדט נאָר דאָס געוויסן... און אויב זיי פאַרשטייען נישט זייער קלאַסן-אינטערעס? וואָס זאָל דאַן זיין?"...

אין דאָזיקן ערשטן צוזאַמענשטויס צווישן מאַכנאַטשאָוון דעם באָלשעוויק און אינאַקענטין דעם לינקן „נאַראָדניק", קומט שוין צום אויסדרוק דער קעגנזאַץ פון זייער שטעלונג צו דער רעוואָלוציע און איר טרעגער — דעם פאָלק. מאַכנאַטשאָוו האָט נישט קיין צוטרוי צום פאָלק, ער טרויט אים נישט, ער וויל אים צווינגען צו זיין טריי זיין ציל, ער וויל איינפירן מיליטער-פליכט. אינאַקענטי דאַקעגן וויל דורך באַגייסטערונג שאַפן פרייוויליקע, ווייל ער גלויבט אין דער געזונטער, פלאַמיקער נשמה פון פאָלק. „ווען מיר וועלן נאָר צוקומען צו די נשמות פון די מאַסן, וועלן זיי אַרומנעמען אַלע עקן פון דער וועלט מיט אַזאַ שרפה!"

און מאַכנאַטשאָווס ספק עקזיסטירט נישט, קען נישט עקזיסטירן ביי די דאָזיקע מענטשן נישט נאָר דערפאַר, ווייל זיי גלויבן אין פאָלק, נאָר אויך דערפאַר, — ווי אירינאַ דריקט דאָס אויס אין דער לעצטער סצענע, — ווייל זיי ווייסן, אַז אויב דאָס פאָלק וועט זיך נישט באַגייסטערן און נישט וועלן, „וועלן מיר ביידע (דאָס הייסט אירינאַ מיט מאַכנאַטשאָוון) סיי ווי דאָס נישט מאַכן"... זי פילט, אַז אירע כוחות שטאַמען פון פאָלק, פון ליבע צו אים און צו זיין גורל, און אַרויפצווינגען

אים איר ווילן קענען זיינעם איז זי נישט בכוח, איז קיינער נישט בכוח.

דורך דער גאַנצער דראַמע גייט דורך דער דאָזיקער גרונט־קעגנזאַץ פון די צוויי וועלט־אָנשויאונגען: איינע וויל וועקן די שעפערישע זעלבשטענדיקע כּוחות פון פאָלק, די אַנדערע ווילן אויסנוצן דאָס פאָלק ווי אַ מעכאַנישע, לעבלאָזע מאַסע, צו־ערשט צוליבן פאָלקס טובה וועגן, דערנאָך צוליב דער אייגע־נער מאַכט וועגן. אפילו ווען מען באַרירט די פראַגע פון דער נויט אין שטאָט — אַ פראַגע ביז גאָר אַ רעאַלע, באַציט זיך אויך אויף דער דאָזיקער דער קעגנזאַץ: ביי איינע קומט קודם־כּל דער געדאַנק: אָפּגעמען ביי דער בורזשואַזיע ביזן לעצטן העמד, ביי די אַנדערע: אויפוועקן ביי די אַרבעטער דעם ענטוזיאַזם, וועלן זיי אַלץ שאַפן.

און אַז אירינאַ איז גערעכט אין איר צוטרוי צו דער מאַסע, באַווייזט פאָלגנדיקע סצענע. מען ברענגט געפאַנגענע דעם קאָזאַקן־אָפיציר לאָבאַטשאָוו, מען באַשטימט אַ רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, וועלכער זאָל אים משפּטן פאַר די אויגן פון גאַנצן המון. מאַכנאַטשאָוו סוגערירט דעם פאָרזיצער פון טריבונאַל טויט־שטראָף. דאָס רופט ווידער אַרויס אַ פּראָטעסט: „פריער האָט איר פאָרגעשלאָגן מיליטער־פליכט... איצט—טויט־שטראָף. אַ שיינער סאָציאַליזם. טויט־שטראָף איז דורך דער ראַטן־רעוואָלוציע אָפּגעשאַפט געוואָרן... פאַר אַלעמען און אויף אייביק. ווער עס פירט זי איין, גרייט צו דעם באָדן פאַר דער קאָנטער־רעוואָלוציע". מאַכנאַטשאָוו קען די דאָזיקע שטעלונג נישט פאַרשטיין. ער דריקט דאָס איינמאָל דראַסטיש אויס: „יעדער פון זיי האַלט הויך זיין רעוואָלוציאָנערע ריינקייט, בעת מען דאַרף פאַרווירק־לעכן די אָביעקטיווע רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן".

אָבער דאָס געריכט גיט גערעכט אירינאַן. זי נעמט דאָס וואָרט און שילדערט לאָבאַטשאָווס גרויזאַמע מעשים פאַרן נקמה־דורשטיקן עולם, און ווען דער המון הויבט אָן שרייען: „אַ טויט לאָבאַטשאָוון", גיט זי אַ געשריי צום המון גלייך אין האַרצן אַריין: „איר ווילט ווערן די זעלבע חיות ווי לאָבאַטשאָוו?" און

דער רעוואָלוציאָנערער המון וויל בלייבן ריין, ער וויל נישט באַפלעקן די הענט אינם בלוט פון אַ געפאַלענעם, פון אַ שוצלאָזן, און זאָל ער זיין אפילו לאָבאַטשאָוו. ער וויל נישט קיין בלוט ווי אַ חיה, ער שפאַרט בלויז איין די חיה אין אַ שטייג, ווייל „די מאַסן טראָגן אין זיך דעם דורשט נאָך אמת און דאָס בילד פון אַ ניי לעבן“ און מען דאַרף נישט און מען טאָר נישט פירן זיי מיט געוואַלט צום סאָציאַליזם דורך אומנויטיק בלוט און אכזריות.

מאָכנאַטשאָוו גלויבט אָבער נישט אין דער קראַפט פון פאָלק, און ער מוז דעריבער פאַרכאַפן די מאַכט איבערן פאָלק, ווייל ער וויל זיגן פאַר יעדן פרייז. עס שטערן אים דערין זיינע חברים־קעגנער און ער הויבט דעריבער אָן אַ קאַמף קעגן זיי מיט דער הילף פון טשעקאַ און פון איבערגעקויפטע (דורך צוזאָגן זיי מאַכט) חברים. און אָט גרייט ער צו אין געהיים דעם לעצטן ענדגילטיקן ריס. די פאָרשטאָט איז אין סכנה. מאָכנאַטשאָוו מיטן שטאַב אַרבעטן אויס אַ פּלאַן אויפצורייסן די פאָרשטאָט, איבערשרעקן דורכדעם די קאָזאַקן, און זיי פאַרטרייבן דורך די אומגעריכטע עקספּלאָזיעס איבערן טייך, דורכברעכן זייער איבעראַשטן פראָנט, דורכשניידן זיך צו די תבואה־געביטן און העלפן זיך און דער רעוואָלוציע. זיינע חברים־קעגנער שלאָגן פאָר אַן אָפענעם אָנגריף, בראש מיט די פירער. מאָכנאַטשאָוו האַלט דעם דאָזיקן פּלאַן פאַר ריזיקאַליש. אירינאַ און אירע חברים האַלטן מאָכנאַטשאָווס פּלאַן פאַר אוממעגלעך. „אין דער רעוואָלוציע מוז זיין אַ זיטלעכע נויטווענדיקייט“, ענטפערט זי מאָכנאַטשאָוון אויף זיין דערקלערונג, אַז דאָס אויפרייסן די פאָרשטאָט איז אַ „סטראַטעגישע נויטווענדיקייט“. אויף דער אויפגעבראַכטער דערווידערונג פון די נאַראָדניקעס, אַז דאָרט זענען דאָך דאָ אַזוי פיל אומשולדיקע מענטשן, וועלכע מען קען נישט עוואַקויִרן, ווייל די פעסטונג קען זיי נישט אַריינגעמען, ענטפערט מאָכנאַטשאָוו, אַז מען וועט אַרויספירן פון דאָרט אַלע פאַרטיי־און סאָוויעט־באַאַמטע, און מער גייט מאָכנאַטשאָוון נישט אָן. די גערעכטיקייט פאָדערט צוצוגעבן, אַז ער ווייזט אַרויס האַרטקייט נישט נאָר צו די אומבאַ־

קאָנטע פּאַרשטאָט-מענטשן, נאָר אויך צו זיך גופא. ווען זיין פרוי דראָט אַוועקצוגיין פון פעסטונגס-טורעם אין דער פּאַרשטאָט אַריין, אויב מען וועט עוואַקואירן פון דאָרט בלויז דעם אַפּאַראַט פון דער רעוואָלוציע, ווייל זי „וויל זיין דאָרט ווו די אַנדערע זענען", ענדערט ער אויך נישט זיין באַשלוס. אויף דער זיצונג פון „רעווקאָם" דערקלערט ער, אַז אין פופצן מינוט אַרום וועט מען אויפרייסן די פּאַרשטאָט. ווען אירינאַ לויפט צום פענצטער, כדי צו רופן צו הילף די טרייע רויט-גוואַרדייער, צו הילף דער פּאַראַ-טענער רעוואָלוציע, ווערט זי מיט אירע חברים אַרעסטירט דורך פון פריער צוגעגרייטע טשעקאַ-באַאַמטע. פאַרן אַרעסט שרייט זי נאָך אויס: „די רעוואָלוציע דויערט ווייטער". אויף דער וואַנט באַ-ווייזט זיך דאָס געווער. מאַכנאַטשאָוו האָט געזיגט, אָבער דאָס גע-ווער איז נאָך נישט פאַרענדיקט: צי וועט די רעוואָלוציע אחוץ זיג דערגרייכן אויך איר אמתן צוועק?

* *
*

דער קאָנפליקט צווישן די צוויי לאַגערן פון אָקטאָבער ווערט דורך שטיינבערגן באַלויכטן אין אַ ריי בולטע סצענעס און דיאַלאָגן. די פּערזאָנען זענען, נאַטירלעך, נישט קיין אינדיווידועלע מענטשן (הגם זיי זענען געצייכנט לויט ווירקלעכע פּערזאָנען), נאָר רעפּרעזענטאַנטן פון ריכטונגען און אמתן. די קונסט-פאָרם פון דער דראַמע איז ווי אַ דורכזיכטיק, הגם ערטערווייז פיין און צאַרט הייטל, דורך וועלכן מען זעט פליסן די פּאָליטיש-רעוואָלוציאָנערע אַנטי-נאָמיעס. דער געדאַנקלעכער אינהאַלט איז נישט נאָר דער לעבע-דיקער אָטעם פון ווערק, נאָר אויך, אזויצוזאָגן, זיין מאַטעריעלע סובסטאַנץ, און דאָך זענען דאָ אַ סך סצענעס, וואָס רייסן מיט נישט נאָר דורך זייער געדאַנקלעכן טראַגיזם, נאָר אויך דורך זייער עמאָציאָנעלער שטאַרקייט. צו אַזעלכע סצענעס געהערט די סצענע צווישן מאַכנאַטשאָוו און זיין פרוי, ווען זי דראָט צו פאַרלאָזן דעם פעסטונגס-טורעם, און באַזונדערס מאַכנאַטשאָווס חלום, ווו די דראַמע פאַראייניקט זיך מיט קינאָ. די סצענע שטעלט פאַר מאַכנאַטשאָווס צימער. ס׳שפּרינגט אַרויס דער טייוול און פרעגט אים וואָס עס הערט זיך ביי אים, און

אויפן לייוונט גייען דורך רויטגוואַרדייער און דער טייוול זאָגט; ווי אַמאָל! און תיכּף פאַרוואַנדלען זיך די רויטגוואַרדייער אין צאַרישע זעלנער; אויפן לייוונט באַווייזן זיך פאַבריקן, יום־טוב־דיקע המונים און גערטנער און דער טייוול זאָגט: מען זעט נישט, זיי זאָלן זיין ביי דיר שטאַרק צופרידן, זיי זעען אויס נידערגעשלאָגען און באַטויבט; אויפן לייוונט זעט מען אַ ריזיקע שריפה, אַ קאָרדאָן פּאָליציאַנטן לאָזט זיך פון איר נישט אַרויסראַטעווען אַ ריזיקן המון מענטשן, צווישן וועלכע מען זעט מאַכנאַטשאָווס פרוי, מיט אַ פאַרפייניקטן פנים; דערנאָך זעט מען אַן אייז־וויסטע, ווו עס שטייט מאַכנאַטשאָוו איינער אַליין — „ווי איינזאַם כ'בין", זאָגט ער אַרויס פון שלאָף. און דורך אַ ליכט־עפעקט נעמט מאַכ־נאַטשאָווס פנים אָן די געשטאַלט פון די גרויסע הערשער פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער: צעזאַר, לאָיאָלאַ, ראָבעספּיער, נאַפּאָ־לעאָן.

שטיינבערגס דראַמע איז זייער סצעניש. הגם קיין קונסט־ווערק אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט איז זי נישט, וואָלט דאָך געווען אַ יושר צו שפּילן דידאַקטישע דראַמאַטישע פאַרקערפּערונג פון טראַגישן אַקטאָבער־קאָנפליקט. גוטע אַרטיסטן וואָלטן דאָ געהאַט אַ דאַנקבאַר פעלד צו וואַרפן אין די הערצער פון די ברייטע מאַסן דעם איידעלן זאָמען פון טיף־איבערגעלעבטע און דורכגע־פילטע אמתן.

רעוואָלוציע, טעראָר און דאָס צינגל פון געוויסן

(„זכרונות פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר")

י. נ. שטיינבערג, דער געוועזענער ערשטער יוסטיץ־קאָמיסאַר פון ראַטנרוסלאַנד, פירט אין אַלע זיינע ווערק אַ גרויסן פּראָצעס מיט דער רוסישער רעוואָלוציע, מיט איר באָלשעוויסטישער פאָרם. דעם דאָזיקן פּראָצעס פירט ער נישט אַלס פאַכמאַן, אַלס פּראָפעסיאָנאַל אַ יוריסט, נאָר אַלס צד, אַלס אַקטיווער אָנטיילנעמער אין דער רעוואָלוציע. דעם דאָזיקן פּראָצעס זענען געווידמעט שטרענג־געשיכטלעכע ווערק („פון פעברואַר ביז אָקטאָבער"), טעאָרעטיש־אַקאַדעמישע אָפּהאַנדלונגען („דאָס מאָראַלישע פּנים פון דער רעוואָלוציע"), דראַמאַטיזירטע פּובליציסטיק אָדער, ווי מען רופט דאָס היינט, דראַמאַטישע רעפּאָרטאַזשן („דער וועג פון פייער", „דו האָסט געזיגט, מאָכנאַטשאָוו!") און פערזענלעכע דערינערונגען — „זכרונות פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר".

די איבערלעבונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין איר אָקטאָבער־ און נאָך אָקטאָבער־פאָרם, איז פאַר שטיינבערגן אַזוי גוואַלדיק און טראַגיש, אַז ער וואַרפט זיך פון איין ליטעראַרישער פאָרם צו דער צווייטער, כדי צו געפינען אַ וואָס־פּרעציזערן, אַ וואָס־אַדזייטיקערן אויסדרוק פאַר איר. און אויך די פערזענלעכסטע ליטעראַרישע פאָרם, די פאָרם פון „זכרונות", איז נישט אַזוי פאַרבונדן מיטן פאָלקס־קאָמיסאַר גופא, ווי מיט דער רעוואָלוציע, מיט די הויפּט־פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציע: די וואָגשאָלן פון געוואַלט און טעראָר און דעם צינגל פון געוויסן. דאָס ריין־פערזענלעכע טרעט דאָ אַרויס אין אַ מינימאַלער מאָס, און דער־

ביי אַן אַנשטרענגונג מצד דעם מחבר: גלייך ביים אַרויספאַר פון דער שטילער דערינערונגס־בוכט, ווערט זיין פערזענלעך שיפל פאַרזונקען אין די טיפענישן פון די אויפגעבורזעטע רעוואָלוציע־כוואַליעס.

די דאָזיקע אייגנטימלעכקייט פון די „זכרונות פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר" גיט זיי צו אַ ברייטערן ווערט, ווי די פערזענלעכע דערינערונגען אפילו פון אַ פערזאָן, וואָס האָט געשפּילט אַן אַקטיווע ראָל אין גרויסע געשעענישן. מיר דערקענען דורך זיי אַ סך מער די אַטמאָספער פון דער רעוואָלוציע, ווי די פערזאָן פון יוסטיץ־קאָמיסאַר; מיר באַקענען זיך מער מיט די שטראָמען פון דער רעוואָלוציע, ווי מיט דעם יוסטיץ־קאָמיסאַרס אויפטוען און איבערלעבענישן. און אפילו דאַן, ווען מיר קומען אין דירעקטער באַרירונג מיטן יוסטיץ־קאָמיסאַר, פילן מיר אים גיכער אַלס רעפרעזענטאַנט פון אַ באַשטימטער שיטה אין דער רעוואָלוציע, ווי אַלס אינדיווידועל־אָפּגעגרענעצטע פערזאָן.

• • •

די „זכרונות פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר" זענען פראַגמענטאַריש. זיי באַרירן עטלעכע קאַרדינאַלע מאָמענטן און פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציע, אָבער שעפּן נישט אויס נישט דעם פאַקטישן מאַטעריאַל און נישט דעם אידעאָלאָגישן צווישנאַנאַנד. דערפאַר פאַרמאָגן זיי אָבער אַן אַנדער מעלה: זיי פירן אַריַין אין יענע העראָאישע און טראַגישע טעג פּאַטעטיש און עמאָציאָנעל. די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג לעבט אויף פאַר אונז וויזיאָנער אין איר גאַנצער פאַטאַלער טראַגישקייט; די טראַגעדיע פון בריסקער שלום הערט אויף צו זיין טעאָרעטיש-אַבסטראַקט, און ווערט אַזוי ממשותדיק־קאָנקרעט און לעבעדיק־וואַרעם. און אַזוי אויך מיט אַ טייל פון די איבעריקע קאַפּיטלען. די „זכרונות" וואַקסן דאָ אַריבער זייער פּובליציסטישע ראַם און ווערן — קינסטלעריש־בעלעטריסטיש. עס וואַקסן אויס פאַר אונז לעבעדיקע געשטאַלטן און כאַראַקטערן: לענין, דזשערזשינסקי, פּראָשיאַן; עס וואַקסן אויס פאַר אונז, ווי אין אַ פילם, די דינאַמישע צוזאַמענשטויסן

צווישן די צוויי רעוואָלוציע-פּאַרטייען פון אָקטאָבער, בעת די קאַמפּן אַרום בריסקער שלום.

די פּראָבלעמס פון אַלע פּראָבלעמען אין דער רעוואָלוציע איז פאַר שטיינבערגן די פראַגע פון געוואַלט און טעראָר. און אויך אין די דאָזיקע „זכרונות" פאַרנעמט אָט־די פּראָבלעם דאָס צענטראַלע אָרט; זי בילדעט דאָ דעם לעבעדיקסטן נערוו אין די קאַפּיטלען וועגן טשעקאַ, וועגן מאָרד פון די צוויי ליבע־ראַלע מיניסטאָרן און ענלעכע. אין דאָזיקן פּרט זענען די „זכרונות" ענג פאַרבונדן מיט שטיינבערגס אַ צווייט בוך, „דאָס מאָראַלישע פּנים פון דער רעוואָלוציע" (וואָס איז אַגב דאָ אין אַ עקלהאַפ־טער יידישער איבערזעצונג, וועלכע פאַרקריפּלט שטיינבערגס אימ־פּעטיקן, פאַרבנרייכן סטיל, פאַרנעפּלט נישט נאָר די געדאַנקען־ניואַנסן, נאָר אַפילו די געדאַנקען גופא). „דאָס מאָראַלישע פּנים פון דער רעוואָלוציע" איז די טעאָרעטישע זייט פון דעם פּראָ־בלעם, וואָס ווערט פּראַקטיש פאַנאַנדערגעוויקלט אין די „זכרונות". כּדי צו קאָנען ווי געהעריק אָפּשאַצן די וויכטיקערע פאַקטן פון די „זכרונות", מוז מען פריער זיך אָפּשטעלן אויף זייער טעאָרע־טישער באַגרינדונג אין „מאָראַלישן פּנים פון דער רעוואָלוציע".

* * *

„דאָס מאָראַלישע פּנים פון דער רעוואָלוציע" איז אַ בוך מיט אַ ברייטן פאַרנעם. דאָס איז אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג פון אַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די באַגריפן טעראָר און געוואַלט בכלל און בעת אַ רעוואָלוציע בפרט. איך קען דאָ נישט רעפערירן דעם רייכן אינהאַלט זיינעם, אויך נישט פירן אַ דיסקוסיע מיט שטיינבערגס ספּקדיקע און אומגערעכטע באַ־הויפּטונגען (דערצו וואָלט נויטיק געווען אַ ספּעציעלע גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג). מען מוז זיך באַגנוגענען מיט איבערגעבן אין עט־לעכע ווערטער זיינע גרונט־מסקנות, כּדי איינצוזען די נישט־צו־פעליקייט פון די בולטסטע פאַקטן פון די „זכרונות".

די סאָציאַליסטן, וואָס פּרעדיקן אַ ברידערלעכן צוזאַמענ־לעבן אויף דער וועלט, וואָס פּרעדיקן אַ סוף צו מאַכן צו בלוט־

פאַרגיסונג, ווערן געשטעלט דורך דער רעוואָלוציע פאַר אַ שווערער דילעמע: אָדער גיין אויף די וועגן פון טאָלסטאָיען און גאַנדין, און אָפּוואַרפנדיק יעדע אַרט געוואַלט-אָנווענדונג, געבן אַ מעגלעכקייט דער רעאַקציע צו זיגן איבער דער ריינער אומבאַפלעקטער רעוואָלוציע; אָדער באַפלעקן די אומשולד פון דער סאָציאַליסטישער אידעע אין נאָמען פון דער שפּעטערדי-קער ברידערלעכקייט. שטיינבערג וואַרפט אָפּ די טאָלסטאָיאַניש-גאַנדישע וועגן און שטעלט זיך אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די רע-וואָלוציע מוז אָנווענדן געוואַלט. דערביי אָבער מוז גוט פונק-ציאָנירן דאָס צינגל פון געוויסן, כדי די שאָל פון געוואַלט זאָל נישט זינקען צו טיף, אין תהום פון טעראָר. די רעוואָלוציע איז געצוווּנגען אָנצוווענדן געוואַלט, אָבער זי מוז דאָס שפּירן אַלס טראַגישע נויטווענדיקייט, אַלס חטא קעגן איר אַבסאָלוטן אידעאַל. די געצוווּנגענע אַקטן פון געוואַלט-אָנווענדונג טאָרן נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סיסטעם פון טעראָר. געוואַלט הייסט אַ זעלבסטשוץ-אַקט פון דער רעוואָלוציע קעגן אירע אַק-טיווע קעגנער; טעראָר הייסט — אַן אָפּשרעקונגס-סיסטעם קעגן די מעגלעכע קעגנער; געוואַלט הייסט התלהבותדיקער קאַמף מיטן הײַנטיקן קעגנער; טעראָר הייסט קאַלטבלוטיקע נקמה קעגן נעכטיקן קעגנער.

געוויס, די רעוואָלוציע מוז געשיצט ווערן, אָבער די שוץ-מיטלען אירע מוזן זיין אַזעלכע, וואָס זאָלן נישט צעשטערן איר נשמה, איר עטישן ווערט. אַלץ, וואָס שלעפּט אַראָפּ די רעוואָלוציע צום ניוואָ פון דער בורזשואַזער מאַכט-הערשאַפט, מוז אויסגעמיטן ווערן, ווייל דאַן פאַרלירט די רעוואָלוציע דעם אינערלעכן גלויבן אין איר רעכט, און דאָס מוז פירן צו דער דעגענעראַציע פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. דער ציל קאָן הייליקן בלויז אַזעלכע מיטלען, וואָס טויטן אים נישט אין זיין שורש. אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, וואָס מאַכט פאַר איר מיטל דעם מלוכהש-רעגלאַמענטירטן טעראָר, פאַרניכטעט דורכן דאָזיקן מיטל דעם ציל, צוליב וועלכן דער מיטל איז אָנגעווענ-דעט געוואָרן. דער מיטל בלייבט — דער ציל פאַרשווינדט.

ווען שטיינבערג און די פּאַרטיי פון די לינקע סאָציאַ-
ליסטן-רעוואָלוציאָנערן, וועלכע ער האָט רעפּרעזענטירט, האָבן
זיך אַזוי איינגעשטעלט פאַר די צוויי דערמאָרדעטע מיניסטאָרן
שינגאַרעוו און קאָקאָשקין, האָבן זיי זיך איינגעשטעלט נישט פאַר
די דאָזיקע צוויי קאָנקרעטע מענטשן אַליין, נאָר אויך — און
דער עיקר! — פאַר דער ריינקייט פון דער רעוואָלוציע. דער-
פון נעמט זיך שטיינבערגס פּאַטאָס אינם קאַפּיטל וועגן דעם
דאָזיקן מאָרד (זע „זכרונות פון אַ פאָלקס-קאָמיסאַר" ז. 126
און ווייטער). עס איז אים געגאַנגען נישט אין באַשטראָפן די
מערדער פון די צוויי אַרעסטירטע, קראַנקע מיניסטאָרן, נאָר
אין אָפּהאַלטן די רעוואָלוציע פונם באַרג-אַראָפּ, צום בלוטיקן
נקמה-טעראָר, צום טעראָר אַלס אָנשרעקונגס-סיסטעם, אַלס הער-
שונגס-סיסטעם. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, וואָס איז אויפגענומען
געוואָרן מיט חוזק דורך די אָנהענגער פון באָלשעוויסטישן טע-
ראָר (אַ מענטש שעמט זיך נישט איינצוררייסן וועלטן פאַרן מאָרד
פון צוויי רעאַקציאָנערן בעת אַ רעוואָלוציע!) איז נישט באַ-
גריפן געוואָרן דורך זיי אין זיין טיפערן זין. און עס איז נישט
קיין צופאַל, וואָס לענין איז אין כעס געוואָרן, ווען מען איז
געקומען צו אים אינטערווענירן וועגן גורל פון אַ ווייס-גוואַר-
דייאישן אָפיציר, וועלכן דזשערזשינסקי וויל אומגעזעצלעך דער-
שיסן. ער זאָגט: „וואָס איז דאָס פאַר אַן ענין, וואָס איר
רייסט מיך אָפּ צוליב אים פון וויכטיקער אַרבעט?... שטענדיק
האָט איר די דאָזיקע דאגות... מען וויל דערשיסן אַן אָפיציר,
איז וואָס בכן?" (זע „זכרונות" ז. 95). לענין און אַלע אָנהענ-
גער פון באָלשעוויזם זענען אין אַזעלכע פאַלן אומהיילבאַרע,
ענגע רעאַליסטן. זיי זעען בלויז דעם אָפּגעגרענעצטן ממשות-
דיקן פאַקט: צוויי דערהרגעטע רעאַקציאָנערע מיניסטאָרן; אַ
דערשאָסענעם ווייס-גוואַרדייער. אַז די דאָזיקע מאָרדן פון אַרעס-
טירטע, שוצלאָזע מענטשן זענען אַ פראַגע פון דער רעוואָלוציע,
אַז דאָס איז אַן עטישער עקזאַמען פאַר דער רעוואָלוציע —
דאָס שפּירן זיי נישט. עטיק איז פאַר זיי אַ נישט ממשותדיקע
זאַך, אַ מעטאַפיזישע פלוידעריי. פאַר שטיינבערגן אָבער זענען

די קליינינקע שטרייט־פראַגן פונקט אַזעלכע קאַרדינאַלע שטרייט־פראַגן פון דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק און אידעאָלאָגיע, ווי די פראַגן וועגן דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, וועגן ברעסטער שלום און ענלעכע. דאָרט, ווו עס איז דאָ דאָס צינגל פון געוויסן, וועט עס פונקציאָנירן גלייך ביי דער ערשטער וואַקלעניש פון די וואָג־שאָלן צווישן רעוואָלוציאָנערער געוואַלט און ביוראָקראַטישן טעראָר. אויב דאָס צינגל פון געוויסן פונקציאָנירט נישט ביים מאָרד פון צוויי אַרעסטירטע רעאַקציאָנערן, וועט עס נישט פונקציאָנירן אויך ביים דערשיסן הונדערט אַרעסטאַנטן ביים מאָרד פון קיראָוו.

און דערין ליגט דער וויכטיקסטער ווערט פון די „זכרונות פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר". זיי אילוסטרירן אויף קאָנקרעטע פאַלן דעם פונקציאָנירונגס־מעכאַניזם פון געוויסן־צינגל, וואָס קאָן העלפן איינצוהאַלטן די רעוואָלוציע אויפן געפערלעכן שייד־וועג צווישן דער טראַגיש־נויטווענדיקער געוואַלט און דעם פאַטאַלן ביוראָקראַטישן טעראָר.

* *
*

ס'איז לייכטער צו זיין אַ שאָל פון אַ וואָג, וואָס לויפט אָדער אַרויף אָדער אַראָפּ, ווי דאָס צינגל פון דער וואָג, וואָס דאַרף האַלטן גלייכגעוויכט, באַלאַנסירן צווישן אַ צו טיפן אַראָפּ און אַ צו הויכן אַרויף.

די „זכרונות פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר" ווייזן טראַגיש־בולט די שוועריקייטן פונם וואָג־צינגל, אָבער גלייכצייטיק אויך — די וויכטיקייט פון זיין פונקציע. נישט אַלץ, וואָס איז שווער דורכצופירן איז וויכטיק (אָרגאַניזירן אַ טאָטאַלע, מיליטערישע מלוכה און פירן אַ וועלט־קריג איז נישט פון די לייכטע זאַכן), אָבער אַלדאָס וויכטיקע, עיקרדיקע, גורלדיקע איז שווער.

אין שטורעם פון דער צייט

דאָס בוך „אין שטורעם פון דער צייט" (אַ זאַמלונג אַרטיקלען, וועלכע י. ב. שטיינבערג האָט געדרוקט אין די יאָרן 1925—1927 אין דער ניו־יאָרקער „פרייער אַרבעטער־שטימע") וועל איך נישט באַהאַנדלען דאָ אַזוי ווי עס האָט פאַרדינט: כ'וועל נישט באַלויכטן שטיינבערגס געדאַנקענגאַנג אַלס אָפּגעשלאָסן גאַנצעס, כ'וועל נאָר אָנצייכענען די הויפּט־ליניעס פון זיין דאָזיקן ווערק. ווייל די דאָזיקע רעצענזיע איז באַשטימט נאָר אָנצוּווייזן דעם אינטעליגענטן אַרבעטער און דעם יידישן אַרבעטער־אינטעליגענט אויף אַ בוך, וועלכעס איז ווערט געלייענט צו ווערן.

דאָס בוך באַשטייט פון דריי גרופּעס אַרטיקלען. צוויי פון זיי דרייען זיך אַרום די צוויי הויפּט־אַקסן פון שטיינבערגס פּאָליטישע שריפטן: דער באַנקראָט פון רעפאָרמיסטישן סאָציאַליזם און פון רוסלענדישן קאָמוניזם. די דריטע גרופּע אַרטיקלען קען טראָגן דעם נאָמען „פאַרשידענע", הגם זיי זענען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די איבעריקע דורך אַ שטאַרקער „בלוט־קרובהשאַפט": עס פאַרבינדט זיי אַלע דער נאָמען און אינהאַלט פון אַריינפיר־אַרטיקל: „אין זוכעניש פון נייע וועגן". דאָס ראַנגלעניש מיט דער אַלטער וועלט און די זוכעניש פון אַ נייער איז דער הויפּט־סימן פון אַלע אַרטיקלען־גרופּעס.

דער אַריינפיר־אַרטיקל גיט דעם גרונט־טאָן צום בוך: ער גיט אַ קורצע טעאָרעטישע קריטיק פון די רעפאָרמיסטישע און קאָמוניסטישע ריכטונגען (נוסח בערלין און נוסח מאָסקווע) און ער וואַרפט אָן די קאָנטורן פון אַ גייסטיקער רעוואָלוציע אין

סאָציאַליזם. ער שטעלט זיך אַביסל ברייטער אָפּ אויף דער „לינקער נאַראָדניטשעסטוואָ", וועלכע איז, לויט זיין מיינונג (און נאָך מער לויט זיין ווילן) דער ריכטיקסטער וועג אויף צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע גייסטיקע רעוואָלוציע. דער צענטראַלער געדאַנק זיינער באַשטייט אין דעם, וואָסביידע „אָפיציעלע" ריכטונגען אין סאָציאַליזם האָבן פאַרגעסן צו רעוואָלוציאָניזירן דעם הויפּטטרעגער פון סאָציאַליזם — דעם מענטשן, און קיין שום רעוואָלוציע קען קיין דערפאָלג נישט האָבן אָן דער צוגרייטונג פון מענטשן.

„מיר דאַרפן נישט מורא האָבן פאַר געוויסע ווערטער — זאָגט שטיינבערג — כאָטש מיר הערן זיי אַמאָל אין דעם פיינטלעכן לאַגער: דער סאָציאַליסט נויטיקט זיך אין אַ ג י י ס ט י ק ע ר רעוואָלוציע, אין דעם איבערקער פון דעם גאַנצן אינערלעכן שטייגער פון דעם היינטיקן מענטשן. די גייסטיקע רעוואָלוציע איז נישט עפּעס אַן אויפגאַבע, וועלכע שטעלט זיך אַוועק פאַר אונז ערשט „אויפן צווייטן טאָג" נאָך דעם נצחון פון סאָציאַליזם, און דאָס איז נישט עפּעס אַ „דריטער פראָנט" פון דער באַוועגונג; דאָס איז דער יסוד פון דער גאַנצער פּאָליטישער און סאָציאַלער מהפכה.

„סאָציאַליזם הייסט אַראָפּוואַרפן פון זיך אומאויפהערלעך די משא פון עבר, הייסט מנצח זיין דעם דרוק נישט נאָר פון דעם עקאָנאָמישן יאָך אַליין, נאָר אויך פון דער גאַנצער בירגערלעךבאַלעבאַטישער גייסטיקער קולטור. סאָציאַליזם הייסט זוכן ראשיתכל נישט דעם „המשך", נאָר דעם א י ב ע ר ר י י ס, נישט דעם ווייטער־שפּינען פון היסטאָרישע פעדעם, נאָר דעם שטעלן זיך כנגד דער וועלט־געשיכטע. סאָציאַליזם באַטייט דערהויבן די רעוואָלוציע צו אַ פּרינציפּ אין מחשבה און מעשה. ווען נישט הערשט שטילשטאַנד, זעלבסט־באַרואיקונג און גייסטיקער טויט, ווי געוואַלטיק עס זאָל נישט בלייבן אויסערלעך די „באַוועגונג", ווייל אונזער קעגנער איז נישט נאָר בורזשואַזיע, נישט נאָר קאַפּיטאַליזם, נישט נאָר ליבעראַליזם; אונזער געפערלעכסטער קעגנער — ווייל ער איז בלוט פון אונזער בלוט — איז דער פ אַ ל ש ע ר סאָציאַ־

ליזם, די פאַלשע תורה, וואָס איז מקבל באהבה אי די מלוכה, אי די ממשלה, אי דאָס באַאַמטנטום, אי די גאַנצע פאַרשימלטע וועלט".

דאָ איז שטיינבערג צוגעקומען צו דער לערע פון גרויסן לאַנדויער, וועלכער האָט געפּריידיקט, אַז קודם-כל זענען נויטיק צוויי זאַכן: ערשטנס, אַ טיפע אומפּאַרגענגלעכע שנאה צו דער איצטיקער וועלט אין אַלע אירע פאָרמען, און צווייטנס, אַ טיפע ליבע צום בילד פון דער צוקונפטיקער וועלט, וועלכע וואַקסט אויס אַלס פּאָזיטיווער פּאַליוס קעגן דעם נעגאַטיוון פון שנאה. ערשט דאַן איז דער מענטש גרייט צום סאָציאַלן קאַמף, וואָס קען זיין אַ רעזולטאַט בלויז פון ווילנס-אַקט „און אַקטיוויטעט, וועלכע נוצן אויס, שטופּן אַדורך און איבעראַנדערשן די סטיכיש-עקזיסטירנדיקע אויסערלעכע סביבה".

אַזוי ווי „אין זוכעניש פון נייע וועגן" קריטיקירט שטיינבערג טעאָרעטיש דעם רעפאָרמיזם און באָלשעוויזם, „וואָס שטייען ביידע אויפן באָדן פון דער בירגערלעכער וועלט, געדולדיק (דער רעפאָרמיזם) אָדער אומגעדולדיק (דער באָלשעוויזם), וואַרטנדיק אויף דער ירושה פון איר", קריטיקירט ער אויך דעם מאַרקסיזם — זייער געמיינזאַמען פאָטער — וועלכער „טראָגט די שולד פאַר דער שרעקלעכער נישט-צוגעגרייטקייט פון דעם אַרבעטער צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע". „דאָס איז דער מאַרקסיזם, וואָס האָט אין פּראָגראַם פון לעבן און קאַמף אַריינגעפירט דאָס שטענדיקע אומקוקן זיך אויף עפּעס אַ געזעצמעסיקייט, וואָס שטייט מחוץ פון מענטשלעכן ווילן, און דורכדעם גופא האָט ער געשמידט אין קייטן די באַגייסטערונג און דעם אידעאַליזם, וואָס זענען פון תמיד אָן אַ שטיק נשמה פון האָרעפּאַשניקעס און דענקנדיקע קרייזן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט".

נאָכן דאָזיקן אַריינפיר, וועלכער פּרעטענדירט אַליין נישט אויף פולקייט און וועלכן איך האָב נאָך מער סכעמאַטיזירט, קומט דער חוט-השדרה פון בוך, די צוויי הויפּט-גרופּעס אַרטיקלען: וועגן רעפאָרמיזם און קאָמוניזם.

אין די דאָזיקע אַרטיקלען ווערט דער קאַמף נישט געפירט מיט טעאָרעטישע אַבסטראַקטע וואָפן, נאָר אויפן יסוד פון קאָנקרעטע פאַלן און דורכפאַלן. שטיינבערג באַטראַכט די דאָזיקע צוויי ריכטונגען אין ליכט פון פאַקטן, פון טאָג־טעגלעכע קליינע אָבער כאַראַקטעריסטישע, כ׳וואָלט געזאָגט, רעפּרעזענטאַטיווע געשעענישן אין זייערע געבורט־לענדער: אין דייטשלאַנד און רוסלאַנד. דורך ברייטע פּאָליטישע בילדער פון דער דייטשישער רעפּובליק (פון דאָזיקן רעפּאָרמיסטישן קריפּל־קינד) און פון דער מאָסקווער מלוכה, קריטיקירט ער די דאָזיקעביידע סאָציאַליסטישע עקס־טרעמען.

דאָס וואָס די קריטיק פון די דאָזיקע צוויי ריכטונגען ווערט געגעבן אויפן סמך פון קאָנקרעטע פאַקטן, גיט צו דעם בוך אַ גרויסן ווערט: דעם ווערט פון פּאָפּולערקייט, וואָס גייט נישט אויפן חשבון פון דער ערנסטקייט. און ביי אונזער אָרעמקייט אין פּאָליטישער אויפקלערונגס־ליטעראַטור׳ איז דאָס דאָזיקע בוך אַ געווינס פאַר יעדן ערנסטן אַרבעטער־לייענער.

לאָמיר כסדר באַטראַכטן ביידע גרופּעס אַרטיקלען. שוין די נעמען פון די אַרטיקלען מאַכן בולט זייער קאָנקרעטן צוגאַנג צו דער טעמע. „דייטשלאַנד אונטער הינדענבורגס ממשלה“, „צוליב אַ פאָן“, „מכּוח צוויי דייטשע גענעראַלן“, „ווער רעגירט אין דייטש־לאַנד“, „שיידעמאַן רעדט און הינדענבורג טוט“.

לאָמיר נעמען דעם אַרטיקל „דייטשלאַנד אונטער הינדענ־בורגס ממשלה“. שטיינבערג שטעלט פעסט, אַז נאָך הינדענבורגס אַרויפשטייג אויפן „טראָן“ פון דייטשישן פּרעזידענט האָט זיך גאָר־נישט געענדערט אין דייטשלאַנד. נישט אין דער אינערלעכער פּאָליטיק און נישט אין דער אויסערלעכער, „אמת, טאָג־איין טאָג־אויס קומען פאָר אין לאַנד די אומגעהויערלעכסטע זאַכן, וואָס מען וווּנדערט זיך נישט אויף זיי נאָר דערפאַר, ווייל מען איז שוין פאַרמאַטערט צו וווּנדערן זיך“. אָבער פאַרוואָס האָט זיך גאָרנישט געענדערט? אפשר דערפאַר ווייל „די הינדענבורג־צייט איז טאַקע אַ פאָרטזעצונג, אַ המשך פון דער ביז־איצטיקער רעפּובליקאַנישער טראַדיציע? זאָל דאָס הייסן, אַז אַלע שרעקן און אַלע פאָר־

אויסזעאונגען זענען געווען צו שוואַרץ און אַז אין דער פּערזאָן פון קייזערלעכן גענעראַל האָט מען געפונען דעם גליקלעכן סינטעז פון דעם עבר מיט דער קעגנוואַרט?" און שטיינבערג גיט אַ קלאָרן ענטפער: „דאָס באַדייט, אַז הינדענבורג האָט גאָרנישט געדאַרפט משנה זיין קאַרדינאַל דעם פריערדיקן סדר פון דער דייטשער רעפּובליק". „דייטשלאַנד איז געווען דורך און דורך אַ הינדענבורגיש לאַנד און דאָס אַנקומען פון גענעראַל איז געווען אין תוך נישט מער ווי אויסהענגען אַ שילד איבער אַ פאַרשטעלטער קראָם". און שטיינבערג גיט אַן אָנשוילעך לעבעדיק און געטריי בילד פון דער דאָזיקער „שווינדלערישער רעפּובליק", אויף קאָנקרעטע פּאָליטישע קאַמף⸗פראַגן. און אַזוי אין אַלע אַרטיקלען. ער ווייזט אויף מיט פּלאַסטישקייט און זיכערקייט, ווי אַזוי די רעפאָרמיסטן באַמיען זיך צו ברענגען אין פאַרמלחמהדיקן „גלייכגעוויכט" די וועלט, אָנצוזיקניפּן דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פון פאַר 1914. אַלע אַרטיקלען זענען אַ שרייענדיקער באַווייז פאַר דער ריכטיקער אַטעסטאַציע, וועלכע „איינער פון די גרעסטע דייטשע ווירטשאַפטס⸗מאַגנאַטן" האָט אַרויסגעגעבן דעם רעפאָרמיזם און וועלכע שטיינבערג ברענגט אין זיין בוך: „מיר מוזן אָנערקענען מיט דאַנקבאַרקייט, אַז די אַלטע געווערקשאַפטן, אויף וויפל זיי פאַרמאָגן דיסציפּלינירטע מיטגלידער און כאַראַקטער⸗פעסטע פירער, האָבן זיי זיך דערוואָרבן אַ גרויסן פאַרדינסט דערמיט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעפירט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון דעם איינפלוס פון די אַרבעטער⸗ און סאָלדאַטן⸗ראַטן. מען מוז פאַרשטיין, אַז מען קאָן היינט נישט רעגירן אָן דער אַרבעטערשאַפט, ד. ה. אָן דער סאָציאַל⸗דעמאָקראַטיע, אין וועלכער יענע איז מייסטנס אָרגאַניזירט". און שטיינבערג גיט צו: „די דאָזיקע שבחים פון מויל פון אינדוסטריע⸗פירער זענען כשר פאַרדינט פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטן. איך רעכן, אַז די אַמעריקאַנער אַרבעטער וועלן געפינען אַנאַלאָגיעס אויך אין דעם לעבן פון אַמעריקאַנער „אָרגאַניזירטן" אַרבעטער⸗קלאַס". מיר פון אונזער זייט מוזן צוגעבן, אַז נישט נאָר די אַמעריקאַנער אַרבעטער וועלן דאָ געפינען אַנאַלאָגיעס. אויך מיר אין פּוילן און אויך אין

אַלע אַנדערע לענדער, ווו עס זענען דאָ מעכטיקע, מאַכט־טיילנדיקע, אָדער אויף קאָאַליציע־מאַכט פּרעטענדירנדיקע סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע פּאַרטייען, קען מען געפינען די דאָזיקע אַנאַלאָגיעס. און דאָס איז דערפאַר, ווייל שטיינבערגס אַרטיקלען זענען נישט קיין ציטונגס־אַרטיקלען, נאָר אַ כאַראַקטער־שטודיע פון רעפאָרמיזם בכלל אויפן יסוד פון דער דערפאַרונג פון אַ באַשטימט לאַנד. דאָס גיט צו די אַרטיקלען און דעם בוך אַ דויערנדיקן, סאָציאַל־דערציערישן (און נישט נאָר אינפאָרמאַטיוון) ווערט.

ווען שטיינבערג שילדערט און אַנאַליזירט די פרייד פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט דייטשלאַנדס אַריינטריט אין פעלקער־בונד, דעקט ער אויף דעם נישט צופעליקן „פּאָל־באַנקוּריזם” פון גאַנצן רעפאָרמיזם. ווען שטיינבערג שילדערט דעם „קאַמף” פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַר קאָנפיסקירן די גיטער פון דייטשן קייסער – באַקומט מען אַ טרויעריק (כ׳וואָלט געזאָגט אַ גרויזאַם) בילד פון דער מעכטיקסטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אויף דער וועלט, וואָס „האָט פאַרגעסן צו קאָנפיסקירן ביי די דייטשע קיסרים און פרינצן זייער פאַרמעגן און וואָס וויל איצט דורכן געזעץ פאַרבעסערן איר טעות אונטער הינדענבורגס ממשלה”. מיט איין וואָרט, די גרופּע „דייטשע” אַרטיקלען איז אַ שוידערלעך געטריי בילד פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־לאַגע און פון דער אומהיילבאַרער סאָציאַל־רעפאָרמיסטישער קראַנקהייט.

נישט קיין שוואַכער בילד באַקומען מיר פון דער צווייטער הויפּט־גרופּע אַרטיקלען וועגן נוסח מ אָ ס ק ו ו ע.

אין קורצן, אָבער פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל „די לעגענדע פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע”, באַקעמפט שטיינבערג די שעדלעכע אילוזיע, אַז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז צוגעגרייט און דורכגעפירט געוואָרן דורך דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַליין. אַדרבה, אויף וויפל די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען, האָבן זיך אין איר די באָלשעוויקעס בלויז באַטייליקט, און אויף וויפל די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז געוואָרן אַ מאָנאָפּאָליע פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, איז זי דערשטיקט, פאַרקריפּלט

געוואָרן. פאַר שטיינבערגן איז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע מער ווי אַ „אויפרייס פון סאָציאַלע כחות, אַ סך מער ווי די טיפסטע פּאָליטישע איבערקערעניש פון אַ מלוכה. זי איז געווען ראשית־כל דער גראַנדיעזער גייסטיקער איבערקער אין דעם באַוווסטזיין פון די אַרבעטנדיקע מענטשן, זי האָט אויפגעוועקט און אָנגעגאָסן מיט ברענענדיקער ענערגיע די סאַמע הערצאישע סטרונעס פון דעם פּויערס און אַרבעטערס נשמה".

„און ס'איז נישט מער ווי אַ לעגענדע, ווען די הייַנטיקע מושלים ווילן איינרעדן די וועלט, אַז אין אָקטאָבער האָט מען דורכגעפירט די באָלשעוויסטישע פּראָגראַם. די אָקטאָבער־פּראָגראַם איז אַזוי מאַיעסטעטיש־איינפאַך, אַז מען קען זי נישט אויסמעקן פון זכרון. זי האָט געפּרוווט דורכפירן די עכטע זעלבסט־רעגירונג פון אַרבעטער־פאָלק, זי האָט גענומען דורכפירן די סאָציאַליזירונג פון ערד אויף יסודות, וואָס זענען פיינטלעך דעם פּריוואַט־אייגנטום און דער עקספּלואַטאַציע פון אַרבעט. אין דעם געוואַלטיקן קעסל פון ערד־איבערטיילונג איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן נישט נאָר די גבירישע און מלוכהשע ערד, נאָר אויך די גאַנצע פּויערישע ערד, וואָס איז פון די האָרעפּאַשניקעס געקויפט געוואָרן פאַר זייערע בלוטיקע גראָשנס. דער דריטער צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטן אין יאַנואַר 1918 האָט מיט פּויערישע הענט און קעפּ אויסגעאַרבעט אַן ערד־געזעץ, וואָס האָט ברייט געעפנט דעם וועג פאַר דער קאָלעקטיוויזירונג פון דער לאַנד־אַרבעט. די אָקטאָבער־פּראָגראַם האָט געעפנט דעם וועג פאַר דער סאָציאַליזירונג פון די פאַבריקן נישט דורך דער מלוכה, נאָר דורך פּראָדוצענטן־אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער גופא. און אין חודש אָקטאָבער האָט מען פאַרנומען אַ פּשרות־לאָזע פּאָזיציע, אַ קאַמף־פּאָזיציע בנוגע דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם, און מען האָט געהאַט אין אייראָפּע און אַמעריקע אַלס פאַרבינדעטע נישט מלכים, רעגירונגען, באַנקירן, נאָר אַרבעטנדיקע אַליין".

צי איז דען די דאָזיקע אָקטאָבער־פּראָגראַם „געבליבן אַ באָלשעוויסטישע פּראָגראַם?" און שטיינבערג ענטפערט: „די

ראַטן־מאַכט (דער דאָזיקער אָרגאַן פון „קאָכיקן רצון" פון די מיליאָניקע מאַסן — י. ר.) איז צוליב דעם אָנפאַל פון די דיק־טאַטאָרן דערנידעריקט און צעטראָטן, איבער דעם גוף און דער נשמה פון האַרעפּאַשניק געוועלטיקט נאָר די הוילע פיזישע קראַפט... די גראַנדיעזע ערד־פּראָגראַם איז צעטראָטן און פאַר־ביטן דורך אַ פּראָגראַם פון אַ קולאַקישער קליין־קאַפּיטאַליסטי־שער ווירטשאַפט. די פאַבריקן אין די הענט פון דירעקטאָרן, בענק און קאָנצעסיע־נעמער, די אַרבעטער, ווי געווען, לוין־שקלאַפן, און אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק—יאָגעניש נאָך די קעשענעס און די חסדים פון בירגערלעכע רעגירונגען, און טאָג־טעגלעכער פאַרראַט פון דער אידעע פון דער רעוואָלוציע".

אָט דאָס זענען די לייט־מאָטיוון צו דער גאַנצער סעריע אַרטיקלען וועגן נוסח מאָסקווע. די אַרטיקלען גיבן אָן אויס־שעפּנדע קריטיק פון הערשנדיקן באָלשעוויזם, זיי באַלויכטן די באָלשעוויסטישע פעלערן סיי אויפן עקאָנאָמישן, סיי אויפן פּאָ־ליטישן געביט.

אַ חוץ די דאָזיקע גרופּעס אַרטיקלען, זענען אין בוך דאָ איינצלנע אַרטיקלען, וואָס פאַרדינען סיי לויט זייער אינהאַלט, סיי לויט זייער פאָרם גרויס אויפמערקזאַמקייט. פון די דאָזיקע וויל איך באַזונדערס אויפמערקזאַם מאַכן דעם לייענער אויף „קאָמוניזם און מאָראַל" (אַן איבערזיכט וועגן אַ אינטערעסאַנט בוך פון דער האָלענדישער געוועזענער קאָמוניסטין ראָלאַנד האָלסט) און „פּאַריזש — די וועלטשטאָט", רייזע־איינדרוקן פון פּאַריזש.

שטיינבערגס פּובליציסטיק פאַרמאָגט פּאַטאָס. (כ'האָב שיר־שיר נישט געזאָגט „אַ מאָראַלישן פּאַטאָס", אָבער עכטער פּאַ־טאָס איז תמיד מאָראַליש, ווייל ער שטאַמט תמיד פון אַ סטי־כישן דורשט נאָך גערעכטיקייט, פון אַ טיפן גלויבן.) עס פאַר־שווינדט אָפּט דער שרייבער און איר פילט דעם רעדנער. אַזאַ פּאַטאָס ווירקט אָפּפרישנדיק אפילו אויף דעם, ווער עס איז מיטן אינהאַלט גישט אינגאַנצן מסכּים, אָדער וועמען עס אי־בערצייגט נישט. אָבער צו אַזאַ שרייבן ווי אין „פּאַריזש — די

װעלטשטאָט" איז אונזער פּובליציסטישע ליטעראַטור נישט אָפט געװױנט. דאָס איז אַ פּאַנאָראַמע, װי מיר װאַנדלען צוזאַמען מיט שטײנבערגן איבער דעם הײנטיקן און היסטאָרישן פּאַריז. ער װאַרפט אָן פּאַר אונז בילדער אויף בילדער פון עבר און הוה, פּאַרפלאָכטן אין אײן לײװנט פון אַזאַ קראַפט, װאָס רופט ארויס דעם אײנדרוק פון אַ היסטאָריש־פּאָליטישער פּאָעמע.

„אין שטורעם פון דער צײט" איז אַ בוך, װעלכעס איז נישט פּאַרעלטערט געװאָרן אויף הײנט, כאָטש די אין אים באַהאַנדעלטע געשעענישן זענען פּאָרגעקומען אין די יאָרן 1925–1927. לײדער האָט זיך די װעלט־אַנטװיקלונג, און ממילא אויך אירע פּערספּעקטיװן, נישט פּארענדערט אין די פּאָר יאָר, ביז 1929.

די אײביקע מאַרטירערין

(מאַריאַ ספּירידאָנאָװאַ)

צום 30־טן יאָרטאָג פון מאַריאַ ספּירידאָנאָװאַס אַטענטאַט (16־טער יאַנואַר 1906), באַקומט דער יידישער לייענער אַ גרויס װערק װעגן דער דאָזיקער באַרימטער רעװאָלוציאָנערין.

מאַריאַ ספּירידאָנאָװאַ האָט איר לעבן אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער רוסישער רעװאָלוציע, און שרייבן די געשיכטע פון איר לעבן און פון איר פּיין — הייסט שרייבן די לעבנס־און פּיין־געשיכטע פון דער רוסישער רעװאָלוציע. י. נ. שטיינבערגס בוך איז טאַקע גיכער אַ געשיכטע פון דער רוסישער רעװאָלוציע, װי אַ ביאָגראַפיע פון ספּירידאָנאָװאַן.

* * *

דער ערשטער טייל פון שטיינבערגס בוך — „דער אַטענטאַט און דאָס מאַרטיריום" — איז, לויט זיין אינהאַלט, ברייטער פאַרן טיטל. ער דערציילט נישט נאָר די געשיכטע פונם אַטענטאַט, ספּירידאָנאָװאַס מאַרטיריום און איר פּראָצעס, נאָר ער גיט אונז אויך דעם ברייטן הינטערגרונט פון דער צייט: דעם רעװאָלוציאָנערן אויפברויז פון 1905 און די רעאַקציע פון 1906.

דער צװייטער טייל — „די רוסישע קאַטאָרגע" — איז אויך באַדייטנדיקער און ברייטער פאַרן טיטל. דער דאָזיקער טייל שילדערט נישט נאָר די גרוילן פון דער רוסישער קאַטאָרגע, נאָר אויך — און דאָס איז דער עיקר! — די װוּנדערבאַרע כּוחות פון דער רוסישער רעװאָלוציע, װעלכע זענען פאַרשפּאַרט אין איר און װעלכע זי קאָן נישט ברעכן. דער דאָזיקער טייל פירט אונז אַריין

נישט נאָר אין די אינקוויזיציע-קאַמערן פון דער רוסישער קאַטאָרגע, נאָר אויך אין די קראַפט-רעזערוואַרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. נישט אומזיסט באַשעפטיקט זיך דער דאָזיקער טייל צום ווייניקסטן מיט מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ גופא: זי איז דאָ בלויז איינע פון אַ וווּנדערבאַרן קאָלעקטיוו. עס גייען פאַר אונז פאַרביי געשטאַלטן פון איבערערדישער שיינקייט און איבערמענטשלעכער קראַפט: גערשוני, סאַזאָנאָוו, די שוועסטער איזמאַילאָוויטש און נאָך אַ שיעור אַנדערע. די רוסישע קאַטאָרגע פאַרמאָגט נישט נאָר אוממענטשלעכע פּיין, נאָר אויך איבערמענטשלעכע העלדישקייט.

דער דריטער טייל הייסט „ספּירידאָנאָוואַ אין דער רוסישער רעוואָלוציע". אין דאָזיקן טייל באַקומען מיר נישט נאָר אַ סקיצירטע אויסערלעכע געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון ספּירידאָנאָוואַס אָנטייל אין איר, נאָר עס ווערן אויפגעדעקט אַלע שיידוועגן, ווו די רעוואָלוציע האָט דורכגעמאַכט אינערלעכע גייסטיקע שטרייטן פאַר נעמען דעם אָדער יענעם ווייטערדיקן וועג.

דער פערטער טייל – „ספּירידאָנאָוואַ אונטערן באָלשעוויזם" – פאַרנעמט זיך מיט ספּירידאָנאָוואַס צווייטן מאַרטיריום, וואָס ציט זיך שוין פופצן יאָר, און גלייכצייטיק באַקומען מיר, אין אַ סקיצירטער פאָרם, די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע אונטער דער דיקטאַטור פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי. דערביי ווערט אין פערטן טייל אָפּגעהיט די ליניע פון דריטן טייל: עס ווערט געגעבן נישט נאָר די פאַקטישע זייט פון דער רעוואָלוציע און אירע געשעענישן. נאָר עס ווערן, דער עיקר, אָפּגעדעקט אירע פּרינציפּיעלע שטרייטן.

* *
*

שטיינבערגס בוך איז קאָנטראַסטן-רייך, ווי דאָס לעבן, ווי די וועלט-געשיכטלעכע געשעענישן און שטרייטן, וועלכע עס שילדערט: עס איז דערהויבנדיק און טראַגיש, עס וואַרפט אַריין אין העכסטן עקסטאַז און אין פינסטערסטן יאוש. און די דאָזיקע ליכט-און שאָטן-שפּיל איז פאַרשפּרייט אויפן גאַנצן שטח פון בוך. עס איז נישט אָפּגעגרענעצט דורך טיילן.

אַלעקסאַנדראַ איזמאַילאָוויטש, וואָס איז נישט נאָר אַ מו

טיקע רעוואָלוציאָנערין און אַ ווונדערלעכער מענטש, נאָר אויך אַ גוטע שריפטשטעלערין, האָט געגעבן אַ שיינעם אויסדרוק פאַרן געפיל, וואָס באַגלייט אונז אויפן גאַנצן שטח פון שטיינבערגס בוך „מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ״. נאָכן אַטענטאַט אויפן מינסקער גוּ־בערנאַטאָר קורלאָוו, האָט מען זי שרעקלעך געפּייניקט אין פּאָ־ליציי־צירקל. ווען מען האָט זי איבערגעפירט אין תּפיסה, האָט זי געהאַט אַ ווונדערבאַר געפיל. אָט ווי זי באַשרייבט עס: „די פענצטער פון דער תּפיסה זענען געווען באַלויכטן, פון זיי איז דערגאַנגען צו מיר אַן אומאויפהערלעכער שטימען־געררויש. אין דאָזיקן שטימען־גערויש האָב איך דערשפּירט עפּעס קרובהשעס און ליבלעכעס, וואָס איז אַזוי קעגנזעצלעך צו יענע מענטשן־חיות, אַז מיין גאַנצע נשמה האָט אַ ציטער געטון און איז אַנט־קעגנגעפלויגן די חברים אין פיין. דער משוגע־ווילדער געדאַנק, וואָס איז אין מיר אַריינגעקלאַפּט געוואָרן דורך קאָלבן, שטיוול און שפייעכץ, אַז נישטאָ מער אין דער וועלט קיין גייסטיק־קרובהשע מענטשן צו מיר, אַז אַלע חברים, מיט וועלכע איך בין געגאַנגען אויף איין וועג צו איין ציל, זענען בלויז אַ קראַנקע פאַנטאַזיע, אַז אַרום־און־אַרום זענען בלויז פאַראַן ווילדע חיות מיט מענטשלעכע פּנימער, דער דאָזיקער ווילד־משוגענער געדאַנק איז מיט איינמאָל אָפּגעשליידערט געוואָרן. ער איז פאַרביטן גע־וואָרן דורך אַ שטורעם פון הייסן גלויבן, ליידנשאַפטלעכער ליבע און אומגעצוימטער פרייד״.

דאָס דאָזיקע געפיל באַגלייט אונז די גאַנצע צייט ביים לייענען די 30־יאָריקע געשיכטע פון ספּירידאָנאָוואַס לעבן און קאַמף. אָט לייענט מען די גרויל־קאַפּיטלען פון ספּירידאָנאָוואַס מאַרטיריום און מען פאַרלירט דעם גלויבן אין מענטשן. אָבער באַלד קומט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן דער אַרעסטירטער ספּירידאָנאָוואַן און אירע חברים אויף דער פריי, צווישן גערשונין און ספּירידאָנאָ־וואַן — און מיר אָטעמען מיט דער ריינסטער באַרג־לופט פון מענטשלעכער אומשטערבלעכקייט; אָט לייענען מיר וועגן די שטראָף־עקספּעדיציעס אין די רוסישע דערפער, און מען הערט אויף צו גלויבן אין מענטשנס צלם־אלהים, אָבער אָט קומט

ספּירידאָנאָוואַס רייזע קיין סיביר, מיר זעען די מסירת-נפשדיקע ליבע פון די מאַסן צו די רעוואָלוציאָנערע העלדינס. — און דער גלויבן אינם מענטשן איז געראַטעוועט; אָט זענען די פינסטערע קאַטאָרגע-תּלינים און אָט איז סאַזאָנאָוס לעבן און זעלבסטמאָרד; אָט איז די מאַסע, וואָס וויל לינטשן דעם געוועזענעם קאַטאָרגע-תּלין, און אָט איז דער געשמיסענער רעוואָלוציאָנער, וואָס ראַטעוועט פון לינטש-יוסטיץ זיין אַמאָליקן פּייניקער; און אזוי כוואַליעט זיך אָן אויפהער אונזער געפ ל אויפן גאַנצן שטח פון שטיינבערגס געשיכטע פון 30 יאָר רוסישער רעוואָלוציע. אָבער דעם שטאַרקסטן און טראַגישסטן ליכט-און שאָטן-שפּיל געפינען מיר אין ספּירידאָנאָוואַס לעבן.

גלייך ביים ערשטן טריט אין דער רעוואָלוציע האָט זי זיך מקריב געווען אינגאַנצן. ספּירידאָנאָוואַס לעבן-בלייבן איז אַ נס. אויב די צאַרישע רעגירונג האָט נישט געקאָנט זי פירן צו דער תּליה (ספּיר·דאָנאָוואַס גורל האָט צו טיף אויפגערודערט גאַנץ רוסלאַנד און מערב-אייראָפּע), האָבן זי לייכט געקאָנט אומברענגען די פּייניקונגען נאָכן אַטענטאַט, די שווערע טובערקולאָז-קראַנקהייט, וואָס איז איר געבליבן אַלס אָנדענק פון די פּייניקונגען. פאַראַן אָבער לעבנס, וואָס זענען ווי באַשטימט פון גורל אויף גרויסעס, און נישט געקוקט אויף דער גאַנצער אומנאָרמאַלקייט פון זייער לעבן-בלייבן — בלייבן זיי דאָך לעבן, כדי צו ווירקן, ווען זייער צייט וועט קומען. ספּירידאָנאָוואַ האָט איבערגעלעבט די אומדערהערטע פּייניקונגען, זי האָט — אַ טויט-קראַנקע — איבערגעלעבט 11 יאָר רוסישע קאַטאָרגע און איז אַרויס פון דאָרט געזינטער, ווי זי איז אָנגעקומען אַהין. און אויך גייסטיק-רייפער איז זי אַרויס פון דאָרטן. זי האָט דערלעבט דעם זעלטענעם גליק פון זען די פאַרווירקלעכונג פון אַ גרויסן טרוים, די פרוכט פון אַ דורות-לאַנגן, ביטערן קאַמף. אַלע קרבנות האָבן געלוינט! צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט ספּירידאָנאָוואַ געקאָנט צוטרעטן צו שעפערישע מעשים אין דער רעוואָלוציע: נישט מקריב זיין זיך פאַרן פאָלק דורך באַפרייען אים פון איין טיראַן, נאָר אויס-

לעבן זיך אין אַרבעט פאַרן באַפרייטן פאָלק. און ווען איר לעבן האָט דערגרייכט דעם זעניט פון שעפערישער אַרבעט, ווען ספּירידאָנאָוואַ האָט אויפגעהערט צו זיין דער סימבאָל פון געפייניקטן פאָלק, און איז געוואָרן דער סימבאָל פון דער שעפערישער סאָציאַלער רעוואָלוציע, — איז געקומען דער שאָטן-קאָנטראַסט: תפיסות, פאַרשיקונג, קאַמף פאַרן פאָלק מיט דער אויסגעטרוימטער רעוואָלוציע. סאַראַ טראַגיזם עס איז דאָ אין דער שילדערונג, ווי ספּירידאָנאָוואַ זיצט אין קרעמל-תפיסה און זי לייענט די באַריכטן פון די שטראָף-עקספּעדיציעס אין באַפרייטן דאָרף, פון די שטראָף-עקספּעדיציעס אין טאַמבאָווער גובערניע, און די איצטיקע באַריכטן דערמאָנען איר די פאַקטן פון די אַמאָליקע צאַרישע שטראָף-עקספּעדיציעס, צוליב וועלכע זי האָט דערשאָסן לוזשענאָווסקין. שווער זיך פאָרצושטעלן עפּעס טראַגישערס: דורכמאַכן אַזעלכע פּופצן יאָר, כּדי אָנצוקומען — נאָך אַ דערפאָלגרייכער רעוואָלוציע! — אויפן זעלבן אָרט! קאָן זיך נישט אָנהויבן דוכטן, אַז די מענטשן-געזעלשאַפט איז אומהיילבאַר-קראַנק? אָבער דער מענטש-גלויבן פון אַ ספּירידאָנאָוואַ איז אומאויסשעפּלעך, ווייל זי שעפּט דעם גלויבן פון די אייגענע טיפענישן; זי ווייס פון זיך, וואָס אַ מענטש קאָן זיין! און איר פּערזענלעך-אינטימע דערפאַרונג באַשטעטיקן אַ פּראָשיאַן, אַ קאַכאָווסקאַיאַ און צענדליקער אַנדערע חבֿרים, און טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מאַסן-מענטשן, וואָס האָבן אויסגעטראָגן די רעוואָלוציע אויף זייערע אומבאַקאַנטע, אָבער ערלעכע און הערלעכע אַקסלען. אויך אין דאָזיקן צעשמעטערנדיקן און דערשיטערנדיקן לעצטן טייל בוך איז דאָ דער קאָנטראַסט, וואָס דערהויבט, לייטערט, האַלט אויף די גלייכגעוויכט פון גלויבן און האָפענונג.

* *
*

י. נ. שטיינבערג איז אַ גלענצנדער פּובליציסט. אין זיינע בעסערע ווערק דערהויבט ער זיך ביז קינסטלערישקייט, אָבער אין דאָזיקן בוך איז שטיינבערג דער פּובליציסט אָפט

געבליבן הינטערשטעליק. און עס איז נישט קיין וווּנדער: דער ריזיקער, וווּנדערבאַרער מאַטעריאַל האָט אים אַזוי פאַסצינירט, אַז ער איז אָפּגעטרעטן אין אַ זייט. ער האָט געוואָלט אַריינ־מאָנטירן אין זיין ווערק וואָס מער פערל, ער האָט זיך באַמיט צונויפצוזאַמלען וואָס מער מעגטשלעכע שיינקייט און דערהוי־בנקייט. דערפון — די אָפּטע איבערגעלאָדנקייט פונם מאַטעריאַל, די אַמאָל שלעכטע קאָמפּאָזיציע פונם מאַטעריאַל (באַזונדערס אין צווייטן טייל). ער איז וואָס מער געבליבן אין שאָטן, כדי צו לאָזן ריידן די העלדן אַליין, און דערפון די גרויסע ציטאַטן (גאַנצע קאַפּיטלען). אויב אָבער סטיליסטיש און קאָמפּאָזיציאָנעל שטייט דאָס בוך אין דער הינטערשטער ריי פון שטיינבערגס ווערק (באַזונדערס די ערשטע צוויי טיילן; די לעצטע צוויי זענען אַ סך בעסער אויך סטיליסטיש און קאָמפּאָזיציאָנעל), רוקט זיך דאָס דאָזיקע ווערק אַרויס אין דער פאָדערשטער ריי דורך זיין אינהאַלט און זיין באַדייטונג.

* *
*

„מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ" שטיינבערגס געהערט צו יענע ביכער, וואָס לאָזן זיך נישט רעפערירן אין אַ רעצענזיע: עס פאַרמאָגט צו פיל אומגעהייער־שיינע פּרטים און עס באַרירט צו פיל וויכטיקע פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם בכלל און פון דער רוסישער רעוואָלוציע בפרט. איך בין אויסן בלויז צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן סאָציאַליסט אויפן דאָזיקן בוך: עס איז נישט נאָר ווערט געלייענט צו ווערן, נאָר עס מוז גע־לייענט ווערן, ווייל די פּראָבלעמען, וועלכע עס באַרירט, זענען נאָך אויך איצט אַקטועל, און דער גורל פון די ספּירידאָנאָוואַס אין ראַטנפאַרבאַנד מוז נאָך אויך איצט באַשעפטיקן דעם סאָ־ציאַליסטישן געוויסן.

V

[illegible]

י. ח. ברענער — דער טראַגישער שאַפער.

אַ גרויסער אומרואיקער גייסט איז נישט ווייניקער זעלטן ווי אַ גרויסער האַרמאָנישער.

דער גרויסער האַרמאָנישער גייסט באַהאַלט זיך נישט אויס פון דער וועלט אין זיין העלפאַנביינערנעם טורעם, ער איז תמיד ברייט געעפנט פאַר איר, און יעדן טאָג קעמפט ער מיט איר תהו ובהו פאַר זיין האַרמאָניע, וואָס איז נישט קיין פיין־געמאָלטער שלייער איבערן תהום, נאָר דער לעצטער זיסער טראָפּן פון דער ביטערער, ביז צום סוף אויסגעזויגענער וועלט־פרוכט.

און אַזוי איז אויך דער גרויסער אומרואיקער גייסט. ער פטרט נישט אָפּ די וועלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיט קיין הבל־הבלים־פסוק. דאָס וואָלט הייסן אָפּטרעטן דעם שונא דעם וועג, אויסמיידן דעם קאַמף און זיך באַרואיקן אין פאַרגליווערטן פעסי־מיזם. דער גרויסער אומרו לויפט דער וועלט אַנטקעגן, ער וואַרט זי אָפּ אויף יעדן ראָג, ער קעמפט מיט איר — קעגן זיך אַליין, ער קוקט איר טיף אין די אויגן, דערגראָבט זיך מיט מסירות־נפש צו אירע טיפע סודות, וואָס בלענדן אים מיט זון פון עקסטאַז, ביז ער פאַלט ווידער אין תהום פון אומרו, ער צעברעכט זיין געפונענע וועלט...

און דאָס איז אַ כלל גדול: דער, וואָס האָט זיך נישט געט־טוקט אין די תהומות פון וועלט־כאַאָס, דער האָט נישט געפונען דעם פערל פון דער גרויסער האַרמאָניע; און דער, וואָס האָט זיך נישט דערהויבן צו די בערגשפּיצן פון וועלט־און לעבן־עקס־טאַז, דער האָט זיך קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזט אויפן לעצטן גרונט פון אומרואיקן יאוש.

אַזאַ גרויסער אומרואיקער גייסט איז געווען יוסף חיים ברענער. ער האָט זיך קיינמאָל נישט בארואיקט אויף אַ פּעסימיס־טישער פאָרמולע, נאָך יעדער מפּלה פלעגט ער דעם לעבן אַרויס־רופן אויף אַ נייעם קאַמף, און אין דער דאָזיקער עקשנותדיקער אומבאַזיגבאַרקייט זיינער איז געלעגן די זיכערקייט פון זיין לעצטן נצחון איבער זיך און דער וועלט...

* * *

דער נצחון איבער דעם כאַאָס פלעגט זיך פון צייט צו צייט באַווייזן ברענערן, אים אַ גלעט טון מיטן לאַכנדיקן אויג פון ליבע, פאַרשטענדעניש און גלויבן. און דאָס פלעגט שטענדיק זיין אַ לעצ־טער רעזולטאַט פון חרוב געוואָרענע וועלטן.

אין „מכאן ומכאן", אין דאָזיקן מער פּובליציסטיש־קינסטלע־רישן, ווי קינסטלעריש־פּובליציסטישן ווערק, האָט ברענער מיט דער אומברחמנותדיקייט פון אַ גאָט צעקלאַפּט אויף שטויב דאָס גאַנצע יידישע לעבן סיי אין גלות סיי אין ארץ־ישראל. ער האָט אַריינ־געלייגט אין יעדער וווּנד זיין פינגער. ער האָט אָפּגעשוונדן די הויט פון אונזער לעבן און אונז געוויזן די הוילע מאוסע נאַקעט־קייט פון זיין פוילנדיקן רויען פלייש. קיין איין אילוזיע האָט ער אונז נישט געלאָזן, דער דאָזיקער גרויסער אכזר, דער גרויסער פּייניקער און נאָך גרעסערער געפּייניקטער. ווען אַלץ אָבער, די יידישע וועלט און דער יידישער מענטש, זענען שוין חרוב, גיט פאַר אים אַ שיין דער אַלטער לפידות — די געשטאַלט פון א. ד. גאָרדאָן — און פון אונטערן שאָטן פון דאָזיקן אַלטן שיינט אַרויס צו אונז, ווי אַ בשורה פון ווייטער אָבער זיכערער דערלייזונג, די גרויסע האָפנונג פון אַלטן לפידותס אייניקל.

נאָך דעם דאָזיקן נצחון פון „מכאן ומכאן", וואָס קוקט נאָך אַרויס צו אונז שטיל, אָן לשון, אַ פאַרחלשטער און אַ פאַרשוואַכ־טער פון גרויסן קאַמף, נאָך דער דאָזיקער פאַרחלומטער, בלאַסער בשורה איז שוין זיכער געווען, אַז דער גרויסער לעצטער נצחון וועט קומען.

דער דאָזיקער גרויסער און, צו אונזער גרעסטער פּיין, באמת לעצטער נצחון, הייסט „שכול וכשלון״.

ברענער פלעגט אויסרייסן מיטן שורש יעדע מחיצה, וואָס דאָס לעבן האָט געבויט צווישן זיך און דעם מענטשן אויס ליבע צו דעם לעצטן. פאַר די שוואַכע יתומימלעך האָט דאָס לעבן גע-בויט זיינע מחיצות. זיי זאָל נישט שרעקן זיין אמתער פּרצוף; אָבער ברענער, דער מבוגרדיקער מענטש, ער קען אַריינקוקן אין די טיפע מאוימדיקע לעבנס-אויגן און אויסהאַלטן. ער האָט די העזה אַראָפּצורייסן דאָס לעצטע פייגנבלאַט, וואָס פאַרשטעלט די חרפה פון וועלט און לעבן, און שטייענדיק פאַר זייער לעצטן צער, פלאַקערט אויף די גרויסע ליבע פון גרויסן אכזר און ער, דער פאַרצאַרנטער, טרייסט דעם לעבן און העלפט אים טראָגן זיין צער, דעם צער פון אייביקן אומבאַטעמטן זיין. ברענער שאַפט זיין „שכול וכשלון״.

דאָס דאָזיקע בוך געהערט צו די גרעסטע שאַפונגען, צו וועלכע מענטשן האָבן זיך דערהויבן, הן לויט זיין קונסט, הן לויט זיין מענטשלעכן ווערט. דאָס איז דאָס איינציקע בוך, וואָס די יידישע נייע קולטור האָט געשענקט דעם מענטשן, דעם מענטשן פון אומעטום, ווו נאָר ער באַגרייפט זיין מענטשלעכ-קייט.

אַ יידיש בוך שטעלט דאָ אַרויס אַ לעבן, וואָס איז די גרויסע „איכה״ פון מענטשלעכן גורל. און זי איז אַזוי געשריבן די דאָזיקע „איכה״, ווי דער מענטש וואָלט דאָ צום ערשטן מאָל געשריגן אונטערן שווייגנדיקן הימל צו זיין שווייגנדיקן גאָט.

בעת די לעצטע פיזישע אילוזיע איז פאַרן מענטשן צע-שוווּמען און ער ליגט באַגראָבן אונטער די ברענענדיקע הורבות פון דער וועלט, גייט פלוצלונג אויף די זון פון מענטשלעכן סוף-ווערנעם עקסטאַז. ער נעמט אָן די וועלט אַזוי ווי זי איז. ער, דער בעטלער פון בעטלער, יחזקאל חפץ, שענקט דער וועלט איר הימן, ער זאַפט איר אָן מיט דער שיינקייט, וועלכע ער שעפּט אין די טיפסטע אָפּגרונטן פון זיין מענטשלעכער דערנידע-

ריקונג. ער ראַטעוועט די פאַרשעמטע מעשי־בראשית מיט דער קראַפט פון סוועריגנעם מענטשן.

* * *

ברענער איז געווען אַ גרויסער אומרואיקער גייסט, ער איז געווען אַ שעפערישער פעסימיסט, אַ טראַגישער וועלט־ און לעבן־פאַרנײַנער, ווײַל עס איז נישט פרעמד געווען די גרעסטע לעבן־אָננעמונג: דער פרײדיקער נעמען אויף זיך דעם צער פון דער יצירה.

ער איז קיינמאָל נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. בעת בײַ אַלע פאַרשריגענע אָפּטימיסטן פלעגן אָפּגענומען ווערן די הענט, פלעגט ער, דער פאַרשריגענער פעסימיסט, זיך תמיד נעמען פאַר דער אַרבעט. יעדע באַוועגונג זײַנע איז געווען — טאַט; יעדער זיפץ זײַנער — באַגלייט פון שאַפונג. אונזער טראַגישסטער גייסט, איז ער גלייכצייטיק געווען דער שעפערישסטער; דער פאַרצווייפלטסטער אין זײַן וועזן און אין זײַנע ווערק, איז ער געווען דער גלויביקסטער לויט זײַנע מעשים. ער האָט אַלע פאָלקס־חלומות צעשטערט, און זײַן האַרץ פלעגט תמיד קלאַפּן צוזאַמען מיט אונזערע גרעסטע האָפנונגען. ער האָט געפּרײדיקט אונזער גסיסה און ער איז געווען דער גלויביקסטער שטיין־האַקער אויף די נײַע א״י־דיקע שאָסייען. ער האָט נישט געהאַט קיין אויבער־פלעכלעכן גלויבן און איז נישט געווען קיין גראָשענער פעסימיסט. אַלץ וואָס איז פלאַך געווען האָט ער פאַרנײַנט און אַלץ צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט האָט ער פאַרטיפט און געהייליקט. ברענער דאָס איז צוקונפטיקע מענטשלעכע ריינקייט, צוקונפטיקע מענטשלעכע אויפריכטיקייט, צוקונפטיקע מענטשלעכע ליבע און צוקונפטיקער מענטשלעכער שטאָלץ.

.1925

שלום אַש און זיין שטעלונג צו יידיש

(אַ פּרוּוו פֿון אַ אָביעקטיווער אָפּשאַצונג)

שלום אַש אַרויסטרעטונגען וועגן און קעגן יידיש (אין ארץ־ישראל און אין וואַרשעווער „היינט“) האָבן אַרויסגערופֿן אַ שטורעם אין דער יידישער פּרעסע. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז ווען די אָפּשאַצונג פֿון שלום אַש דעם קינסטלער און דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכן מענטשן וואָלט ביז איצט געווען אַ קלאָרזעעוודיקערע, אַ ריכטיקערע, וואָלט זיין אַרויסטרעטונג נישט געווען זיין אַזאַ שטאַרקע אַנטוישונג פֿאַר איין צד און אַזאַ שטאַרקע מציאה פֿאַרן צווייטן צד. אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פֿון שלום אַש מהות אַלס קינסטלער און געזעלשאַפֿטלעכער מענטש וואָלט מעגלעך געמאַכט אויך אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פֿון זיין לעצטן אַנטי־יידיש־אַרויסטריט. עס וואָלטן נישט נויטיק געווען קיין מיטינג־אַרגומענטן (הגם אין תוך זענען זיי אפשר אויך ריכטיק) וועגן דעם, אַז אַש יאָגט זיך תמיד נאָך אַפּלאָדיסמענטן און במילא האַלט ער פֿון תמיד אָן ציוניסטישע רעדעס אויף ציוניסטישע שמחות און בונדיסטישע — אויף בונדישע; און אַז עס איז פֿאַרשטענדלעך דעריבער, וואָס אין אַ שוידערלעך־שווערער צייט פֿאַר יידיש, מוז שלום אַש אין ארץ־ישראל, פֿאַר העברעאיסטן, אַרויסטרעטן קעגן יידיש און פֿאַר העברעאיש. ווי געזאָגט, זענען די דאָזיקע מיטינג־אַרגומענטן ריכטיק, אָבער מען נויטיקט זיך נישט אין זיי, כּדי פֿאַרשטענדלעך צו מאַכן שלום אַשס לעצטע אַנטי־יידיש־אַרויסטרעטונגען. עס זענען דאָ וואָגיקערע דערקלערונגען, וועלכע וואָרצלען אין שלום אַש דעם קינסטלער און פּאָליטיקער.

די דאָזיקע קליינע אַרבעט איז טאַקע אַ פּרוּוו דאָס אויפצווייזן. נישט פּאָלעמיזירן מיט שלום אַשס אומטאַקטישקייטן אין זיין ארץ-ישׂראלדיקער אַרויסטרעטונג און מיט זיינע באַנאַליטעטן אין זיין „היינט"-אַרטיקל („די ביבל האָט אין קיין אַנדער לשון נישט געקאָנט געשאַפן ווערן, נאָר אין העברעאיש", איז אַ באַנאַלער רעדנס-אַרט. איצט קאָן מען זיך עס אַנדערש נישט פאָרשטעלן, אָבער פאַרוואָס האָט עס אַנדערש נישט געקאָנט זיין? צוליב וועלכע מעטאַפיזישע סיבות?) בין איך אויסן, נאָר אויפצודעקן דעם וואָרצל, פונוואַנעט שלום אַשס אַרויסטרעטונג איז אַרויסגעוואָקסן אויפן נאַטירלעכסטן אופן.

* * *

די פיר זיילן פון אונזער ניי-יידישער ליטעראַטור — מענדעלע, פּרץ, שלום-עליכם און אַש — טיילן זיך אויף צוויי סימעטרישע גרופּעס: פון איין זייט שטייען די רעאַליסטן — מענדעלע און שלום עליכם; פון דער צווייטער זייט — די ראָמאַנטיקער: פּרץ און אַש. ווי אַנדערשדיק עס זאָל נישט זיין מענדעלעס סאַרקאַסטישער רעאַליזם פון שלום-עליכמס ליריש-ווייכן און גראָטעסק-הומאָריסטישן, איז אָבער נישטאָ צווישן זיי אַזאַ תּוך-אונטערשייד, ווי צווישן פּרצעס און אַשס ראָמאַנטיק. פּרץ האָט זיך דערגראָבן אין זיין ראָמאַנטיק צו דער נשמה פונם עבר און האָט באַפרייט די דינאַמישע גייסטיקע קראַפט, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין אים און וואָס אין קאַמף פון דער השׂכּלה פאַר דער פאַרוועלטלעכונג פון אונזער לעבן און קולטור האָט מען זי געמוזט פאַרזען (דער קעמפער מוז זיין עקסטרעם, כּדי צו האָבן מוט און אימפּעט צו קעמפן, באַקעמפן און זיגן); אַש איז געפאַלן כּורעים פאַרן דאָזיקן עבר אַזוי ווי ער שטייט און גייט, אין גאַרטל און אין טלית און תּפֿילין. פּרץ האָט צעבראָכן די פאָרם און דערזען דאָס גייסטיק-דינאַמישע; אַש האָט אָנגענומען סטאַטיש די אויסערלעכע פאָרם; פּרץ איז געווען גייסטיקער באַנייער; אַש איז דעקאָראַטאָרי. אַש איז אַזוי אַרום נישט קיין שעפערישער ראָמאַנטיקער, ד. ה. אַזאַ, וואָס אַקטיווירט פאַרן היינט גייסטיקע ווערטן פון עבר, נאָר

אַ סענטימענטאַלער ראָמאַנטיקער, וואָס שטעלט דעם היינט אין שאָטן פון דער עברדיקער דעקאָראַציע. געוויס, אויך דער סענטימענטאַלער ראָמאַנטיקער איז באַגייסטערט פון די גייסטיקע ווערטן פונם עבר, אָבער נאָר אין דער פאַרבינדונג מיטן גוף פון עבר אַזוי אַרום איז ביי שלום אַשן אויך דאָס גייסטיקע דעקאָראַטיוו באַפאַרבט, סטאַטיש־אומפּרוכטבאַרי ער קאָן זי נישט באַפרייען פון איר היסטאָריש־דעקאָראַטיווער קליידונג. פאַר פּרצעס ראָמאַנטיק איז כאַראַקטעריסטיש די געשטאַלט פון „אויב נישט נאָך העכער"; פאַר אַשס ראָמאַנטיק איז כאַראַקטעריסטיש שלמה נגידס תהלים־זאָגן אין אַ עת־צרה: און ס'העלפטי פאַר פּרצעס ראָמאַנטיק איז כאַראַקטעריסטיש ר' שלמה פון דער „גאָלדענער קייט", וואָס ראַנגלט זיך פאַר דער גאולה, וואָס וויל נישט מאַכן קיין הבדלה; פאַר אשס ראָמאַנטיק איז כאַראַקטעריסטיש דער תהלים־ייִד, וואָס העלפט האָבן אַ קינד אַ עקרהי

אין דער צייט, וואָס פּרץ איז געווען אַ אינטעלעקטועלער דיכטער, איז אַש — אַ געפילס־מענטש. ווי נאָר ער פאַרלאָזט די ראָמאַנטישע גלאָריפיקאַציע פון אַלטן יידנטום, פון נאַציאָנאַלן סענטימענט — פאַרלירט ער די קראַפט; אַלע ווערק שלום אַשס, ווו ער פירט אַרויס אידעאָלאָגישע העלדן, ווו ער באַהאַנדלט פּראָבלעמען — זענען דורכפאַלן. דאָס לאָזט זיך נאָכווייזן אָנהויבנדיק מיט „חיים לעדערערס צוריקקומען" ביז די אידעאָלאָגישע טיילן פון דער טרילאָגיע „פאַרן מבול" און „גאָטס געפאַנגענע". צום שטאַרקסטן איז אַש, פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר (אָנהויבנדיק מיט דער אומגליקלעכער „מערי") אין „תהלים־ייד", ווו ער קומט אין באַרירונג, ווי דער גריכישער מיטאָס־העלד אַנטעי, מיט זיין מוטערלעכן באָדן, מיט דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער ראָמאַנטיק, וואָס איז באַזוימט מיט דער אידיליש־ראָמאַנטישער גבורה פונם קוילער־געסל. און אויב מענדעלע האָט אונז געגעבן, אַלס בלייבנדע געשטאַלטן, פישקע דעם קרומען און בנימין השלישי (רעאַליסטישע און גראָטעסק־רעאַליסטישע געשטאַלטן, וואָס שילדערן אָדער שטעמפּלען אונזער ווירקלעכקייט); אויב שלום עליכם האָט אונז געלאָזן בירושה אַזעלכע געשטאַלטן

ווי דעם רעאַליסטיש־וווערטפולן טוביה דעם מילכיקן און דעם גראָטעסק־דערציערישן מנחם־מענדלען; אויב פּרץ האָט אונז געלאָזן די מאַיעסטעטיש־רעוואָלטירנדיקע ראָמאַנטישע געשטאַלט פון ר׳ שלמהן און די גייסטיק־פּאַרוואַנדלטע, מיט די בעסטע אידעאַלן פונם אייביק־מענטשלעכן טעטיקע געשטאַלט פונם צדיק אין „אויב נישט נאָך העכער”, — האָט אונז אַש געלאָזן די דעקאָראַטיוו־אומבאַוועגלעכע געשטאַלט פון אַ שלמה נגיד, צענפאַך וואַריאירט, לחלוטין נישט באַפרוכפּערט פאַרן הײנט, פאַר דער צוקונפט, און אַ סענטימענטאַל־צעצויגענעם עשרה־הרוגי־מלכות־מאָטיוו.

די דאָזיקע אייגנשאַפטן פון שלום אַש — זיין קאָמפּלעקסאַרטיקע פאַרוואָרצלטקייט אינם דעקאָראַטיוו־ראָמאַנטישן נאַציאָנאַלן עלעמענט און זיין אינטעלעקטועלע שוואַכקייט — האָבן אָנגעצייכנט מיט דער גרעסטער נאַטירלעכקייט אַשס אויפפירונג ביי זיינע פּרוּוון צו ווירקן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטיש. אַ קינסטלער ווי שלום אַש נישט קאָן האָבן קיין אינטעלעקטועל־אויסגעהאַמערטע וועלטאָנשויאונג, — ער באַוועגט זיך לויט דער ליניע פון זיין סענטימענטאַלן געפילס־אויפפלאַם. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער געפילס־אויפפלאַם וועט זיין אַלץ שטאַרקער, וואָס מער זיין סיבה וועט וואָרצלען אינם נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישן פון יידישן לעבן.

און מיר זעען טאַקע, אַז שלום אַש האָט קיין איין מאָל נישט געהאַט קיין קלאָרע׳ אויסגעשפּראָכענע שטעלונג צו קיין שום קאַרדינאַלער פראַגע פון יידישן לעבן. אַש איז אויף אַלע חתונות פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן געווען אַ מחותּן סיי פון דער כלהס, סיי פון חתנס צד. זיין שטיין איבער די פּאַרטייען איז נישט געווען בלויז קיין רעזולטאַט פון וועלן טאַנצן אויף אַלע חתונות, נאָר דער עיקר אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון פּאָליטישער הוט־השדרהלאָזיקייט, פון אינטעלעקטועלער וואַקלדיקייט. אין קאַמף פאַר אַ וועלטאַנשויאונג קומט אָפּט אויס צו האַלטן אין צוים דעם געפילס־עלעמענט, וועלכער איז אָפּטמאָל קאָנסערוואַטיוו. דאָס געפיל, די סענטימענטאַל־געפילסמעסיקע צוגעבונדנקייט צו געוויסע זאַכן און פאַרשטעלונגען שפּילט אַ גרוי־

סע ראָלע אין פּריוואַטן, ווי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער פּונקט ווי ס'וואָלט געווען אַ היזק פאַר דער מענטשלעכער אַנט־וויקלונג, ווען דער מענטש זאָל זיך תּמיד ריכטן לויט די ראַ־ציאָנאַליסטישע כּחות, וואָלט אויך געווען קאַטאַסטראָפאַל, דער מענטש זאָל זיך תּמיד פאַרלאָזן אויף זיין געפילס־אורטייל. עס מוז געפונען ווערן דער גאָלדענער מיטלוועג — נישט דער לעבּ־לעכער קאָמפּראָמיס, נאָר דער שעפערישער סינטעז — צווישן שכל און געפיל, צווישן ראַציאָ און אינסטינקט.

שלום אַש, וואָס זיין גאַנצע סטיכיע איז — סענטימענט, וואָס זיין געפילס־וועלט איז היפּערטראָפירט אַנטוויקלט אויפן חשבון פון די אינטעלעקטועלע כּחות, איז אויף אַזאַ אָנשטרענ־גונג — פון האַלטן אין צוים דעם געפיל מיט דער קראַפט פון פאַרשטאַנד — נישט פעאיק.

ווי אַזוי מוז זיין שלום אַשס שטעלונג צו דער פראַגע וועגן יידיש־העברעיִש, אַרויסגייענדיק פונם אויבנדורכגעפירטן אַנאַליז פון אַשס וועזן אַלס קינסטלער און געזעלשאַפטלעך־פּאָ־ליטישער מענטש?

כּדי צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, מוזן מיר פריער קורץ באַטראַכטן דעם מהות פון אונזער שפּראַכן־פראַגע.

* * *

די שפּראַכן־פראַגע, די שווערסטע וווּנד אין אונזער נאַציאָ־נאַל־קולטורעלן אָרגאַניזם, וואָס שוואַכט אָפּ זיין ווידערשטאַנדס־קראַפט כּלפּי פּנים און כּלפּי חוץ; וואָס טראָגט אַריין אַ שווערן קאָנפליקט אין דער פּסיכיק פון שעפערישן אינטעליגענט, ווי אויך אין דער פּסיכיק פונם כּלל, — די דאָזיקע שפּראַכן־פראַגע איז ביי אונז אַנטשטאַנען צוזאַמען מיט דער געבראָכענער טאָטאַלער הערשאַפט פון דער רעליגיע אין אונזער לעבן.

כּל־זמן דאָס יידישע פאָלק איז געווען איינהייטלעך אין זיין האָפענונג אויף משיחן און דעם אומקער קיין ארץ־ישראל, האָבן ביידע שפּראַכן: יידיש און העבּרעאיש, געפירט זייער לעבן אין פּאַראַלעלע ליניעס, אָן צוזאַמענשטויסן. העברעאיש איז גע־

ווען די שפּראַך פון דער רעליגיע, פון דער העכערער גייסטיקייט, פון דער משיח־צוקונפט, און יידיש איז געווען די שפּראַך פון גלות, פון טאָג־טעגלעכקייט, פון אינדערוואָכנדיקן חמר.

ווען דאָס יידישע לעבן האָט אויפגעהערט צו זיין סטאַביל, ווען עס האָט דורכגעבראָכן די רעליגיעזע געטאָ, ווען די באַפרייטע פאָלקס־מאַסן האָבן אָנגעהויבן נאַציאָנאַל און מענטשלעך סעקולאַריזירט ווערן, ווען עס האָט גענומען וואַקסן דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַוווסטזיין פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, האָט זיך אָנגעהויבן דער אומפאַרמיידלעכער קאַמף צווישן ביידע שפּראַכן פאַר דער העגעמאָניע אין אונזער קולטורעלן לעבן.

דער דאָזיקער היסטאָריש־אומפאַרמיידלעכער קאַמף איז, אין תוך גענומען, נישט קיין ספּעציפיש־יידישער (הגם אין די פּרטים איז ער יאָ ספּעציפיש־יידיש, צוליב אונזער לחלוטין־אַנדערשדיקער לאַגע אין טעריטאָריאַלן און שפּראַכלעכן הינזיכט): אַלע מאָדערנע פעלקער האָבן דורכגעמאַכט ביי זייער קולטורעלער דערוואַכונג די דאָזיקע שפּראַכן־רעוואָלוציע, וואָס איז געווען אַ רעוואָלוציע פון געזונטן פאָלקסטימלעכן רעאַליזם קעגן מומיפיצירטן פעאָדאַל־קלעריקאַלן ראָמאַנטיזם. די איטאַליענישע, די דייטשישע שפּראַכן האָבן אויף דער שוועל פון רענעסאַנס, פון דער רעפאָרמאַציע געקעמפט אַ שווערן קאַמף קעגן דער קולטורעלער העגעמאָניע פון לאַטיין, דער שפּראַך פון רעליגיעזן און וויסנשאַפטלעכן לעבן. צו וואָסער אויפבלי די פאַרוועלטלעכונג פון דער קולטור, די העגעמאָניע פון דער פאָלקס־שפּראַך האָבן דערפירט דאָס אייראָפּעאישע גייסטיקע לעבן, איז אַ גענוג באַקאַנטער פאַקט. די דערוואַכונג פון די מאַסן האָט אָנגעפילט מיט זעלבסטבאַוווסטזיין די פאָלקס־שפּראַך, און די פאָלקס־שפּראַך, געשפּייזט פון די שעפערישע קוואַלן פון דערוואַכנדיקע פאָלקס־קאָלעקטיוון, האָבן זיך פאַנאַנדערגעבליט און געבראַכט פרוכט וועלכע מיר וואָלטן קיינמאָל נישט געווען געוואָר, ווען די קולטור־העגעמאָניע וואָלט פאַרבליבן ביים לאַטיין.

אויך די שפּראַכן־פראַגע אין יידישן לעבן באַדייט אַ קאַמף פון פּראָגרעסיוון רעאַליזם קעגן ראָמאַנטישן קאָנסערוואַטיזם. ביי

די פאָלקס־מאַסן, פאַר וועלכע יידיש איז געווען אַ נאַטירלעכער פאַקט, וועלכע האָבן באַנוצט העברעאיזמען, נישט ווייסנדיק, אַז דאָס זענען ווערטער פון דער הייליקער שפּראַך, איז דער וווקס פון יידיש־באַוווסטזיין געווען אינסטינקטיוו־נאַטירלעך, ווי ס׳איז געווען דער וווקס פון זייער מענטש־ און ייד־באַוווסטזיין. ביי דער יידישער אינטעליגענץ אָבער, וועלכע האָט אין יידיש געפילט דעם העברעאישן פרעמד־קערפּער, וועלכע איז אינטעלעקטועל און געפילסמעסיק געווען פאַרבונדן מיט די ריזיקע קולטור־אוצרות אין העברעאיש און מיט דעם נאַציאָנאַל־סענטימענטישן ווערט פון דער דאָזיקער שפּראַך, — ביי דער דאָזיקער יידישער אינטעליגענץ האָט געמוזט פאָרקומען אַ קאַמף צווישן איר אינטעלעקטועלן רעאַליזם און איר געפילסמעסיקן קאָנסערוואַטיוון ראָמאַנטיזם.

פאַר דער טייל יידישער אינטעליגענץ, וואָס איז מיט דער פאַרוועלטלעכונג פון אונזער לעבן געוואָרן ציוניסטיש צוליב ריין־נאַציאָנאַלע, געפילסמעסיקע מאָטיוון, איז דער איבערגאַנג צום העברעאיזם געווען פונקט אַזוי נאַטירלעך, אינסטינקטיוו־באַדינגט, ווי זייער לייזונג — ארץ־ישראל. די פאַרבונדנקייט מיט ארץ־ישראל און העברעאיש אין רעליגיעז־טאָטאַלן פעריאָד איז געווען אַזוי טיף, אַז ביי דער רעלסן־וועקסלונג איז דער נאַציאָנאַל־אָריענטירטער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ אַוועק: טעריטאָריאַל — צו ארץ־ישראל און קולטורעל — צו העברעאיש. דאָס איז געווען דער וועג פון קלענסטן פסיכישן ווידערשטאַנד: אין דער דאָזיקער ריכטונג האָבן געשטויסן די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע און נאַציאָנאַל־קולטורעלע רעמיניסצענצן, ווי אויך דער קאָנסערוואַטיוו־ווירקנדער סענטימענט (ווי מיר זעען דאָס לעצטנס אין אַזאַ בולט־מאָנסטרועזער פאָרם אין דער קאָנסערוואַטיווער ראָמאַנטיק פון פאַשיזם, וואָס ציט זיך צוריק צום רוימישן גרוס און צו וואָטאַנען, צום אור־באַרבאַרנטום און צו דער רוימישער אימפּעריע). אָבער פאַר דער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט אין יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אַריינגעפירט דעם רעאַליסטיש־אינטעלעקטועלן מאָמענט, וועלכע זענען

צו דער אידעע פון טעריטאָריאַלן צענטער — און זאָל עס זיין אפילו אין היסטאָריש־ראָמאַנטישן ארץ־ישראל — געקומען נישט אדאַנק דעם פּרינציפּ פון קלענסטן פסיכישן ווידערשטאַנד, נישט אדאַנק דעם ריין־נאַציאָנאַלן סענטימענט, — נאָר אַדאַנק אַ רעאַליסטישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישער און רעאַליסטיש־קולטורע־לער איינשטעלונג — די דאָזיקע אינטעליגענץ האָט געהאַלטן און צוים — מיט דער הילף פון אינטעלעקט און זעלבסטבאַ־ווסטזיניקן ווילן — דעם אינסטינקטיוון דראַנג צו העברעאיש, דעם סוגגעסטיוו־ווירקנדן אָרעאָל פון דער דאָזיקער שפּראַך.

הגם די העברעאיסטן טענהן, אַז זיי זענען הערָאָיש אין זייער אָנשטרענגונג אויפצולעבן העברעאיש, און די יידי־שיסטן קלאַמערן זיך בלויז אין דער געגעבענער שטיקל ביד־נער ווירקלעכקייט, פונדעסטוועגן איז עס, אין תוך גענומען, פאַרקערט: די העברעאיסטן האָבן קיין מוט נישט, — זיי אַנט־לויפן צום אַמאָליקן פעסטן אַנקער, כדי זיך צו ראַטעווען פון דער כאַאָטיש־שפּראָצנדיקער ווירקלעכקייט, וועלכע שרעקט זיי מיט איר טראַגישער מעגלעכקייט; — אָפּטימיזם; די יידישיסטן דאַקעגן נעמען דעם כאַאָטישן לעבנס־פאַקט און הויבן אים שפּעריש אויף צו אַ קולטור־מדרגה. זיי שאַפן אויף אייגענער אחריות, אָן דער ברכה פון דער געהייליקטער מסורה.

און דאָ גייט נישט אַבסאָלוט אין ליבע צו דער אָדער יענער שפּראַך! מען קאָן ליב האָבן העברעאיש און זיין אַ יידישיסט. איך שעם זיך נישט צו זאָגן, אַז איך האָב אַמאָל ליבער העברעאיש, ווי יידיש, אַז גייסטיק בין איך נישט נאָר צונויפגעוואַקסן מיט עמוסן און חבקוקן, נאָר אויך מיטן העב־רעאיש פון דער שפּעטערדיקער רעליגיעזער לי־טעראַטור. אָבער דער האַרטער פאַקט פון אַ יידיש פאָלק, פון יידיש, וואָס נאָר ער נערט שפּעריש אונזערע וואָרצלען פון קולטורעלן היינט און פון דער צוקונפט, — דער דאָזיקער רעאַ־ליסטישער פאַקט, וועלכן איך באַשטעטיק מיטן באַוווסטזיין און אינטעלעקט, צווינגט מיך (מיט מיין פריייוויליקער הסכמה) אָפּצו־

גרענעצן מיין ליבע צום אַמאָל און מיין ליבע און פליכט צום היינט. אַ גרויס שטיק פון מענטשלעכן פראָגרעס באַזירט אויף דער דאָזיקער האַרטער פליכט צו פאָלגן דעם אינטעלעקט, וואָס פירט צו דער צוקונפט, צום באַרג־אַרויף, און אָפּצווענדן זיך פון אינסטינקט, פון סענטימענט, וואָס ציט צו דער פאַרגאַנגענהייט. איז דען לייכט געווען אינסטינקטמעסיק, געפילסמעסיק אָפּצווענדן זיך פון דער טיף־איינגעוואָרצלטער, פון דער פאַטאַליסטיש־באַקוועמער רעליגיעז־קולטישער וועלטאָנשויאונג ? איז דען לייכט אָפּצוזאָגן זיך, ריין־געפילסמעסיק, אינסטינקט־מעסיק, פון דער איינגעוואָרצלטער באַציאונג צו דער פרוי, ווי צו אַן אָביעקט פאַר אונזער פיזישער הנאה ? בלויז די באַציען זיך צו דער פרוי ווי צו אַ גלייכן חבר, ווי צו אַ פולווערטיקן מענטש, וועלכע האַלטן אין צוים זייער נאַטירלעכן און היסטאָריש־באַדינגטן געפיל דורכן אינטעלעקט, וואָס ווערט געוויסן, וואָס ווערט ווערן אינסטינקט. און אַזוי איז אויך מיט העברעאיש און יידיש. אוודאי וואָלטן מיר אַלע געווען גליקלעך, ווען מיר וואָלטן געהאַט איין שפּראַך, איין נישט־איבערגעריסענע קולטורעלע ליניע. מיינעטוועגן—העברעאיש. אָבער אומקערן דעם שטראָם פון דער געשיכטע אויף צוויי טויזנט יאָר צוריק ? אַ חוץ דעם געשיכטלעכן רעמיניסצענץ־מאָמענט רעדט אַלץ קעגן דעם. דער סענטימענט מוז פריי מאַכן דעם וועג פאַרן פאַרשטאַנד.

אין דאָזיקן קאַמף, ווו דער סענטימענט איז אויף דער זייט פון העברעאיש, ווו יידישיזם הייסט, פאַר אונזער יידיש־אינטעליגענץ פון היינט, רעאַליסטיש גובר זיין די סענטימענט־פאַרבונדנקייט, איז שלום אַש נישט פעאיק צו שפּילן די ראָל פון אַ פראָנט־קעמפער. אמת, צו יידיש האָט ער אויך אַ סענטימענט: דאָס איז די שפּראַך פון זיין מוטער, די שפּראַך פון זיין שאַפן, דאָך קאָן זיך יידיש נישט פאַרגלייכן אין דאָזיקן פרט מיט העברעאיש, וואָס איז די שפּראַך פון דער מוטער רחל, די שפּראַך פון די נביאים. שלום אַש איז נישט פעאיק אָפּצוטיילן דעם סענטימענט פון דערווירקלעכקייט; ער קאָן נישט ציען קיין גרענעץ צווישן דער ליבע צו דער פאַרגאַנגענהייט און דעם ווילן פון הווה צו דער

צוקונפט. ווען שלום אַש געפינט זיך אין ארץ־ישראל און הערט רעדן קינדער העברעאיש, איז ער נישט פּעאיק אַריינצודרינגען אין זיין צעוואָרעמטן געפיל מיטן קילן, שאַרפן אַנאַליז פון שכל. ווען ער וואָלט עס יאָ געקאָנט, וואָלט ער איינגעזען, סאַראַ גרינט־לעכע נאַציאָנאַל־אַסימילאַציע עס ליגט אין דאָזיקן העברעאיש־רעדן.

איך וויל דאָ נישט רעדן וועגן דער איבערטרייבונג, אַז דער גאַנצער ישוב, אַז אַלע שיינע מענטשן רעדן דאָרט העברע־איש. דאָס האָבן שוין געטאָן גרעסערע אויטאָריטעטן אויפן דאָ־זיקן געביט. אויפן קולטור־קאָנגרעס אין תל־אביב האָבן די פירער פון ישוב, זיינע קולטור־העברעאישע פלעגער, מודה געווען, אַז 50—60 פּראָצענט פון ישוב קאָן נישט רעדן קיין העברעאיש; אַז עס הערשט דאָרט אַן אַסימילאַציע־שטראָם נישט נאָר צו ענגליש; אַז מיט עכטע קולטור־ווערטן האַלט עס שמאָל. אוודאי, אַז מען רעדט מיט קינדער העברעאיש — רעדן זיי העברעאיש. אָבער קיין קולטור שפּראָצט נאָך נישט פון דעם. מען קאָן האָ־דעווען אין וואַרעם־הייזער בלומען, אוגערקעס, אָבער קיין וואַלד וועט דאָרט נישט אויסוואַקסן, און קיין קאָרן־פעלדער וועלן דאָרט נישט בליען.

לאָמיר אָבער אָננעמען, אַז אַלע 400 טויזנט יידן אין ארץ־ישראל רעדן העברעאיש. אַפילו אין דאָזיקן פאַל איז דאָס בלויז אַן אויסערלעכער פאַקט, אַ קינסטלעכע דערגרייכונג פאַרן פּרייז פון אומגעהייערע מאַטעריעלע און גייסטיקע קרבנות, — אַ פאַקט אָן אַ טיפערער באַדייטונג, אַדרבה, די טיפערע באַדייטונג פון דאָזיקן פאַקט איז אַ נעגאַטיווע. וויפל שעפערישע ענערגיע עס איז געזעצט געוואָרן, אומפּרודוקטיוו געמאַכט געוואָרן צוליב דער אַנשטרענגונג צו רעדן העברעאיש און אויסוואָרצלען פון זיך די שטים, וואָס שטייגט פון בלוט; ווי אַנדערש עס וואָלט אויסגע־זען דאָס קולטורעלע לעבן פון די 400 טויזנט יידן אין ארץ־ישראל, ווען זיי וואָלטן זיך אויסגעלעבט און געשאַפן אין יידיש נישט פאַרלירנדיק אַזוי אַרום דעם לעבעדיקסטן קאָנטאַקט—דורך דער גערעדטער און געלעבטער שפּראַך — מיט די יידן פון דער

גאַנצער וועלט; און ווי אַנדערש עס וואָלט אויסגעזען די לאַגע פֿון יידישן בוך, פֿון דער יידישער שפּראַך און שול, ווען עס וואָלט געווען אויף דער וועלט אַ קאָמפּאַקטער ישוב פֿון 400 טויזנט מענטשן, וואָס וואָלטן געקאָנט אויטאָנאָם זיך אויסלעבן אין יידיש, נישט געפּרעסן דורך צוואַנג־אַסימילאַציע און קולטורעלע נגישות פֿון איין זייט, און דורך קולטור־אַסימילאַציע און אינערלעכן מינדערווערטיקייט־געפֿיל פֿון דער צווייטער.

כּדי צו זען די דאָזיקע רעאַל־גייסטיקע זאַכן, די דאָזיקע גייסטיקע ממשותדיקייטן, דאַרף מען קאָנען באַהערשן דעם סענטימענטאַלן געוויסער דורך אַ דאַמבע פֿון אינטעלעקט און פֿעסטער רעאַליסטישער וועלטאָנשויאונג, — זאַכן, וואָס שלום אַש פֿאַרמאָגט עס נישט און קאָן עס נישט פֿאַרמאָגן, צוליב די אייגנשאַפֿטן פֿון זיין גייסטיקער קאָנסטיטוציע, ווי מיר זעען זי דורכן שאַרפֿסטן שפּיגל פֿון זיין 30־יאָריקן שאַפֿן און 30־יאָריקער „רעאַליסטישער" פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט. עס איז געווען אַ צייט, ווען אַש האָט זיך אַ ריס געטאָן צום דאָזיקן פֿליִיבער דעם פֿלויט פֿון זיין נאַציאָנאַל־קאָנסערוואַטיוון סענטימענט (דאָס איז זיין אַרויסטריט קעגן מילה, זיין אַרויסטריט אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ), אָבער ער איז גלייך פֿאַרמאַטערט געוואָרן און איז צוריק אַראָפּגעפֿאַלן, מיט צונויפֿגעלייגטע פֿליגלען, אויף זיין דעקאָראַטיוו־ראָמאַנטישן שעדעלע.

* *
*

שלום אַש אַרויסטריט ק ע ג ן יידיש און פֿ אַ ר העברעאיש קאָן איך נישט באַטראַכטן אַלס שלום אַשס אַ פּראָנט־ענדערונג. שלום אַש וועט נאָך, מסתּמא, נישט איינמאָל אַרויסטרעטן פֿאַר יידיש אויך. דאָס איז בלויז געווען איינער פֿון די געוויינלעכע, פּעריאָדיש זיך־איבערחזרנדיקע אַש־פֿאַלן. אַדאַנק דעם, וואָס ער איז געווען בולטער, ווי די אַנדערע (צוליבן אָרט, וווּ ער איז פֿאָרגעקומען, און צוליב די אומשטענדן ווייטער פֿון געגעבענעם אָרט), גיט ער אַ גוטע געלעגנהייט אָפּצודעקן און אויפֿצודעקן די קינסטלערישע און פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע אייגנשאַפֿטן פֿון

שלום אַש, וועלכע צווינגען אים ממש צו מאַכן אַזעלכע אַרויס־טרעטונגען, ווי די, וועלכע ער האָט געמאַכט. זיין סענטימענט, וואָס ציט אים צום ראָמאַנטישן רעקוויזיט פון יידנטום, האָט נישט קיין קעגנגעוויכט, אין דער געשטאַלט פון אַ אינטעלעקטועל־אויס־געאַרבעטער און מיטן זעלבסטבאַוווסטן ווילן באַשטעטיקטער רעַאַליסטישער וועלטאַנשויאונג.

דער גרויסער ריקצוג — אונטער יובל־געזאַנגען

לודוויק מאַרקוזע, אַ דייטשישער ראַדיקאַלער שרייבער, האָט פאַרצווייאָרן אַרויסגעגעבן אַ אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיע פונם שעפער פון יעזואיטן־אָרדן — איגנאַציוס פאָן לאָיאָלאַ. זאָגט ער דאָרט אויף איין שטעלע: „אין דער צייט, וואָס די אויסגעברייטערטע און פאַרשידנאַרטיק· געוואָרענע ערד האָט געוועקט אין אירע מענטשן נייע אַנונגען און נייע האָפנונגען, האָט לאָיאָלאַ געזען בלויז די ירידה פון דער אַלטער אָרדנונג. און ער האָט זיך גענומען אַריינצושטופּן דאָס זיך פאַנאַנדערבליענדע לעבן אין דער ענגער, שוין געפּלאַצטער סכעמע פון די אבות״...

די דאָזיקע ווערטער זענען מיר לעצטנס געקומען אין געדאַנק ביים איבערלייענען נאָכאַמאָל דאָס כאַאָטיש אָבער דאָך אין פיל הינזיכטן אינטערעסאַנט ביכעלע פון וו. נאַטאַנסאָן „צו דער רעוויזיע פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן געדאַנק״. עס איז אַ וווּנדער, וואָס מען האָט דעם דאָזיקן ביכעלע געשענקט אַזוי ווייניק אויפמערקזאַמקייט. דאָס דאָזיקע ביכעלע, וואָס קען אַרויסרופן אַנטציקונג אָדער, לכל הפחות, צושטימונג ביי אונזער אָרטאָדאָקסיע און נאָנט־שטייענדע קרייזן צו איר, דאַרף אַרויסרופן אַ ווידערשטאַנד מצד אונזערע ראַדיקאַל־וועלטלעכע קרייזן. צום ווינציקסטן האָט דאָס דאָזיקע ביכעלע פאַרדינט מען זאָל עס איגנאָרירן. ביי זיין גאַנצער כאַאָטישקייט (סיי אין פאָרם, סיי אין געדאַנקען־גאַנג), איז דאָס נישט קיין אויסדרוק פון אַ איינצלנעם קאַבינעט־געדאַנק, נאָר אַן אויסדרוק פון

שטימונגען און פאַקטן, וואָס לאָזן זיך מערקן אַלץ מער און מער ביי אַ סך יחידים און ביי גאַנצע קרייזן און וועלכע מען וואָלט געקאָנט באַצייכענען אַלס גרויסן ריקצוג אונטער יובל־געזאַנגען.

* *
*

וואָס איז קורץ דער אינהאַלט פון וו. נאַטאַנסאָנס בראָשור, נאָכן אַרויסשיילן אים פון די פילמאָליקע מליצהדיק־רייכווערטערדיקע איבערחזורונגען?

קודם כּל שטעלט נאַטאַנסאָן פעסט, אַז דער פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם האָט באַנקראָטירט: די וועלט — ווי עס שטעלט פעסט די מאָדערנע וויסנשאַפט — איז נישט קיין גשמיות נאָר אַ רוחניות. דערמיט איז, לויט נאַטאַנסאָנען, דערוויזן געוואָרן די עקזיסטענץ פון אַ העכערן, איבערוועלטיקן וועזן — אַ גאָט, וואָס איז „דער מקור און ענדציל פון וועלט און מענטש", „דער אָנהאַלט און אינהאַלט פון אַלץ". במילא מוז מען זיך אָפּקערן פון „קאָנסערוואַטיוון ראַדיקאַליזם" (וואָס האָט פאַרבונדן דעם געדאַנק פון געזעלשאַפטלעכן ראַדיקאַליזם מיט דער אידעע פון אַטעאיזם) און זיך ווענדן צו אַ מין „ראַדיקאַלן קאָנסערוואַטיזם" (פאַרבינדן די אַלטע, קאָנסערוואַטיווע אידעע פון גאָט מיטן ראַדיקאַלן געדאַנק).

היות נאַטאַנסאָן זעט איין די געפאַר פון „דער געוועלטיקונג פון מאַטעריע איבער גייסט, פון ציוויליזאַציע איבער קולטור" („און פון גאָטלאָזיקייט איבער גאָטגלויביקייט", גיט ער צו אין איין אָטעם); היות ער זעט איין די געפאַר פון דעם, וואָס דער גרויסער עולם איז גרייט „צו גלויבן אין יעדן פילפאַרשפּרעכנדיקן שקר, אַבי ער זאָל זיין וויסנשאַפטלעך אויסגעפּוצט", — רופט ער צו גאָטגלויביקייט, אַלס אויסגאַנגס־פּונקט פאַר אַ ווידערגעבורט פון דער גאַנצער וועלט בכלל און פון יידישן גאָט בפרט.

וואָס־זשע לייגט נאַטאַנסאָן פאָר קאָנקרעט? מען זאָל זיך אומקערן צו די אַלטע „רעליגיעז־מאָראַלישע יסודות", צוריק צו דער מסורה! מיט אַנדערע ווערטער: צום גלויבן אין גאָט

אין גייסט פון די יידישע נביאים. נאָר די דאָזיקע אַלטע „רעליגיעז=קולטורישע יסודות", באַנייט דורכן נביאישן ראַדיקאַליזם, קאָנען געבן אַ יידישן אינהאַלט אונזער שול און דערציען אַ נייעם דור רעליגיעז=ראַדיקאַלע יידן. מיר מוזן צונעמען ביי דער פאַרשטיינערטער, נישט ראַדיקאַלער אָרטאָדאָקסיע דעם רעליגיעזן אוצר, וואָס זיי קאָנסערווירן, און אים אָנפילן מיט דינאַמישע כּוחות פון ניי=סאָציאַלן אינהאַלט, אָדער ווי נאַטאַנסאָן דריקט עס אויס: „דאָס נייע זאָל דורך דעם אַלטן פאַרטיפט ווערן און דאָס אַלטע זאָל דורך דעם אַלטן דערפרישט ווערן".

אַרויסגייענדיק פון די דאָזיקע סכעמאַטיש=סקיצירטע הנחות רופט נאַטאַנסאָן צו שאַפן אַ „יידיש=נאַציאָנאַלן רעליגיעז=ראַדיקאַלן קולטור=בונד", וואָס דאַרף באַזירן און שאַפן „אַ נייעם איינשטעל אין די שייכותן צווישן יידישן נאַציאָנאַליזם, יידישער רעליגיע און יידישן ראַדיקאַליזם".

אַלזאָ: קודם כּל זיך שטעלן אויפן שטאַנדפונקט, אַז דער מענטש און די וועלט זענען „אויסדרוק אָדער שאַפונג פון אַן איבערוועלטלעכער און איבערנאַטירלעכער קראַפט"; דערנאָך אָנערקענען די זינפולקייט און צוועקמעסיקייט פון די אַלטע רעליגיעזע מנהגים און דעם אַלטן לעבנס=שטייגער, אָבער אין אַ סאָציאַל=מאָדיפיצירטער (נביאישער) פאָרם. „לאָמיר אָנהויבן מיט דעם סדורל און מיט די טיף=האַרציקע און נשמה=דערהויבנדיקע תפילות"; „לאָמיר פון דאָס ניי זיך איילן אָנהויבן צו לערנען און לערנען אויך אונזערע קינדער אויסצוגיסן אונזערע און זייערע הערצער און נשמות אין באַהעפטונג מיט דער העכסטער ־־ראַפט אין דער וועלט". אָבער צום דאָזיקן צוועק קאָן מען אויך ב.וצן מאָדערנע תפילות, רעליגיעזע דיכטונגען, ווי לייוויקס ליד „..ו דיר", צוגעבנדיק נאָך „צו דיר" דאָס וואָרט „גאָט", „צו דיר, גאָט"... דער לעצטער סך=הכּל: אומקערן זיך צום קאָנסערוואַטיוון נאַציאָנאַל=יידישן גאָט=גלויבן, לייטערנדיק אים דורך דער באַהעפטונג מיט אַ ראַדיקאַל=סאָציאַלן אינהאַלט.

* * *

פאַראַן אין נאַטאַנסאָנס בראָשור נישט נאָר אַ סך אינטע=

רעסאָנטע געדאַנקען און פּרטים, נאָר אויך זייער ריכטיקע. למשל, ווען נאַטאַנסאָן רעדט וועגן דער פאַטאַלער ווירקונג פון דער „שער־צווישן דער דערציאונג אין שול און אין דער היים, צווישן דער טעאָרעטישער דערציאונג און דער פּראַקטישער טאָג־טעגלעכקייט: „די רעליגיעזע דערציאונגס־אַנשטאַלטן אונזערע ווירקן זייער אָפט דעמאָראַליזירנדיק אויף דעם כאַראַקטער פון קינד. און דאָס איז דערפאַר, וואָס דער קאָנטראַסט צווישן דער היים־אַטמאָספער און שול־אַטמאָספער ברענגען אַרויף צו דער אויבער־פלאַך פון קינדס באַוווסטזיין די היפּאָקריטסטוואָ פון די, וואָס רינגלען אים אַרום. מען פאָדערט פון קינד צו טון דאָס, אין וואָס די פאָדערער גלויבן אַליין נישט אין די טיפעניש פון זייער האַרץ.

„דאָס זעלביקע איז מיט די קינדער פון די סאָציאַליסטישע שולן. זיי געפינען אין דער היים אָדער גאָר קיין שמץ נישט פון סאָציאַליסטישער אויפפירונג, אָדער בלויז אַ בלייכע אָנצוהערעניש אויף איר. אַזוי איז עס אויך מיט די קינדער פון די אַלערליי נאַציאָנאַלע שולן, וועמענס טאַטע־מאַמע זענען אַליין איינגע־טונקען אין דער אַמעריקאַניזאַציע"; אָדער ווען נאַטאַנ־סאָן רעדט וועגן דעם קוואַל פון סאָציאַלן פּאַטאָס ביי די נביאים און אַ סך ענלעכעס. דאָס זענען אָבער פּרטים וואָס אָדער זיי האָבן בכלל קיין שייכות נישט צום עיקר, צום חוט־השדרה פון זיין בראָשור, אָדער זיי בלייבן אין אים צווייטראַנגיק: פאַר זיך זענען זיי ריכטיק, אָבער באַווייזן די ריכטיקייט פונם עיקר זענען זיי צו שוואַך. איך וועל זיך דאָ דערפאַר נישט פאַרנעמען נישט מיט אויפציילן די ריכטיקע פּרטים און נישט מיט אויפציילן די סתירות און פאַלשע אי־דעען־פאַרבינדונגען (רעדנדיק מיט זשיטלאָווסקיס טערמינאָ־לאָגיע); איך וועל פּרווון קריטיש אָנגרייפן די הויפּט־טעזן פון נאַטאַנסאָנס בראָשור.

* *
*

וואָס שייך דעם פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם (אפילו דעם

היסטאָרישן), שטיי איך אויף דער זעלבער זייט באַריקאַדע, ווי וו. נאַטאַנסאָן. איך וועל גיכער דערלאָזן דעם געדאַנק (בילדלעך־גראָב זיך אויסגעדריקט), אַז די טויטע נאַטור איז אַ מין אָפּפאַל פון דער לעבעדיקער (ווי נעגל זענען טויט־געוואָרענע לעבעדיקע קעמערלעך, ווי טיש־האָלץ איז טויט־געוואָרענע לעבעדיקע צעלן־סובסטאַנץ), איידער גלויבן, אַז די טויטע נאַטור האָט געבוירן לעבן. די וועלט איז זיכער אַ סך קאָמפּליצירטער, ווי דאָס האָט זיך געחלומט אפילו גייסטרייכערע מאַטעריאַליסטן, ווי ביכנער און מאָלעשאָט. אָבער פאַרוואָס איז דער דאָזיקער גלויבן אין פילאָזאָפישן אידעאַליזם (לאָמיר זיך באַנוצן מיטן דאָזיקן אומגעלונגענעם אויסדרוק צוליב זיין אַנטיפּאָדישקייט צום אויסדרוק — „פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם") פירן צום גלויבן אין אַ איבערנאַטירלעכן און איבערוועלטלעכן גאָט? הייסט דאָס דען נישט פאַראיינפאַכן די וועלט פון אַ פאַרקערטן שטאַנדפּונקט, ווי די מאַטעריאַליסטן טוען עס? מיר דאַרפן זיך נישט האַלטן ביים ביליקן, פאַר אונזער היינטיקן געפיל קאַריקאַטוראַל־זעלבסטצופרידענעם מאַטעריאַליזם, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז מיר מוזן זיך אומקערן צוליב דעם צו די אַלטע פאָרמען פון רעליגיעזיטעט. דאָס וואָלט געהייסן קאַפּיטולירן פאַר דער פאַרגאַנגענהייט און מודה זיין זיך, אַז מיר זענען אומשעפעריש, אַז מיר קענען נישט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין דעם מענטלעך־טראַגישן און באַשיידן־שטאָלצן „מיר ווייסן נישט!", וועלכן מיר ווילן נישט פאַרבייטן דורך קינדיש־רעליגיעזע און קינדיש־וויסנשאַפטלעכע „אַבסאָלוטע אמתן". מיר דאַרפן נישט ווערן פאַרשקלאַפט ביי אונזער טעאָרעטיזירנדיקן פאַרשטאַנד, אָבער אויך נישט ביי אונזערע אַטאַוויסטישע אינטואיציע־אָנשויאונגען.

נאַטאַנסאָן וויל — יעדנפאַלס פּרעדיקט ער עס אומבאַוווסטזיניק — צו דערטרינקען אונזער פאַרשטאַנד אין די אויסדאַמפונגען פון אונזערע קינדהייט־שטימונגען, ווען די פראַגע: „ווער האָט געשאַפן דעם בוים"? מוז פירן צום ענטפער: „גאָט". אָבער אויב מיר דאַרפן היטן דעם פאַרשטאַנד, ווי אַ גנב, ער זאָל נישט פאַרטרייבן פון אונז די כּוחות פון געמיט און געפיל, טאָרן מיר

אויך נישט דערלאָזן צום קאַפּויערדיקן פּראָצעס. דווקא דערפאַר, ווייל די מענטשלעכע שוואַכקייט, די מענטשלעכע פאַרלוירנקייט פּנים אל פּנים מיטן קאָסמאָס, די ירושה פון יאַרטויזנטער אין אונזער בלוט און דער מעכטיקער פאַקטאָר פון די קינדהייט־דערינערונגען שטויסן אַלע צום גלויבן אין אַ איבערנאַטירלעכן, איבערוועלטלעכן גאָט, — דווקא דערפאַר טאָרן מיר זיך נישט אונטערגעבן. בלויז דאָס גלייכגעוויכט צווישן דיביידע כחות — פון אינטואיציע און פאַרשטאַנד — לאָזט דעם מענטשן שטייגן אויפן שמאָל־שמאָלן שטעג, וואָס פירט אַרויף, צו גייסטיקער קולטור, צו מענטשלעכקייט. און זאָל מיר אויך זיין דערלויבט צו באַנוצן זיך מיט אַ פּסוק (וו. נאַטאַנסאָן באַנוצט זיך מיט זיי אַזוי ברייט): „כבדהו וחשדהו“ איז ווי אָנגעמאָסטן אויף אונזער ענין. מען דאַרף האָבן גרויס דרך־ארץ פאַרן מענטשלעכן שכל און פאַר אונזער אינטואיציע, אָבער זיי מוזן ביידע אונטערגע־וואָרפן ווערן אַ קעגנזייטיקער קאָנטראָל: דער שכל מוז קאָנ־טראָלירט און רעגולירט ווערן דורך דער אינטואיציע און די לעצטע דורכן שכל.

* *
*

וו. נאַטאַנסאָן מאַכט דעם זעלבן לאָגישן פעלער ווי אַלע גלויביקע (דאָס גלויבן באַפרייט זיי פון לאָגיק, אָבער קיין אַנדערע קענען זיי נישט איבערצייגן): דעם פּריוווּליקן אַקט פון זיין גלויבן דערקלערט ער אַלס אַ באַוויזענעם פאַקט, און דערנאָך מאַכט ער שוין פון אים אַלערליי לאָגישע אויספירן. אויפן דאָזיקן פּראָצעס שטויסט מען זיך אָן אין נאַטאַנסאָנס בראָשור אויף טריט און שריט. אָט זאָגט ער: „גאָט, אַלזאָ, איז נישט, ווי דער ראַדיקאַליזם האָט ביז איצט אָנגענומען, אַ פּועל־יוצא פון דער בענקשאַפט פון דער מענטשלעכער נשמה — נאָך העכערס, שענערס, נאָך איבערערדישעס און איבערנאַטורי־שעס, נאָר פאַרקערט, ער איז די סיבה פון דעם אַלץ. ווען ער זאָל נישט זיין, וואָלט די בענקשאַפט נישט געווען. דער ראַדיקאַליזם מוז זיך אייניקן מיט דעם געדאַנק און אָנהויבן

צולאָזן צו זיך דעם געפיל, אַז גאָטס פאַראַנקייט איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר לעכצענישן און בענקענישן נאָך איבערס און העכערס, נאָך שענערס און טיפערס".

מיינט נישט, אַז דער דאָזיקער זיכעכער אָנהויב („גאָט, אַלזאָ, איז נישט"...) איז אַ רעזולטאַט פון אייזערנע באַווייזן (ווי קענען גאָר זיין באַווייזן אין דאָזיקן געביט?): דאָס זענען ווערטערדיקע פאַרזיכערונגען אויפן סמך פון פריערדיקע ווערטערדיקע באַווייזן (אונטערגעשטיצט דורך פסוקים).

אין אַ וווּנדערשייגעם אַרטיקל „גאָט און דער סאָציאַליזם" (אויב וו. נאַטאַנסאָן קען אים נישט, וואָלט איך אים געראַטן עס דורכצושטודירן) זאָגט גוסטאַוו לאַנדויער: „נישט קיין פאָרלויפער, נאָר פאַרשפּעטיקטע עפּיגאָנען זענען די-יעניקע, וועלכע לייגן אונז דאָ און דאָרט פאָר זיכערע, פאַרטיקע און אויסגעפּרובירטע וועלטאָנשויאונגען און רעליגיעס, כּדי צו באַפרײדיקן דעם דראַנג צום פּאָזיטיוון. אַלע קענען זיי באַנוצן, אַלע, וועלכע זענען פול מיט בענקשאַפט, אַלע,—נאָר מיר, סאָציאַליסטן, נישט: ווייל מיר האָבן מער קיין חשק נישט צום פּאָזיטיוון אין ווערטער, זאָל דאָס זיין אפילו די באַגליקנדסטע, פון דער געשיכטע געלייטערטע כימערע (Wahn), אונז טרייבט עס צום פּאָזיטיוון דורך אונזער טאַט, דורך אונזער לעבן".

די דאָזיקע שטעלע (ווי אַ סך אַנדערע פון דאָזיקן טיפן אַרטיקל) קלינגט ווי אַן ענטפער אויף נאַטאַנסאָנס גאַנצער בראָשור. פונוואַנעט ווייס נאַטאַנסאָן אַזוי גענוי, אַז נישט אונזער בענקשאַפט האָט געשאַפן גאָט, נאָר – פאַרקערט? אויף וויפל מענטשן ווייסן עפּעס אויף זיכער איז דאָך גראָד דאָס, אַז די דאָזיקע זאַכן קאָנען מיר נישט וויסן. נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט צו באַווייזן די ריכטיקייט פון אונזערע יאָרטויזנט-אַלטע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען. גיכער – פאַרקערט.

נאַטאַנסאָן אָפּערירט אָבער נישט אַזוי מיט באַגריפן, ווי מיט הוילע ווערטער. און עס דערגייט דערצו, אַז ער שאַפט אָפּ מיט איין ווערטערדיקן פעדערשטריך אונזער טראַגישן נישט וויסן די לעצטע ענטפערס אויף די לעצטע פראַגעס. „דער

מענטש – זאָגט נאַטאַנסאָן – איז געגאַנגען אַזוי ווייט אין זיין גייסטיקער געפאַלנקייט און קולטורישער אָפּגעשטאַנענקייט, אַז ער האָט זיך שוין אפילו אָנגעהויבן צופרידנצושטעלן מיט דער אויבנאויפיק אויסזעענדיקער אומדערקלערבאַרקייט און אומ-אַנטפּלעקבאַרקייט פון דער וועלטס מהות". נאַטאַנסאָן שטרייכט דאָ אונטער דאָס וואָרט "צופרידנצושטעלן", בעת איך וויל אונטערשטרייכן די ווערטער "אויבנאויפיק אויסזעענדיקער אומדערקלערבאַרקייט און אומאַנטפּלעקבאַרקייט פון דער וועלטס מהות". ווען מען הויבט זיך אָן "צופרידנצושטעלן" מיטן נישט וויסן די לעצטע סודות איז נישט אַזאַ גוטער סימן פאַרן ערנסט צום לעבן פון באַ-טרעפנדן מענטשן אָדער פון דער באַטרעפנדער געזעלשאַפט, אָבער רעדן מיט אַזאַ זעלבסטצופרידנקייט וועגן דער אויבנאויפיקער אומדערקלערבאַרקייט פון וועלטס מהות, איז נאָך אַ ערגערער סימן: דאָס איז אַ גרויסער ריקצוג אונטער יובל-געשרייען פון זיג.

* *
*

"רעליגיעזיטעט (און ביי נאַטאַנסאָנען איז רעליגיעזיטעט אידענטיש מיטן גלויבן אין אַ איבערנאַטירלעכן גאָט. – י. ר.) און רעליגיעזער לעבנסשטייגער דאַרפן זיך האָבן איינער די אַנ-דערע, ווי עס דאַרפן זיך איינע די אַנדערע נשמה און גוף אין דעם לעבעדיקן מענטשלעכן וועזן". אמת, נאַטאַנסאָן פּריידיקט אַ מין רעפאָרמירטע רעליגיע מיט אַ רעפאָרמירטן "צוריק צום סדור" (הגם איך פאַרשטיי נישט: אויב גאָט-גלויבן לויט דער מסורה, פאַרוואָס נישט מיט אַלע מסורה-פּיטשעווקעס ?), אין וועלכן ער וויל אַריינגעבן וואָס מער "פּאָעזיע, עסטעטיק און קינסטלערישקייט", אָבער דאָס דאַרף זיין אַ מין ראַדיקאַלע באַ-פּוצונג פונם קאָנסערוואַטיזם. און היות נאַטאַנסאָן פילט, אַז דאָס איז שווער, האָט ער אַן אויסגעפּרוווטע סגולה צו דעם:

"אַ גוטע סגולה אויף צו לייכטערן די לכתחילהדיקע שווע-ריקייטן און דער באַנייאונג פון די אַלטע לעבנסשטייגערס, איז זיך צו דערמאָנען ווי שווער עס איז אונז אָנגעקומען די אפּיקורסות

אין די ערשטע צייטן: ווי מיר האָבן זיך, למשל, געוואָרגן מיטן ערשטן ביסן אין יום־כּפּור און זיך געשטיקט מיטן ערשטן שבת קודשדיקן סיגאַרעטל. הגם מיר האָבן מיט אונזער געדאַנק באַ־טראַכט פאַר גרויסער מצווה און פאַר גרויסן אויפטו סיי דאָס עסן, ווען יידן פאַסטן, סיי דאָס רויכערן, ווען יידן רויכערן נישט,
דאָס היטן און נישט נאָר דאָס געדענקען די הייליקע טעג, דאָס אָנשטרענגען זיך אויף אַריינצוברענגען וואָס מער כּוונה אין די אַריבערגענומענע און אין די נייע געשאַפענע פאָרמען און שטייגערס פון פייערן יעדן יום־טוב כּהלכתו, וועט פירן צו אַ פאַרטיפונג און פאַרפיינערונג פון די שייכותן צווישן מענטש און גאָט און דורך דעם אויך מענטש און מענטש".

אַ פאַרגלייך אַביסל! דאָן האָט דער שׂכל, די לאָגיק, די אינטעלעקטועלע איבערצייגונג געהאַט צו קעמפן מיט איינגע־וואָרצלטע געפילן און קינדהייט־דערינערונגען, מיט אַן אַטמאָס־פער, אין וועלכער מען האָט געלעבט, ווי אַ פיש אין וואַסער, און פונקט ווי אַ פישינער קערפּער איז צוגעפּאַסט צו זיין לעבנס־סטיכיע, אַזוי איז אונזער פּסיכיק געווען צוגעפּאַסט צום רעליגיעזן לעבנס־שטייגער. ווי שווער עס איז דעריבער געווען צו שאַפן אַ גלייכגעוויכט צווישן אונזער אינטעלעקט און אינערלעכער אַט־מאָספער! אָבער דער קאַמף איז דאָך געווען אין הסכּם מיט אונ־זער איבערצייגונג, ד. ה. — אַ ערלעכער. איצט דאַרפן מיר אָבער פירן אַ קאַמף צוליב אַ טויטן פּרינציפּ, קעגן אונזער אינטעלעקט.

געוויס, ווען מיר וועלן זיך צווינגען (ווי דאָס ערשטע מאָל חזיר־עסן) צו דאַוונען, וועט אויפשטייגן אין אונז דאָס געפיל, די שטימונג פון דער קינדהייט (פאָרם אַנטהאַלט דאָך אינהאַלט), און מיר וועלן באַרוישט ווערן פון דער גליקזעליקייט, מיט וועל־כער די דאָזיקע פּראָצעדור איז פאַרבונדן געווען אַמאָל, באַזונ־דערס אין דער קינדהייט. אָבער דער דאָזיקער צושטאַנד וועט דויערן גאַנץ קורץ. שוין צום סוף ערשטן מאָל דאַוונען וועט עס אונז ווערן לעסטיק, און אויב מיר וועלן זיך ווייטער צווינגען דערצו, וועט עס זיין צביעות: מיר קאָנען דאָך בשום אופן נישט גלויבן, אַז דאָס איז נויטיק. דאָס קאָן בלויז זיין אַ מין קאַפּיטו־

ליאַציע. דאָס געפיל איז קאָנסערוואַטיווער פאַרן געדאַנק; דאָס געפיל קאָן הנאה האָבן, באַרוישן זיך, לעבן מיטן אַלטן, וואָס האָט אַמאָל געהאַט געוואַלט איבער אים, אָבער דער געדאַנק אונזערער קאָן דאָך נישט שלום מאַכן דערמיט, אַז די רעליגיעזיטעט דאַרף האָבן די פאַרמען, וואָס זענען אַמאָל פאַרבונדן געוואָרן מיטן געפיל.

געוויס, די אַטמאָספער פון אַמאָליקן גלויבן; די אַטמאָספער פון רעליגיעזן ריטואַל, באַזונדערס די פאַרבונדענע מיטן שבת און די יום=טובים האָט פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל באַגייסטערנדיקס און באַפרייענדיקס, אַז עס פעלט אונז גאַנץ אָפט און נאָך מער פעלט עס אונזערע קינדער (זיי ווייסן נישט, וואָס עס פעלט זיי, אָבער מיר ווייסן, סאַראַ סך עס איז צוגערויבט געוואָרן ביי זיי *), אָבער צוליב דעם מאַכן אַ גרויסן ריקצוג אונטער יובל=געשרייען? עס ליגט אויף אונז אַ שווערע לאַסט, מיר מוזן דורכמאַכן אַ פערציק=יאָריקע וואַנדערונג אין מדבר, ווי מען מוז דאָס תמיד צו אַ צוגעזאָגטן לאַנד. און צי דען מיינט נאַטאַנסאָן, אַז ביים באַרג סיני, ביים נעשה ונשמע, האָבן די יידן ווייניק פאַרלוירן? עס איז זיי אַ שאָד געווען נישט נאָר דער פלייש=טאָפּ, נאָר אויך — די אַלטע געטער און די מצרישע מנהגים. עס איז שווער, און אַ סך וואַרפן זיך טאַקע (אָדער ריכטיקער: גליטשן זיך אַראָפּ) אין די אָרימס פון אַטאַוויסטישע געפילן און איבערלעבונגען, אָבער גראָד אין נאָמען פון אַ נישט=קאָנסערוואַטיוון

---

*) אָבער מיר ווייסן און דאַרפן אויך געדענקען פון וואָס זיי זענען באַפרייט געוואָרן. לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען אונזערע איבערלעבונגען ערב די ימים=נוראים, אין די עשרת ימי תשובה; עס פלעגט דאָך פאַרסאַמען אונזער גאַנצן זומער, אונזער גאַנצע קינדערשע וועלט. מיר פלעגן דאָך אויסמיידן דעם קלאַנג פון מוזיק (אַן עבירה!), דעם פריי'דיקן געלעכטער, יעדע שטיפעריי, כדי נישט קאַליע מאַכן דעם קוויטל. ערשט נאָכן ארויסקריגן דעם קוויטל פלעגט מען זיך אַביסל באַרואיקן. אַ סך פרייד און שיינקייט איז געווען פאַרבונדן מיט די יידישע יום-טובים, אָבער אויך אַ סך גייסטיק=פאַרשקלאַפנדיקע דערדריקטקייט.

ראַדיקאַליזם פֿאָדערן דעמדאָזיקן ריקצוג, באַזינגענדיק אים ווי דעם גרעסטן זיג?!

איך מוז נאָכאַמאָל דערמאָנען נאַטאַנסאָנען און לאַנדויערס אויבנדערמאָנטן אַרטיקל. אויך לאַנדויער איז קעגן מאַטעריאַליזם, קעגן ציוויליזאַציע און פֿאַר קולטור; אויך קעגן טראַדיציע־לאָזיקייט, — אָבער ער מאַכט נישט קיין ריקצוג, נאָר גייט מוטיק, טראַגיש־מוטיק און טראַגיש־פֿריידיק, ווייטער.

* * *

נאַטאַנסאָנס קלאָגן זיך אויפֿן פֿעלן פֿון יידישן אינהאַלט אין די שולן איז טיילווייז ריכטיק (הגם טיילווייז איז עס אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך), ריכטיק איז אויך זיין רוף צו קולטור־קאָנטינואיטעט, אָבער אונזער אָנקניפּונג אין די נביאים און אין אַלע אַלטע יידישע קולטור־אוצרות מוז זיין אַ וועלטלעכע, ווייל אַנדערש איז עס נישט קיין קאָנטינואיטעט, נאָר ריקצוג. מיר דאַרפֿן קאָנטינואירן די אַלטע קולטור אונזערע, ווי דער עפּל קאָנטינואירט דעם זאַפֿט פֿונם בוים, און ווי דער בוים דעם זאַפֿט פֿון דער ערד. און אויב נאַטאַנסאָן זאָגט אַליין אויף אַ געוויסער שטעלע: „די קולטור, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן, מיינט צו אונז, ראַדיקאַלן, נישט דאָס זעלביקע, וואָס זי מיינט צום נישט־ראַדיקאַלן טייל פֿון יידישן פֿאָלק, פֿאַר אונז, למשל, זענען פֿון דער גרעסטער וויכטיקייט די נביאים מיט זייער פֿאָדערונג פֿאַר גערעכטיקייט און נישט די כהנים מיט זייער הנאה האָבן פֿון בראַנדאָפּפֿער, שפּייז-אָפּפֿער און פֿרידאָפּפֿער", פֿאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי ער קאָן רופֿן צוריק צו די אַלטע רעליגיעזע „לעבנס־שטייגערס". (אגב, אַזעלכע סתירות זענען אין דער בראָשור נישט קיין זעלטנהייט. זיי קענען אָבער נישט פֿאַרזיסן דעם ביטערן פּיל, וועלכן דער מחבר רופֿט אונז אַראָפּצושלינגען).

„זי (רעליגיע—י. ר.) — זאָגט נאַטאַנסאָן — מוז פֿון דאָס ניי ווערן אַ קראַפֿט, וואָס זאָל שטויסן די מענטשהייט פֿאָראויס אויפֿן וועג פֿון פֿאַרטיפֿונג און דערהויבונג פֿון גייסט און פֿון דער

איבערוועלטיקונג פון גייסט איבער מאַטעריע, פון נשמה איבער גוף און פון קולטור איבער ציוויליזאַציע. כּדי רעליגיע זאָל דאָס ווערן, מוז זי זיך באַפרייען פון אירע — וואָס העפדינג רופט אָן — טויטע ווערטן. דאָס איז אַ באַפרייאונג פון אַלץ, וואָס האָט מיטן אָנקום פון נייע צייטן, נייע אומשטענדן און אַ נייער פאַרגינפּטיקייט פאַרלוירן זיך און האַלט זיך אויף בלויז דורך פּסיכישער אינערציע. נישט קאָנענדיק מער אַריינברענגען די נשמה אין התפּעלות און התלהבות, און פירנדיק מיט דער כּונה אַלץ מער אַ געזעץ־בונד אָנשטאָט אַ ליבעס־בונד, ווערט אַלץ דאָס וואָס האָט געהאַט א זין און ווערט אין געוויסע צייטן און אונטער געוויסע אומשטענדן אַ שטער פאַר דער פאַרטיפונג און אַנטוויקלונג פון דעם, וואָס האָט אַ ווערט פון אייביק ביז אייביק".

אָבער דאָס איז דאָך ווי אָנגעמאָסטן פאַרן איבערנאַטירלעכן גאָט, וואָס איז דאָך געוואָרן אַ „טויטער ווערט" און אַ — טויט וואָרט.

אויב נאַטאַנסאָן מאַכט גערעכטע פאָרווורפן דער „בלינדער התפּעלות פאַר דער וויסנשאַפט", וואָס פירט דערצו, אַז דער גרויסער עולם איז גרייט צו גלויבן אין יעדן „פילפאַרשפּרעכנדיקן שקר, אַבי ער זאָל זיין וו'סנשאַפטלעך אויסגעפּוצט", — דאַרף ער אָבער אויך נישט פאַרגעסן אין דער נאָך גרעסערער (ווייל מער־פאַרשפּרייטער) מכּה פון דער גרייטקייט צו גלויבן אין יעדן פילפאַרשפּרעכנדיקן שקר, אַבי ער איז נאָר רעליגיעז אויסגעדריקט, געשטעמפּלט מיטן נאָמען — גאָט.

„אויך די בעסטע אַנטדעקונגען פון דער דערקענטעניש־קריטיק — זאָגט לודוויק מאַרקוזע אין זיין אויבנציטירטער לאַיאָלאַ־מאָנאָגראַפיע, — פון דער פּסיכאָאַנאַליזע און פון דער סאָציאָלאָגיע זענען פּראָבלעמאַטיש און פול מיט מיטאָלאָגישע גרייזן. אָבער צי דען דאַרף מען זיך צוריק אָנכאַפּן אין דער השגחה, אינם טייוול, אין אַ אומבאַקאַנטן מיטן נאָמען גאָט, ווייל אויך אין אונזערע מאָדערנסטע און עקזאַקטסטע דעפיניציעס וויגען נאָך אַ סך געשפּענסטער?"

קיין בעסערן ענטפער אויף נאַטאַנסאָנס גערעכטע טענות צו דער וויסנשאַפט־רעליגיע דאַרף מען נישט האָבן.

ער אָנערקענט זיינע גערעכטע טענות, אָבער וואַרפט גלייכ־צייטיק אָפ זיינע אומגערעכטע פאָדערונגען אין נאָמען פון די גערעכטע טענות.

וואַלטער ראַטענאַו

(שטריכן צו זיין כאַראַקטעריסטיק)

ווען מען רופט אָן די נעמען פון די ווירקנדיקע פּערזענ־לעכקייטן אויף פאַרשידענע געביטן, פאַרנעמען זיי גלייך דעם פּאַר זיי צוגעגרייטן אָרט אין אונזער באַוווסטזיין. ווען מ׳רופט אָבער אָן דעם נאָמען פון וואַלטער ראַטענאַו פילט מען אַ געוויסע אומזיכערקייט. זיין נאָמען פלאַטערט אַרום אין אונזער באַוווסט־זיין און געפינט נישט זיין פּלאַץ.

אונטער וועלכער רובריק אים אַרונטערפירן? אונטער דער סוחריש־איניציאַטאָרישער? צווישן מלוכה־מענער? אונטער די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער מאָדערנער אינטואיטיוו־ספּי־ריטואַליסטישער פילאָזאָפיע? אָדער קומט אים אַ בכבודיקער אָרט צווישן סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרס?

מ׳לויפט דורך פיבערהאַפט דעם גאַנצן עטיקעטן־אַרסענאַל פון אונזער באַוווסטזיין און ס׳פּאַסט זיך עפּעס קיין איינציקער נישט פּאַר אים. און דאָס אומזיכערע בנוגע זיין קלאַסיפיקאַציע ווערט שטאַרקער דורכדעם, וואָס ס׳פילט זיך בולט, אַז אויך צווישן די פּילזייטיקע גרעניאַלע פּערזענלעכקייטן קען מען אים קיין פּלאַץ נישט געבן מיט אַ ריינעם געוויסן, ווייל זיין פילזייטיקע טעטי־קייט איז נישט קיין אויסדרוק פון זיינע פאַרשידענע אָפּגעזונ־דערטע פעאיקייטן, נאָר אַלע זענען זיי אָן אויסדרוק פון עפּעס, וואָס קאָן זיך נישט ד ע ק ן נישט מיטן נאָמען פון זיין יעדער טעטי־קייט באַזונדער, און נישט מיטן פּשוטן סך־הכל פון אַלע צוזאַמען.

און שטענדיק ווען כ׳טרעף זיך אָן מיטן נאָמען פון וואַל־טער ראַטענאַו, רופט ער אַרויס אַ געוויסע גייסטיקע אָנשטרענגונג,

וועלכע איז אייגנטימלעך דעם מענטשלעכן באוווסטזיין בנוגע זאכן, וועלכע ער האָט נאָך נישט באַצוווּנגען און נישט אַרויפגעקלעפּט אויף זיי קיין באַרואיקנדיקן און בלינד־מאַכנדיקן עטיקעט.

* * *

וואָס איז ער אין זיין טיפסטן וועזן, דער דאָזיקער בלתי ספק געניאַלער, ספּיריטואַליסטיש־צעשוווּמענער און דאָך רעאַל־האַנדלענדיקער מענטש ?

דער דאָזיקער ענערגישער טוער איז געווען אַ ט י ף־טראַגישע פּערזענלעכקייט, אַ גייסטיק־צעריסענער. צוויי פייַנטלעכע עלעמענטן אין זייער עקסטרעמסטער פאָרם האָבן געקעמפט אין זיין וועזן.

פון איין זייט איז ביי אים שטאַרק דאָס ריין־קריסטלעכע: דער אַבסאָלוטער אָפּקער פון דער עמפּירישער וועלט און לעבנס־איינאָרדנונג אין נאָמען פון דאָס, וואָס א י ז נ י ש ט פ ו ן ד ע ר ו ע ל ט. זיין גייסטיקער בליק רייסט אַדורך די שווערסטע פאָר־האַנגען פון דאָס רעאַל־ווירקלעכע און דערגרייכט אין שטילן עקסטאַז צו איר מעטאַפיזישן קערן. אונטער זיין, אין זיך איינ־געקערטן, בליק, צעפליסט די גאַנצע ווירקלעכקייט צו אַ וויזיע.

פון דער צווייטער זייט האָט ער אַזאַ שטאַרקן, ממש פרי־מיטיוו־ערדישן געפיל פאַר דאָס רעאַל־פאַראַנענע, עמפּיריש־זעבאַרע, אַז אין זייער נאָמען פאַרגעסט ער אָפט דאָס אַבסאָלוט־גייסטיקע, צו וועמען ער דינט.

די דאָזיקע צוויי גרונט־געפילן פון זיין וועזן מאַכן אונג פאַרשטענדלעך זיין ראָל אין די ערשטע מלחמה־יאָרן. דער פרע־דיקער פון רייגעם קריסטנטום, דער באַגייסטערטער אָנהענגער פון יעזוס קריסטוס, וואָס האָט געפונען נייע אויסדרוק־פאָרמען פאַר זיין געפיל, וועלכע האָבן באַפרידיקט די שטרענגסטע נעאָ־קריסטלעכע קרייזן, דער דאָזיקער אָנהענגער פון אומבאַגרענעצ־טער ליבע און פון ד ע ר מ ל ו כ ה וואָס נ י ש ט פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט, האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצער ענערגיע אין

דער אַרבעט פֿאַר מעגלעך מאַכן אַ וואָס לענגערע מלחמה דורך זיין אייזערנער דיקטאַטור איבער די רוי־שטאָפֿן.

דער דאָזיקער פּרעדיקער פֿון נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד דעם שלעכטס האָט אויפֿגעוויזן לודענדאָרפֿן די אומנוציקייט פֿון פֿירן ווייטער די מלחמה, ווייל זי וועט צו קיין נצחון נישט ברענגען — דער סאַמע קאַלטבלוטיק־אומעטישער מאָטיוו קעגן דער מלחמה.

די דאָזיקע צעריסנקייט זיינע האָט ער אויף אַ וווּנדערלעכן אופֿן באַצייכנט אַלס צוויי מענטשן־טיפּן אין זיין בוך „צו דער קריטיק פֿון אונזער צייט". פֿון איין זייט שילדערט ער אַ מענטשן פֿון אַבסאָלוטע ווערטן און פֿון צווייטן — אַ מענטשן פֿון אַמבאָענטסן־ליגנדיקע צוועקן. ווען מ׳לייענט די דאָזיקע אומפּאַרגלייכלעך־טיפֿע שילדערונג פֿון די דאָזיקע מענטשן־פּאָליוסן, פֿילט איר, אַז נאָר דעם אייגענעם צעריסענעם איך קאָן מען אַזוי אָבּיעקטיוויזירן. ער האָט פּראָאיצירט אויף אויסן דאָס, וואָס יאַקאָב וואַסערמאַן און מאַרטין בובער האָבן געשילדערט אַלס אינערלעכן צושטאַנד פֿון מענטשן בכלל און פֿון מעדאָרנעם יידן בפּרט.

אויף דער דאָזיקער צעריסנקייט ראַטענאַוס ווייזט אָן אין אַ פּאָלעמישער באַמערקונג גוסטאַוו לאַנדויער: „ווייל ער ווייס (וואַלטער ראַטענאַו) וועגן טיפֿע זאַכן, ווייס פֿון מיסטיק, ווייס פֿון העלדישקייט, פֿון פֿאַרוואַנדלונג און אָנהויבן פֿון ס׳ניי, און נישט נאָר עפּעס וואָס אין אים ווייס דערפֿון, נאָר וואָלט עס אויך געקענט זיין, ווען עפּעס אַנדערש אין אים וואָלט געקאָנט מסכּים זיין דערצו".

און וואָס דאָס דאָזיקע אַנדערע, וואָס קאָן דערצו נישט מסכּים זיין, איז, גיט אָנצוהערן גוסטאַוו לאַנדויער אַביסל פֿריער אין דער זעלבער פּאָלעמישער נאָטיץ.

וואַלטער ראַטענאַו — זאָגט ער — פֿילט, אַז ער קאָן נאָר פֿאָדערן און אַ עצה געבן צו טאָן דאָס, וואָס ער אַליין וואָלט געקענט דערפֿירן צו פֿאַרווירקלעכונג, ווען קייזער ווילהעלם *II* וואָלט אים אָט מאָרגן באַשטימט אַלס מלוכה־קאַנצלער.

* * *

די דאָזיקע עקסטרעמע אייגנשאַפטן פון וואַלטער ראַטענאו צייכענען אָן אַ לייכטן קאָנטור פון זיין וועזן. ער איז געווען אויפן וועג פון שאַפן אַ האַרמאָנישע פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל פאַרווירקלעכן זיין אייגענעם שיינעם און טיפן וואָרט: „דער ערשטער תּנאַי דאַרף זיין: „דאָס אויג זאָל קיינמאָל נישט פאַרלירן די שטערנס און די פוס זאָל קיינמאָל נישט פאַרלאָזן די ערד".

די אַקטיוויסטישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער מלחמה און איז דורך איר אין אַ באַדייטנדיקער מאָס פאַרשטאַרקט געוואָרן, קאָן אויסגעדריקט ווערן אין פאָלגנדיקע זאַצן: דאָס גייסטיקע דאַרף ווערן פּאָליטיזירט ד. ה. געזעלשאַפטלעך-ווירקנדיק, און די פּאָליטיק דאַרף ווערן פאַרגייסטיקט. די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס איז אַן אויסדרוק פון דערוואַכטן געזעלשאַפטלעכן געוויסן ביי די אינטעלעקטועלע, וויל מאַכן אַ סוף צו דער צעריסנקייט פון דענקען און לעבן. די, וואָס פירן אַרויף דאָס לעבן אויף אַ העכערע מדרגה אין געדאַנק און שריפט, דאַרפן עס אויך פאַרקערפּערן אין דער רעאַלער ווירקלעכקייט. דער שאַפנדיקער דאַרף זיין אַ געזעלשאַפטלעך-האַנדלענדיקער. און ראַטענאַו איז געווען דער ערשטער, וואָס איז אַרויפגעטראָטן, אין הסכּם מיט זיינע פעאיקייטן, אויפן דאָזיקן געביט. ער איז געווען אין היינטיקן דייטשלאַנד די איינציקע פּערזאָן, ביי וועלכער דער אַקטיוויסטישער געדאַנק (הגם ער איז פּראָגראַמאַטיש נישט געשטאַנען נאָנט צו אים), האָט געמאַכט די ערשטע טריט צו זיין פאַרווירקלעכונג. צו שוואַך זענען געווען די ערשטע טריט, צו אָפּגעריסן פון די שטערן און צופיל איינגעוואָרצלט אין מאָמענט, אָבער דאָך אינגאַנצן נישט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט זיי און זייער שוואַכער שיין איז געווען צעגאָסן איבער זיין טעטיקייט און אַריינגעבראַכט אַ טאָן, וואָס איז פרעמד געווען דעם פּאָליטישן לעבן פון ביז איצט.

אויפן וועג פון דאָזיקן סינטעז צווישן ביידע עקסטרעמען,

אויף וועלכן ס׳גערינט זיך די רעטונג פון דער מענטשהייט, איז אויך געלעגן די גאולה פון וואַלטער ראַטענאו דעם מענטש, אַלס פאַרווירקלעכער פון גייסט אין גייסטלאָזן פּאָליטישן יאַריד.

1922

מ. א. גערשענזאָנס ייִדישער חשבון הנפש

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אין מאָסקווע געשטאָרבן דער באַוווסטער ייִדיש־רוסישער ליטעראַטור־און קולטור־היסטאָרי־קער מ. אָ. גערשענזאָן. אַ פּילזייטיק־און טיף־געבילדעטער אייראָ־פּעער, אַ מענטש, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט דער רוסישער קולטור, האָט ער פאַרנומען איינס פון די חשובסטע ערטער אין דער רוסישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט.

פאַר די לעצטע פאַר יאָר איז גערשענזאָן באַקאַנט געוואָרן דער ברייטער עפנטלעכקייט דורך צוויי אינטערעסאַנטע ביכלעך, אין וועלכע ס'שפּיגלט זיך אָפּ שוין נישט גערשענזאָן דער שטרענ־גער היסטאָריקער, דער טיפער קולטור־פילאָזאָף, דער פיינער פּאָעזיע־קריטיקער, — נאָר גערשענזאָן — די רעוואָלטירנדיקע פּערזענלעכקייט.

אין די צוויי ביכלעך מאַכט ער אַ חשבון־הנפש אַלס מענטש און אַלס ייִד. די דאָזיקע צוויי ביכלעך זענען פאַר אונז וויכטיק נישט מיט זייער אָביעקטיוון ווערט, נאָר מיט זייער סוביעקטיוון טראַגיזם.

די צוויי ביכלעך הייסן: 1) „דער בריוו־וועקסל פון צוויי ווינקלען" און 2) „דער גורל פון ייִדישן פאָלק". זיי זענען ווי דער־גאַנצונגען איינס צום צווייטן. דאָס, וואָס גערשענזאָן דער מענטש רעדט אַרויס אונטערן דראַנג פון אַ טונקעלן אינסטינקט אין ערשטן ביכל, זאָגט עס גערשענזאָן דער ייִד אַרויס אין צווייטן מיטן פולן מויל, אַלס זיין אַני־מאמין.

אין זומער 1920 האָבן די צוויי לאַנגיעריקע נאָנטע פריינט, גערשענזאָן און דער גרויסער רוסישער דיכטער־פילאָזאָף וו. אי־וואַנאָוו, געוווינט צוזאַמען אין אַ צימער פון דער מאָסקווער

געזונט-היים פאַר „ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער".
איוואַנאָוו האָט איינמאָל, אוועקגייענדיק, איבערגעלאָזן פאַרן אָפּ-
וועזנדיקן גערשענזאָן אַ בריוו. דער לעצטער האָט אָפּגעענטפערט
אין איוואַנאָווס אָפּוועזנהייט. אַזוי אַרום האָט זיך איינגעשטעלט
דער בריוו-וועקסל פון איין ווינקל אין צווייטן אויף בעת ביי-
דע זענען געווען אין צימער.

גערשענזאָן, וואָס ליגט אין ווינקל פון אַ אויסרו-אַנשטאַלט
פאַר פיזיש-אויסגעמאַטערטע געלערנטע און שריפטשטעלער, איז
באמת קראַנק אויף קולטור. אים דריקט די צו-רייכע מענטשלעכע
קולטור, וועלכע ער האָט איינגעזאַפּט און אַליין אויך פאַרמערט.
דאָס דאָזיקע געפיל — זאָגט ער — וואָס פלעגט אים שוין פון
לאַנג פון צייט צו צייט פאַרטונקלען די נשמה, איז איצט געוואָרן
ביי אים אַ שטענדיקער גאַסט. דער „איך" פון מאָדערנעם מענטשן
— טענהט ער — איז באַגראָבן אונטער אַ שווערע, נישט צו רירנ-
דיקע משא פון וויסנשאַפטן, געדאַנקען און געפילן, וואָס גייען
איבער צו אים בירושה, וועלכע מ'קען נישט אַריבערטרעטן, און
זיי שרייבן פאַר דעם מענטשן ווי אַזוי צו לעבן, ווי אַזוי צו
טראַכטן און פילן. אים ווילט זיך דאָס אַלץ אַראָפּוואַרפן, און
אַרויסגיין פריי ווי דער אור-מענטש, וואָס וויל אַלץ זען פון דאָס
ניי, מיט אייגענע אויגן. „איך משפט נישט די קולטור — זאָגט
ער. — איך זאָג בלויז עדות: איך ווער דערשטיקט אין איר".

גערשענזאָנס קעגנערשאַפט צום ווערט פון קולטור קאָן נישט
באַקעמפט ווערן דורך לאָגיק, ווייל אויך זיין קריטיק באַנוצט זיך
נישט מיטן דאָזיקן כלי-זין. „יעדער באַווייז — זאָגט ער, — וואָס
הויבט אויף אַ שווערד, ווערט דורך אַ שווערד דערהרגעט." מיר
האָבן נישט צו טון מיט קיין באַווייזן, וועלכע מיר קאָנען אָפּ-
פרעגן און אָנווייזן אויף זייער נישט ריכטיקייט. מיר שטייען
פאַר אַ געפיל, וואָס איז נישט אָפּצופרעגן, מיר שטייען פאַר אַ
רעוואָלוציע קעגן דער קולטור מצד דער נאַקעטער מענטשלעכער
נשמה. צו וואָס דאַרף איך די גאַנצע רייכקייט פון ידיעות?
— פרעגט גערשענזאָן. „אין ליבע און אין ליידן דאַרף איך זיי

נישט האָבן... און אין דער שעה פון טויט וועל איך זיך געוויס אָן זיי נישט דערמאָנען״.

און אַלץ, וואָס איוואַנאָוו רעדט אַריין אין אים מיט זיין געוואַל־טיקער פּאָעטישער און גייסטיקער קראַפט, בלייבט טאַקע שטיין אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ פון גערשענזאָנס געמאַטערטער נשמה, עס האָט אויף איר קיין שליטה נישט.

פון וואַנען קומט אַזאַ מין שטימונג און געפיל?

גערשענזאָן פּרוווט געבן אויף דעם אַן ענטפער אין אַ סך שטעלן פון זיינע בריוו.

„איך לעב מאָדנע – זאָגט ער – מיט אַ טאָפּלט לעבן. פון קינדהייט אָן אַריינגעפירט אין דער אייראָפּעאישער קולטור, האָב איך טיף אַריינגעזאַפּט אין זיך איר גייסט. ווי אַן אייגענער באַ־וועג איך זיך אין דער קולטורעלער משפחה; אָט אַזאַ איז מיין טאָג־לעבן. אָבער אין דער טיפעניש פון באַוווסטזיין לעב איך אַנדערש. שוין אַ סך יאָרן רופט צו מיר פון דאָרט עקשנותדיק און אָן אויפהער אַ פאַרבאָרגענער קול: נישט דאָס, נישט דאָס! עפּעס אַן אַנדער וויל אין מיר קערט זיך אָפּ מיט אומעט פון דער קולטור, פון אַלץ, וואָס ס׳טוט זיך און ס׳רעדט זיך אַרום מיר. איך לעב, ווי אַ פרעמדער, וואָס איז היימיש געוואָרן אין אַ פרעמד לאַנד; כ׳ווייטאָק מיט זייער ווייטאָק און כ׳פריי זיך מיט זייער פרייד; כ׳ווייס אָבער אויך, אַז כ׳בין אַ פרעמדער, אין דער שטיל בענק איך נאָך די פעלדער פון מיין היימלאַנד, נאָך איר אַנ־דערשן פרילינג, נאָך דעם ריח פון אירע בלומען אין דעם רעדן פון אירע פרויען. ווו איז מיין היימלאַנד? כ׳וועל עס נישט זען, כ׳וועל שטאַרבן אין דער פרעמד. צייטנווייז בענק איך אַזוי נאָך עס!״

גערשענזאָן האָט ריכטיק אָנגעטאַפּט זיין קראַנקהייט, וועל־כע הייסט: „די צעצווייאונג פון זיין פסיכישן איך״. ער זעט זי נאָך אָבער ווי דורך אַ שלייער.

* * *

ערשט אין גערשענזאָנס צווייט ביכל, וואָס הייסט: „דער

גורל פון יידישן פאָלק", באַקומט זיין געפיל אַ קלאָר געשטאַלט.

אין דאָזיקן ביכל שטעלט זיך גערשענזאָן צום ערשטן מאָל פנים אל פנים מיט דעם יידישן פּראָבלעם אין זיין גאַנצן פאַרנעם. ער הויבט אָן מיט דער קריטיק פון ציוניזם, גייט אַדורך די געשיכטס־פילאָזאָפיע פון יידישן פאָלק און ענדיקט מיט אַ געוואַגטער היפּאָטעזע.

די יידישע געשיכטע — זאָגט גערשענזאָן — איז אַזוי מאָדנע נישט ענלעך צו דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער און זי איז אין איר גרעסטן טייל אַזוי טרויעריק, אַז דער געדאַנק מאַטערט זיך אָפּצוטרעפן דעם זין פון דער דאָזיקער אומגעווייגלעכער פאַרשטעלונג. עס ליגט שוין אין מענטשנס טבע צו זוכן די סיבה, די לאָגישע נויטווענדיקייט פון זיין ליידן, אַז נישט — קומט אים די וועלט פאַר ווי אַן אומזין און ער פאַרזינקט אין יאוש.

און אַלע גייסטיקע באַוועגונגען, וואָס זענען ביי יידן אויפגעקומען פאַר די לעצטע 40—50 יאָר, האָבן טאַקע געהאַט דעם דאָזיקן איינציקן פאַרבאָרגענעם ציל, צו דערקלערן דעם יידן זיין עבר און אים געבן אַ האָפנונג און אַ ריכט־ליניע פאַר זיין צוקונפט. דאָס האָט דעם יידן געמוזט פאַרבייטן דעם פאַרלוירענעם גלויבן, וואָס האָט פון יידן אַראָפּגענומען די לאַסט פון עבר און די דאגה פאַר דער צוקונפט".

דער לעצטער יידישער געשיכטס־פילאָזאָפישער פּרווו — זאָגט ווייטער גערשענזאָן — וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק און וואָס איז געוואָרן אַ באַוועגנדיקער כוח אין יידישן לעבן, — איז דער ציוניזם.

דער ציוניזם באַזירט אינגאַנצן אויף דער אידעע פון נאַציאָנאַליזם.

די נאַציע איז די איינציקע אמתע רעאַליטעט פון דער וועלט־געשיכטע. און די נאַציע דערקענט מען נאָר לויט דער איינהייט און אייגנאַרט פון איר לעבנסשטייגער, און דאָס לעצטע איז אוממעגלעך אָן אַ טעריטאָריאַלער פאַראייניקונג. אויף די דאָזיקע דריי באַגריפן באַזירט דער ציוניזם: נאַציאָנאַלעס שאַפן —

אייגנאַרטיקער לעבנסשטייגער–טעריטאָריע. און צו דעם שטרעבט דער ציוניזם, די דאָזיקע דרייאייניקייט וויל ער שענקען דעם יידישן פאָלק.

גערשענזאָן שטעלט אַרויס קעגן דעם צווי טעזיסן: ערשטנס זענען די הנחות פון ציוניזם נישט ריכטיק, און צווייטנס, דער ציל, צו וועלכן זיי שטרעבן, איז נישט לויטן כבוד פון יידנטום.

גערשענזאָן האַלט, אַז בעצם „שאַפט נאָר די פּערזענלעכקייט און נאָר זי איז די אמתע רעאַליטעט אין דער געשיכטע. דאָס נאַציאָנאַלע שאַפט נישט עיקרדיק, מער נישט זי גייט אַריין אין יעדן שאַפן און גיט אים אַ געוויסן ניואַנס.

דאָס נאַציאָנאַלע שאַפן איז נישט קיין באַזונדערס, העכערעס מין פון קאָלעקטיוון שאַפן, נאָר יעדעס שאַפן פון אַ פאָלק איז קעגן דעם ווילן פון די אָנטיילנעמער, נאַציאָנאַל באַאַרבעט און דורך דער דאָזיקער באַאַרבעטונג פאַראייניקט. און „אויב דאָס יידנטום איז אַ נאַציע — און דאָס גלויב איך אַזוי ווי איר, — שטעלט פאַר מיט זיך זיין צעברעקלטער קאָלעקטיווער שאַפן אומבאַדינגט אַ נאַציאָנאַלע אייגנהייט. ווייל אַ נאַציע בויטיקט זיך נישט צו זיין צוזאַמענגעקליבן אויף איין טעריטאָריע כּדי איר שאַפן זאָל זיין נאַציאָנאַל״.

דער ציוניזם האָט זיך אָבער פאַרקוקט אויף אייראָפּע פון לעצטן פערטל פון 19-טן י״ה, פאַר וועמען די צונויפגעגאָסענע אייגעשלאָסענע נאַציע איז דער העכסטער אידעאַל און צום דאָזיקן נאָרמאַלן לעבן ווילן זיי פירן אויך די יידן.

גערשענזאָן פרעגט אָפּ די אומנאָרמאַלקייט פון יידישן פאָלקס-לעבן. „פאַרוואָס — זאָגט ער — דאַרף איך טראַכטן, אַז דאָס יידנטום לעבט אומנאָרמאַל? מער נישט, זיין לעבן איז אייגנאַרטיק... און נישט ווינציקער אייגנאַרטיק איז זיין שאַפן. די נאַטור איז דאָך רייך מיט פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען. אין פאַרגלייך מיט דעם גרעסטן טייל פלאַנצן, וואָס זענען פאַרפעסטיקט צו זייער אָרט, איז די פלאַנץ, וואָס טרייבט זיך אַרום איבערן ים, אומנאָרמאַל״.

און מ. גערשענזאָן קלאָגט אָן דעם ציוניזם, אַז ער איז

נישט קיין יידישע לערע, נאָר אַ היינטצייטיק-אייראָפּעאישע; ער איז באַצויבערט פון באַוווסטזיניקן נאַציאָנאַליזם, וואָס ווילדעוועט איצט אין אייראָפּע. און דער ציוניזם, אויב ער וועט זיגן, וועט מוזן דערפירן דאָס יידישע פאָלק צו די זעלבע שלעכטע רעזולטאַטן ווי דער נאַציאָנאַליזם האָט דערפירט די אייראָפּע־אישע פעלקער".

גערשענזאָן שטעלט אַרויס קעגן ציוניזם זיין יידישע גע־שיכטס־פילאָזאָפיע. „די ציוניסטן — זאָגט ער — ווילן פאַר אים (פארן יידישן פאָלק) נישט קיין אינדיווידועל־הויכן גורל, נאָר אַ שאַבלאָנעם ווױלטאָג". דער ציוניזם שטעלט זיך פאַר די ווײ־טערדיקע עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק נישט אין יענע אייגנאַר־טיקע פאָרמען, וואָס קאָנען אַרויסדרינגען פון די טיפענישן פון זיין גייסט, נאָר אין באַנאַלע און אַלגעמיין־באַקאַנטע פאָרמען...

פאַר גערשענזאָנען איז די יידישע געשיכטע אַ וווּנדערבאַר קונסט־ווערק, וואָס דער פאָלקס־ווילן האָט באַוווסטזיניק געשאַפן און האַלט נאָך אין פאַרפולקאָמען.

אין וואָס באַשטייט דאָס דאָזיקע געשיכטלעכע קונסט־ווערק און צו וואָס פירט עס?

נאָך אַ קורצן איבערבליק איבער דער יידישער געשיכטע, וואָס קלינגט ווי אַ מיסטישע פּאָעמע, קומט גערשענזאָן צו אַ אויס־פיר וועגן וועלכן ער אַליין זאָגט: „מיין געדאַנק איז אַזוי מאָדנע, אַז איך באַשליס זיך קוים אים אַרויסצוזאָגן". „דאָס יידישע פאָלק — מיינט גערשענזאָן, — האָט נישט וויניקער גיריק גע־שטרעבט צו אַ נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג, צו מלוכהשער מעכטיקייט און גייסטיקער פולקייט, אָבער נאָר כּדי אין דער צווייטער העלפט פון זיין לעבן אַראָפּצוואַרפן פון זיך די דאָזיקע וועלטלעכע זיטן". „עס האָט צעשטערט זיין אייגענע מלוכה, ווי אַ רײף־געוואָרן פויגל צעברעכט די שאָלעכטס פון דער איי; עס האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין ערד און אַוועק איבער דער וועלט, כּדי צו לעבן היימלאָז; עס האָט צעבראָכן זיין איינהייט און זיך צעוואָרפן ווייט אַרום אין שטיקער; עס האָט נישט געוואָלט האָבן קיין אייגענע געזעצן, נאָר לעבן לויט פרעמדע; עס האָט זיך

דערנאָך אָפּגעזאָגט אויך פון דעם טייערסטן פאַרמעגן — פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך; עס האָט זיך ווי באַוווסטזיניק געלערנט פון אַלץ זיך אָפּצוזאָגן".

„און די גאַנצע גלות־געשיכטע איז אַ אומאויפהערלעכער שטרייט פון די צוויי ווילנס אין יידנטום: פון אַ מענטשלעכן און איבערמענטשלעכן, פון אַ אינדיווידועלן און אַ פאָלקס־ווילן. דער יחיד וויל שלאָגן וואָרצלען אין אָרט, וווּ ער לעבט, ער וויל זיך צובינדן צו ערדישע זאַכן, דער פאָלקס־ווילן לאָזט אָבער נישט ער רופט די צעשטערער און וואַנדערט ווייטער, רייסט זיך אויס מיטן טיפן וואָרצל".

אָבער די אַרבעט פון פאָלקס־ווילן איז נאָך נישט געענ־דיקט: „דער קערפּער פון יידן איז אָפּגעריסן פון אַלץ וואָס ערדיש. ער באַנוצט זיך מיט אַלץ צייטווייליק, ווי אַ פאַרביי־גייער, אָבער זיין קונסט איז נאָך פאַרוואָרצלט אין דעם גלויבן, און אָט איז געקומען די צייט, ווען דער יידישער גייסט דאַרף דורכמאַכן די זעלבע שווערע מאַרטיראָלאָגיע ווי זיין גוף... וואָרום וואָס איז די פעולה זיך צו באַפרייען פון אַלע געוווינ־הייטן פון לעבן, בעת ס'בלייבט איינע — די זיסטע פון אַלע".

„2000 יאָר און מער האָט זיך דאָס יידנטום געלערנט דעם, קערפּערלעכן גלות און האָט זיך אויסגעלערנט; איצט איז פאַר אים געקומען די תקופה פון גייסטיקן גלות און גייסטיקער היימ־לאָזיקייט".

אָבער נישט אומזיסט האָט זיך דער ייד אָפּגעריסן פון אַלע אַנקערס, און איצט רייסט ער איבער דעם לעצטן. „דאָס ווערט באַגלייט, אויף אַ טיפּעניש, וואָס איז דעם אויג נישט דערגרייכ־באַר, מיט אַ פּאָזיטיוון שאַפן, פאַר וועלכן דאָס אַלץ איז נאָר אַ מיטל". „צי שטרעבט נישט אַמאָל צום דאָזיקן ציל די גאַנצע מענטשהייט? די יידן זענען מער נישט דורכגעגאַנגען דעם דאָ־זיקן וועג מיט אַ מוסטער־אַרטיקער שנעלקייט. ס'קאָן זיין, אַז דער לעצטער ווילן פון יידנטום האָט זיך אויסגעדריקט אין די ווער־טער: „גליקזעליק זענען די אָרעמע אין גייסט, ווייל זייערס איז דאָס מלכות שמים".

„אָט אַזוי — זאָגט גערשענזאָן, — לייען איך אין די בלע־טער פון דער געשיכטע דעם מעטאַפיזישן גורל פון יידנטום. און דעם דאָזיקן גורל מאַכט עס פאַרן ענדציל פון דער מענטשהייט, וואָס שטרעבט זיך באַפרייען פון אַלץ, צו וואָס זי איז צוגעבונדן.

„...אַ ווינער פעליעטאָניסט — אַ ייד, אַ ייד אַן אַקטיאָר, אַ פראָפעסאָר, וואָס האָבן זיי געמיינזאַמעס מיטן יידנטום, בפרט אין דריטן אָדער פערטן געשמדטן דור, עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען ביזן מאַרך פון די ביינער דורכגעדרונגען... מיטן גייסט פון לאָקאַלער קולטור... אָבער... זיי נעמען אויף פראָקאַט פרעמ־דע גלויבנס, אידעען, געשמאַקן, דערפאַר ווייל מען מוז דאָך ווי נישט איז געבן אַ זין דעם לעבן, אפילו דורך אָפּנאַרן זיך אַליין מיט אַ פּלומרשטן זין... און אַזוי לעבן טאַקע די יידן, וואָס זע־נען אָפּגעפאַלן פון יידנטום, זיי מאַטערן זיך ליב צו קריגן אַלץ מיט וואָס עס לעבט די מאָדערנע קולטור־וועלט; אָבער דאָס זע־נען בלויז אַדאָפּטירטע קינדער, נישט קיין פלייש פון זייער גייס־טיקן פלייש. עס איז פוסט אין האַרצן און צו קלאָר אין קאָפּ. הינטער זייער טומלדיקער טעטיקייט אין דער פרעמדער סביבה באַהאַלט זיך אַ פאַרשטיקטע באַאומרואיקטקייט; זייער ברויזנדי־קע ענערגיע קומט נישט פון גייסטיקער פולקייט, נאָר פון גייסטיקן הונגער; און דעם דאָזיקן דורשט צו פאַרשכורן זיך זעט מען אויך אין ציוניזם. אָבער די זעלבסטנאַרעריי וועט אויף לאַנג נישט אָנהאַלטן. ס'קען זיין, אַז שוין די אייניקלעך פון היינטיקע קולטורעלע יידן וועלן קלאָר דערשפירן אין דער נשמה אַ אייז־קעלט"...

דאָס זענען די יסודות פון גערשענזאָנס קולטור־פיינט־שאַפט אין „דעם בריוו־וועקסל פון צוויי ווינקלען" און פון גערשענזאָנס מעטאַפיזישן אויסטייטשן דעם גורל פון יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט.

וו. איוואַנאָוו האָט אין איינעם פון די בריוו פון ווינקל אָנגערופן גערשענזאָנס שנאה צו קולטור אַלס אַ געפיל פון אַזוינעם, וואָס געדענקט נישט זיין אָפּשטאַמונג. און די וואָס געדענקען נישט זייער אָפּשטאַמונג — האָט צוגעגעבן איוואַ־

כאָוו, — זענען קנעכט. וו. איוואַנאָוו איז געווען גערעכט, אָבער נישט איינגאַנצן. ער האָט געמיינט דערמיט גערשענזאָנס וועלן זיך אָפּרייסן פון דער אייראָפּעאישער קולטור, אין דער אמתן אָבער איז גערשענזאָנס געפיל אַ פועל-יוצא פון זיין יידישער אָפּשטאַמונג-פאַרגעסונג.

דעם גייסטיקן גלות פון אַ היינטיקן יידן, וואָס איז פרעמד אין זיין פרעמדער קולטור-סביבה, וואָס האָט פאַרלוירן די רעליגיע און נישט געפונען קיין וועג צום מאָדערנעם יידנ־טום, האָט גערשענזאָן דערפילט מיט אַזאַ אומגעהויערער שאַרפ־קייט און ווייטאָק, אַז ער האָט עס אין זיין גרויסן פּאָעטישן גייסט דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ טראַגישן גורל פון גאַנצן יידישן פאָלק, פון דער גאַנצער מענטשהייט. און זיינע אייגענע ווער־טער, וואָס ער זאָגט וועגן די פאַרפרעמדטע יידן: „מען מוז דאָך ווי נישט איז געבן אַ זין דעם לעבן, אפילו דורך אָפּנאַרן זיך אַליין מיט אַ כלומרשטן זין"..., די דאָזיקע ווערטער זענען ריכטיק אויך פאַר גערשענזאָנען. ער האָט זיך אַליין אָפּגענאַרט, כדי דורך אַ גרויס-פאַנטאַזירטן אומזין געבן אַ זין דעם לעבן.

* *
*

אינטערעסאַנט איז גערשענזאָנס לעצטע בקשה, מ׳זאָל אים באַגראָבן אויפן יידישן בית-עולם. ווייזט אויס׳ אַז דער אינדי־ווידועלער ייד אין אים איז נישט ביכולת געווען צו לעבן לויט זיין אויסגעטרוימטן (אין גרויסן ווייטאָק) ווילן פון יידנטום. נישט נאָר די גייסטיקע היימלאָזיקייט איז אים שווער געווען צו פאַר־טראָגן ביים לעבן, נאָר אַפילו די פיזישע נאָכן טויט. די מענטשהייט, האָט ער געפריידיקט, דאַרף זיך אָפּרייסן פון אַלץ, צו וואָס זי איז צוגעבונדן, און אַליין האָט ער זיך אַפילו נאָכן טויט געוואָלט צובינדן צו דעם, פון וואָס ער איז געווען אָפּגעריסן...

איזי כאַריק

דאָס רוב פון איזי כאַריקס לירישע געדיכטן זענען פול מיט רעש און אויסערלעכן געשריי. די עיקרדיקע פאָרם זייערע איז — פאָרמלאָזיקייט. די בילדער — פאַרנעפּלט, נישט דורכזיכטיק, ווי פאַרלאָפּענע שויבן. נישט אַרומגעטעסטע אויסדרוקן, נישט איבערצייגנדיקע פאַרגלייכן. אָפטמאָל פאַרמאָגן זיינע געדיכטן זייער אַ שיינעם, פּאָטענציעל־שטאַרקן פּאָעטישן געדאַנק, אָבער ער שטאַרצט אַרויס ווי פון הורבות דורך די שיכּור־וואַקלדיקע שורות, דורך דער אומגעהויבלטער געקינסטלטקייט פון געדאַנקען־אויסדרוק. דער געדאַנק ווערט פאַרשוווּמען אין געפּלדיקע אָדער שטום־בלייבנדיקע אויסדרוקן. זיינע בילדער טרעפן נישט אין ציל. דאָס איז דער ערשטער אַלגעמיינער איינדרוק אפילו אין אַזעלכע געדיכטן, ווי „דער וואַלד איז הויך" (ז. 10 פון זיינע „לידער און פּאָעמעס"), ווו כאַריקן געלינגט יאָ צו געפינען אַ פולבלוטיק־דיכטערישן אויסדרוק פאַר זיין דור, פאַר וועלכן ער זינגט, כאַפּן זיך אויך אַריין אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „פעטעס בלוט צעשרייט זיך אין די גלידער". אַזאַ אויסדרוק, ווי „פעטעס בלוט", רופט אַרויס פונקט אַ קאַפּויערדיקע ווירקונג, ווי דער דיכטער וויל. „פעטעס בלוט" דערמאָנט אונז אַ געפיל פון קלעפּיקס, עקלדיקס, בעת דער דיכטער וויל אַרויסרופן ביי אונז סימפּאַטיע צום רויטן, געזונטן, זודיקן בלוט פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער יוגנט, צו די וואַלד־האַקערס פון הויכן אַלטן וואַלד, וואָס ליגט „אין מאַך און רואיקייט באַהאַלטן".

* * *

ביי כאַריקן, דעם עכטן דיכטער, איז באַזונדערס בולט די צעשטערערישע ראָל פון דער אויסערלעכער צופּאַסונג צום

פראָפּאַגאַנדע־סטיל, צו דאָס מיטינגיש־שרייאיקע. כאַריק פאַר־מאָגט אין אַ גרויסער מאָס דעם עכטן אומרו פון דער רעוואָ־לוציאָנערער ראַטנפאַרבאַנדישערווירקלעכקייט. אָבער ווען ער מאַכט פון דעם דאָזיקן אומרו אַ פּראָגראַמאַטישע פאָן, הערט אויף דער אומרו זיינער צו זיין שעפעריש־דיכטעריש, און ווערט אומפּרוכטבאַר, אפילו וויל־יונגעריש.

„...ווער ס'איז טרויער באַשערט,
וועט ער אָט דאָ אויף דער ערד
צעטרעטן דעם אייגענעם טרויער".

(אומבאַדינגט — לעבנס־פרייד! טרויער איז שטענדיק און או־מעטום קאָנטר־רעוואָלוציאָנער! — י. ר.)

די דאָזיקע אַרט דיכטונג באַקומט ביי כאַריקן דעם העכסט־וולגאַרן אויסדרוק אין אַזעלכע פערזן:

„מיר בענקען שוין ווידער נאָך בליי,
נאָך רויכיקן אויפשטאַנד און בלוט!
קומען מיר רואיק און האַרט
און גרייטן די האַריקע הענט.
איז נאָך דאָ עמעצער צאַרט?
מיר האָבן די צאַרטקייט פאַרברענט".

אין די דאָזיקע מיטינגאַרטיקע לידער איז דאָ מער אָגי־שטעל, ווי עכטע רויע קראַפט. די דיכטערישע רויע קראַפט קומט צום אויסדרוק דאַן, ווען כאַריק קליידט נישט אָן אין פערזן קיין אָפיציעלע שטימונגען, נאָר ווען ער פאַרקערפּערט געפילן, געבוירענע אין רויען, רייכן לעבן פון רעוואָלוציע־לאַנד.

ווען דער דיכטער ווענדט זיך אין זיין דיכטערישער אינספּיראַציע צום צענטן און אפילו צום הונדערטסטן דור, דעקלאַמירט ער נישט ווילעריש „מיר קענען דען רוען? איי נישט!" אָדער „מיר בענקען שוין ווידער נאָך בליי", נאָר ער גיט אַ רויען, אָבער דיכטעריש־קרעפטיקן אויסדרוק דער העל־

דישער און טראַגישער נויטווענדיקייט פון אַ דור, וואָס איז געצוווּנגען צו געפינען זיך אין „רויכיקן אויפשטאַנד און בלוט". ער בעט דעם הונדערטסטן דור נישט ק׳וינען דעם היינטיקן „מיטן שטויב פון לעגענדעס", — ווייל

„מיר זענען דאָ געגאַנגען אויף דער ערד
„מיט שטויב פון חורבן אויף די אַרבל",

ווייל

„מיר האָבן דאָ די ציגל נאָר צעלייגט
„און זיך אַליין אַוועקגעלייגט פאַר ציגל".
„מיר זענען דאָ געווען און געלעבט
„אין ליבשאַפטן, אין ווייטאָק און אין שנאה".

דאַן ווען כאַריק רירט זיך צו צו דער פולקייט פון לעבן, ווערט ער עכטער און איבערצייגנדיקער, אפילו ווען ער בלייבט אויך דאָרט אָפט באַגרענעצט און שטאַמלעריש אין זיינע אויס-דרוק-מיטלען:

„עפּעס פיל איך אַ ליבשאַפט אַצינד,
אין אַלע פיר וועלטישע ווינקלען,
און איך גלויב היינט נאָך מער פון אַ קינד,
און איך פריי זיך נאָך מער פון אַ יינגל...".

אַ באַזונדערס בולטן פאַל פון דער צווייאיקייט פון כאַריקס דיכטונג און פון איר צווייאיקן ווערט, איז דאָס ליד „בי קרעמל-וואַנט". ער הייבט אָן דאָס ליד מיט פוסטן רעש:

„ווו ברידער-קברים זענען ווייך און גראָזיק...
„...וועט זיך מיין קאָפּ צעברויזן, ווי אַ לאָזונג,
„וועט זיך מיין קאָפּ צעשפּילן אין דער הויך!"

דאָס זענען שורות אומפּרוכטבאַרע צו געבוירן די מינד-סטע שטימונג. אָבער ווען ער ענדיקט:

„אין יענער נאַכט איז נישט געווען בעשערט מיר
„פאַלן דאָ אַ ברודער ביי דער וואַנט"...

דערשפירן מיר די גאַנצע שטימונג פון דיכטונג, דאָס ליד געפינט אַ תּיקון. און דאָס זענען גראָד די פּשוטסטע שורות פון ליד, אָבער אָנגעפילט מיט זין און יענעם געהיימען צי־טער, וואָס מאַכט פון ווערטער–לידער.

* * *

כאַריקס פיר „לידער וועגן לידער" זענען זייער כאַראַק־טעריסטיש פאַר כאַריקס אַרט שאַפן. כאַריק פילט דאָ אַליין זיין הויפּט־חסרון און גיט אים אַ דיכטערישן אויסדרוק. כאַריק איז זיך מודה (און אין זיין מודה־זיין־זיך קלינגט אַ פאַרשטיקטע קלאָג):

„אוודאי וואָלט איך וועלן זיך פאַרזינגען,
דאָס גאַנצע האַרץ צעווייגען מיטן ווינט —
נאָר איך קען דאָך נישט, אַז מיר זאָל גרינג זיין,
ווען ס'איז נאָך אַלעמען נישט גרינג...
איך האָב נאָך אַלץ ביז איצט נישט פיינט
די שטערן,
מיט ווינטן איז מיר אַלעמאָל נאָך גרינג,
נאָר איך וויל אַצינד נישט הערן,
ווי ס'רוישט אויף מיר אַ שטיפערל אַ ווינט".
„אַט איצט – אַצינד, ווען הערצער ברענען,
קוט איך אָן מיט פויסטן אין מיין ליד".

אייגנטלעך, ליגט אין די דאָזיקע ווערטער אַ פאַלשער און אפּיקורסישער געדאַנק. זיי קענען דאָך נאָר באַדייטן, אַז אייביקייט קאָן געבן בלויז דאָס באַזינגען די שטערן, בעת אין דער אמתן קאָן מען פאַרדינען די אייביקייט אויך ווען מען זינגט גוט וועגן פויסטן.

דאָס באַווייזט בלויז, אַז כאַריק איז נישט דער עכטער דיכטער מיט די פויסטן־אין לידער. ער ברענגט דערמיט בלויז אַ קרבן, ער דערפילט זיין בירגערלעכן חוב, ווי עס דוכט זיך אים. אין דער אמתן איז דער דאָזיקער דיכטער פון אומרו

און צאַרטקייט-צעשטערונג אַ סך נעגעטער צו דער סטיכיע פון לירישער רו און צאַרטע שפּרונגען. ווען כאַריק וואַקסט אַרויס פון דעם געשריי און טומל, מיט וועלכן עס זענען אַזוי פול אַ סך פון די ראַטנפאַרבאַנדישע יידישע דיכטער (ווי די ראַטנ-פאַרבאַנדישע דיכטער בכלל), געפינט ער ביי זיך אַ סך עכטע לירישע טענער, וואָס קלינגען ווי דיסאָנאַנסן צווישן זיינע לי-רישע געדיכטן, אָבער זיי שטעלן דאָס רוב לידער זיינע אין שאָטן. ווי שיין עס זענען אַזעלכע לידער, ווי „בלאָנד און ברוין", „שניי-ליד", „די שטאָט האָט איצט באַרואיקט און פאַרוויגט זיך", „אַ קילער און רואיקער שניי", „אָוונט-פאַרבי-קער" (זייטן 75, 78, 126, 131 און 135 פון זיינע „לידער און פּאָעמעס"). כאַריק רעדט אַ סך וועגן אומרו, אַז ער האָט פיינט די רו — אָבער גראָד די לידער וועגן רו זענען ביי אים די שטאַרקסטע און איבערצייגנדיקסטע. וואָס פאַר אַ באַ-דייט האָבן זיינע צענדליקער און צענדליקער לידער מיט אַזעלכע רעטאָרישע, שרייאיק-פוסטע שורות ווי, למשל, „אַ טאַנץ אַזאַ פון גייענדיקע וועלדער", אַנטקעגן זיינע לידער „פון ברייטער ערד"...

„בענטש איך... מיין רו, וואָס גייט אויף
און ווערט גרויס.
און ס'איז מיר הייגט ליכטיק און גוט
ביז צום שטאַרבן:
די ערד גיב אַ קוש און גיי אויס!"

פּעפּער וואָלט, אייגנטלעך, געדאַרפט „פאַרצוקן" (לויט ביאַלאָסטאָצקיס אויסדרוק) זיין גרעסערן חבר כאַריק, וועלכער בענקט, האָט ליב רו, און אים איז אָפט אומעטיק, אָבער פאַר-פאַלן — כאַריק איז אַ לירישער דיכטער גראָד פון אַזעלכע געפילן. ווען כאַריק זינגט:

„איך האָב זיך נאָך קיינמאָל מיט זיך
נישט פאַרשפּאַרט,
מיט זיך אויג אויף אויג נישט באַגעגנט..."

דריקט ער אויס איינעם פון די גרעסטע פעלערן זיינע אַלס ליריקער (ער איז אָפט פונדרויסן פון זיך גופא), אָבער צום גליק טרייבט ער איבער אין זיין דיכטערישער גוזמאדיקייט. ער האָט זיך אַ סך מאָל באַגעגנט מיט זיך אויג אויף אויג און עדות דערויף זענען צענדליקער פּרעכטיקע אינטים־לירישע לידער, פּרוכט פון די דאָזיקע באַגעגענישן. ווען מ׳לייענט די דאָזיקע לידער „פון ברייטער ערד", ווילט זיך איבערחזרן כאַ־ריקס אייגענע ווערטער (פאַרבייטנדיק בלויז דעם „מיין" אויף „זיין" און „מיר" אויף „אים"):

„זיין וואַרעמער, קרעפּטיקער ניגון
זאָל נישט בלייבן
אין אים
נישט דערזאָגט..."

* *
*

אין כאַריקס שאַפן איז דאָ אַ וויכטיקער מאָטיוו, ווו עס קומט בולט צום אויסדרוק דער קאַמף פון דיכטערס ווילן און פון זיין אינטים־דיכטערישן אויסדרוק. און אויך פון דאָזיקן קאַמף גייט אַרויס — נאַטירלעך — אַלס זיגער דאָס אינטים־דיכטערישע. מען קאָן דעם אינטימען אינהאַלט פון דיכטער פאַרשרייען אַ לאַנ־גע צייט מיט געשיקטערער אָדער ביליקערער רעטאָריק, אָבער ווי נאָר די אינטימע פּערזענלעכקייט פון דיכטער קומט צום וואָרט, ווישט זי אָפּ די גאַנצע אָנשטרענגונג פון דיכטער. דער דאָזיקער פאַרשפּילטער קאַמף פירט זיך פאַרן שטעטל־קאָמפּלעקס פון איזי כאַריק.

איזי כאַריק וויל זינגען דאָס קבורה־ליד פון שטעטעלע: ער וויל באַזינגען זיין אונטערגאַנג:

„אוי, ביז וואַנען, און אוי, ביז וואַנען בעטן זיך,
שטעטעלע פאַרשווינד..."

נישט נאָר באַזינגען דעם שטעטעלס אונטערגאַנג וויל ער, נאָר אויך אַליין העלפן אַקטיוו אומצוברענגען עס:

„געווען זענען שטעטעלעך פאַרלייגט דאָ
אין שטילער רו, מיט שטילן ברויט און זאַלץ.
האָב איך אַליין געהאָלפן זיי צעשטערן
און אָפּגעשיקט זיי אַלעמען אין רויך..."

כאַריק איז אַזוי פול מיט דער פרייד פון צעשטערן דאָס אַלטע שטעטל, אַז ער פילט נישט דעם טרויער פון די פאַרגייענדיקע, פון די אויסגעוואָרצלטע, וועמענס היים און לעבנסשטייגער עס גייט אַוועק מיטן רויך. דאָס שטעטעלע מוז פאַרגיין, דאַרף פאַרגיין, אָבער דער דיכטער מוז הערן דאָס געוויין פון אונטערגייענדיקן. כאַריק אָבער איז האָפערדיק־גרויזאַם.

„פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס...
איז גוט אַריינקוקן אין זמעטיקע אויגן,
אין אייער ווייטאָק פון די בערד...
ווען פ ר ע מ ד (אונטערגעשטראָכן פון מיר — י. ר.)
האָב איך זיי אָנגעקוקט: אַלע לײדיקע און טויטע
בערד און בערד, און ווידער טויטע בערד...
גענוג — האָב איך געזאָגט — פון ליידיקן און גרייטן
מיט ערד, צו ערד! ווען נישט איז..."

דאָס איז כאַריקס טויט־אורטייל אויפן שטעטל.

דאָס זענען אָבער בלויז ריטמיזירטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאָזונגען, געגרעכטע און ריכטיקע פרינציפּן. אָבער ווען כאַריק קומט צו גאַסט אין שטעטל, וועלכעס ער האָט אַוועקגעלאָזט מיטן רויך, קומט ער אין אַ דיכטערישן קאָנטאַקט מיטן שטעטל־קאָמפּלעקס פון אַ יידישן דיכטער. ער פאַרגעסט אויף אַ מאָמענט זיינע ריכטיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאָזונגען, ער וויל זיי איצט נישט אָנקליידן אין קאַלטע פערזן — ער נעמט אויף די מענטשלעכע טראַגיק פונם שטעטל און דער דיכטער כאַריק קומט צום וואָרט:

„איך האָב געוואָלט אין שטיין און שטאָל
דיך אָנטאָן, שטעטעלע דו מיינס.
שטעטל־שטעטעלע, מיין אָפּגעדאַרטער צווייג,

ווידער ווילסטו אָנהויבן צו גרינען,
גיי איך דאָ אום אַ שטילער (אונטערגעשטראָכן
פון מיר — י. ר.)
גאַסט און שווייג.
און ס'טוט מיר באַנג, עס טוט מיר זייער באַנג,
און כ'בין אַזוי יעסענינען מקנא:
אויך מיר וואָלט זיך דאָך וועלן אין געזאַנג
קומען און דיך אָנרופן: מיין מאַמע".

שיין, טיף־עלעגיש איז זיין שטעטעלע־געזאַנג „און דיינע הייזלעך"... ער קאָן שוין מער נישט שעלטן, ער קאָן דאָס „שטעטעלע נישט האַסן", ווייל ס'איז אים שוין נישט פרעמד דער „ווייטאָק פון די בערד"...

* * *

באַריקס וואָרט, אַז
„די גאָלדענע רייפקייט, וואָס ליגט אויפן צונג,
באַלד וועט צום וואָרט שוין דערגרייכן..."

איז מקוים געוואָרן אין זיינע פּאָעמעס. אָבער נישט אין די ליריש־אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמעס „מינסקער בלאָטעס" און „קאַטארינקע", נאָר ערשט אין די עפּיש־דערציילערישע ווי „מיט לייב און לעבן" און „קיילעכדיקע וואָכן". די ליריש־אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמעס בילדן אַזאַ מין צווישן־שיכט, וואָס פירן פון באַריקס ריינער ליריק צו זיין עפּיק.

„מינסקער בלאָטעס" וויל זיין די ביאָגראַפישע פּאָעמע פון אַלע „פּיניעס" פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אָבער די דאָזיקע פאָרם־שוואַכע, איינטאָניקע פּאָעמע פון האַס קאָן זיך אַפילו נישט גלייכן מיט אַן אַנדער שאַפונג פון זעלבן מין אין דער ראַטנפאַרבאַנדישער ליטעראַטור, מיט חנה לעווינס פּאָעמע „איינע ווי אַ סך אַנדערע". אין „מינסקער בלאָטעס" איז אַלץ נישט נאָר שוואַך, כמעט ווי אויסגעדראָשענע מליצה, נאָר אינדיווידועלאיינמאָליק. פּיניע פון דער פּאָעמע דערהויבט זיך נישט פאַר

אונז צו אַ רעפּרעזענטאַטיווער געשטאַלט פון אַ גאַנצער יוגנט-שיכט, בעת דאָס מיידל פון חנה לעווינס פּאָעמע איז סיי בולט-אינדיווידועל און סיי כּלל-סימבאָליש. אַלע פּערזאָנען, וואָס ווערן געשילדערט אין כּמעט לעווינס פּאָעמע, וואַקסן אויס צו רעפּ-רעזענטאַטיווע געשטאַלטן פון אַ סיסטעם, פון אַ קלאַס, און די שנאה צו זיי מצד דעם מיידל איז פּלאַסטיש-בולט און עמאָ-ציאָנעל-טיף, בעת אין די „מינסקער בלאָטעס" האָקט דאָס יינגל פּיניע אַבסטראַקטע שויבן און זיין האַס איז אַ פּראָזעאַלאָגיש-אויסגעדראָשענער.

„ס'איז יעדער טאָג אַ באָלשעוויק און יעדער באָלשעוויק אַ חבר" — אָט דאָס איז דער רעטאָריש-נידעריקער ניוואָ פון דער פּאָעמע. דער ערשטער טייל — פּיניעס ביאָגראַפיע פאַר דער רעוואָלוציע — איז פּערבלאָז, און דער צווייטער — פּיניע אין דער רעוואָלוציע — איז אָרעם אין אינהאַלט.

„ס'איז גוט אַזוי, ס'איז הייס אַזוי
מיט שווערע שטיוול אויף גאַרדינען...
און ווען דאָס לאַנד האָט זיך צעברודערט
און צערעדט
מיט טויזנט פויסטן, טויזנט הימנען אין
איין אָטעם"...

אָנשטאָט דיכטונג, ווי אין חנה לעווינס פּאָעמע, אָנשטאָט בילדער, ווערטער און געשטאַלטן, וואָס וועקן שטימונג, רופן אַרויס ווירזיעס, — אַלגעמיינע שטאַרקע ווערטער און פראַזן פון כּאַריקס שוואַכערער טייל ליריק.

די „קאַטאַרינקע" איז אַ סענטימענטאַל-לירישע אינטער-מעצאָ אין כּאַריקס שאַפן, וועלכע וואַרפט אונז אָבער נישט אַריין אין סענטימענטאַלער שטימונג. פאַראַן געוויסע פיינערע שטעלן, אָבער די גאָר שלעכטע און גאַרנישט-זאָגנדיקע וועגן אַריבער. באַזונדערס שלעכט ווירקט דער אַריינפיר און דער סוף. די דאָזיקע סענטימענטאַלע פּאָעמע, די ליבע צו אַ קלאַסן-שונא, צו אַ קליינבירגערין, איז אַרומגענומען, ווי מיט שיר-המעלותן,

מיט רעוואָלוציאָנערע פראַזן, צו וואָס עס זענען נויטיק אין דער דאָזיקער פּאָעמע אַזעלכע אַריינפיר־שורות, ווי:

„ווער עס דאַרף און ווער עס מוז פאַרזינקען,
זאָלסטו שלאָגן, ווי אַ דונער אויף די קעפּ",

חיים בלויז די שרעק פאַר אַ פאַלשן טריט, פאַר אַן אָפּנויג.

די פּאָעמע „ברויט", וואָס איז נאָך אויך אָפּט שוואַך אין דער פאָרם און אין פאַרנעם, איז שוין אָבער אַ סך אַ ווייטע־רער שטאַפּל צו כאַריקס גרויסע דערגרייכונגען אין „מיט לייב און לעבן" און טיילוויז אויך אין די „קיילעכדיקע וואָכן". די דאָזיקע פּאָעמע פּרוווט שוין פאַרפלאַסטישן אַ שטיקל יידיש־ראַטנפאַרבאַנדישע ווירקלעכקייט, דאָס הייסט, זי טרעט אַרויף אויף דעם וועג, וואָס האָט געפירט כאַריקן צו זיינע גרעסטע דערגרייכונגען. אין זיינע צוויי אויבנדערמאָנטע פּאָעמעס (באַ־זונדערס אין דער ערשטער) איז געקומען צום וואָרט כאַריקס „גאָלדענע רייפקייט".

* * *

מיט „לייב און לעבן" איז אַ פּאָעמע וועגן אַ שטיק ראַטנ־פאַרבאַנדישער ווירקלעכקייט. מיט דער דאָזיקער פּאָעמע הויבט זיך אָן כאַריקס רייף עפּיש שאַפן. די פאָרם ווערט מייסטערהאַפט: די שפּראַך געלייטערט, מוזיקאַליש, רופט זיך אָפּ, ווי אַ גוטער אינסטרומענט, אויף דעם מינדעסטן ניואַנס; דער הומאָר פּולסירט ווי לעבעדיק שפּעריש בלוט דורכן ווערק פון אינעווייניק, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן; ער איז נישט לאָקאַליזירט אין באַשטימטע סיטואַציעס, נאָר דאָס ווערק איז מיט אים דורכגעזאַפּט; די בילדער זענען טרעפלעך, זיכער, און במילא איז דאָס ווערק קנאַפּוואָרטיק, געפּרעסט: עס נויטיקט זיך נישט אין קיין טומל.

דער אינהאַלט איז פּשוט, ווי דאָס לעבן גופא. אָבער אויך אַזוי טיף און אַלץ אַרומנעמענדיק, ווי דאָס לעבן. אַ יידישע לע־רערין ענדיקט איר שטודיום און ווענדט זיך מיטן פּנים צום שטעטל. זי וויל אַריינברענגען אַ ניי לעבן אין פאַרשימלטן יידישן

שטעטעלע. זי וויל דאָרט ווערן דאָס געזונט־מאַכנדיקע רויטע בלוט. און זי פילט:

„...זי קאָן זיך פאַרמעסטן,
מיט לייב און מיט לעבן אריין אין דער אַרבעט".

אין איין פינף־סטראָפיקן אַריינפיר־ליד גיט אונז כאַריק אַ די אינערלעכע געשטאַלט פון דעם שטילן העלד פון דער דאָזיקער פּאָעמע, אַ דעם לייט־מאָטיוו פון איר פּראָגראַם.

„שטעטעלעך, שטעטעלעך, פאַרוואָרלאָזטע נעסטן,
איז אמת, אַז אַלע איר מוזט שוין צעשטאַרבן?
און אפשר איז דאָרטן אַזוי גאָר נישט גרויזאַם?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

העי, באַלעגאַלע! צי קענסטו דעם ניגון?!
און ס'זינגט זיך אַ פרייל־עכס פון 200.000!"

דאָס יידישע שטעטל נעמט אויף מיט פיינטשאַפט און שפּאָט די פרעמדע לערערין, די „שוואַרשהנעוודיקע גויע", ווי מען רופט זי אין שטעטל. אין קורצע קאַפּיטלעך, פול מיט אויסגעצייכנטן הומאָר און מוזיקאַלישקייט, באַקומען מיר אַ פּלאַסטיש בילד פון די שטעטלעך און פון קאַמף, וואָס דער לערערין קומט אויס צו פירן מיט דער פיינטלעכער סביבה. דער קאַמף קומט פאָר אַזוי דיסקרעט, ווי עס איז בכלל געבויט די גאַנצע פּאָעמע. כאַריק גיט נישט געגוי די געשעענישן גופא, נאָר ער וואַרפט פון זיי אַ פּאָר פּלאַסטישע אָדער לירישע שאָטנס אויפן לייוונט פון זיין פּאָעמע, — אָבער אַזעלכע דייטלעכע און דורכדרינגנדיקע, אַז זיי גיבן אונז דעם בילד און דעם געשמאַק פון דער גאַנצער ווירקלעכקייט, וועלכע זיי רעפּרעזענטירן. ווי פּרעכטיק כאַריק שילדערט אין איין בילד (אין דעם ליד „אין שנייען") איר איינזאַמקייט, איר קאַמף מיט דעם גרעסטן שונא אירן, דער פאַרצווייפלונג אין איר ציל:

„שאַרפע מעטעליצעס און שנייען־זאַווייען,
האָבן פאַרשאָטן שוין אַלץ, וואָס געווען דאָ.

זענען אין שטעטל פאַרבליבן נאָר צווייען:
זי און דער שטורעם, דער וויסער, וואָס בלענדט דאָ".

אָבער אַריבערגעבויגן איבער די קינדערשע העפטן, דאַכט זיך איר —

„...אַזוי פיל שטיקער שיין,
ליגן אין די העפטעלעך באַהאַלטן...
וועט זי דאָס אויסגראָבן! און אויף די דאַרע הענט
ברענגען פאַר די קינדערלעך אויף שטענדיק".
„וואַכט איר קאָפּ פאַרבויגן און פאַרקניפּט
אויף ווייסקייט טונקעלער פון בויגנס.
און ברוינע מאַנדלען שווימען מיד
אין גאָלד אין וואַרעמען פון אירע אויגן..."

זי שעפּט מוט פאַר איר אַרבעט און קאַמף נישט נאָר אין דעם פאַרגראָבענעם שיין פון די קינדערשע העפטן, נאָר אויך אין אירע שעפערישע וויזיעס. ווען עס הויבט זיך איר אָן דאַכטן, אַז איר אַרבעט איז אָן איבעריקע, ווייל

„ס'איז דאָס שטעטל אַ שוועל,
וואָס פירט נאָר אַוועק צו וואָקזאַלן...",

שעפּט זי כּחות און גלויבן אין איר וויזיע פון נייעם שטעטל. אין געציילטע שורות וואַקסט אויס אַ ממשותדיק-סוגערירנדיק בילד פון נייעם שטעטל:

„פון די זומפּן,
פון די גרונטן,
פון די בלאָטעס
וועט מען אָנפירן דאָ פעטע בערג מיט טאָרף,
און ס'וועט אַ לעבן זיך צעוואַקסן דאָ געראָטן,
אין דאַמף... אין רויך...
און חיות איבער דראָטן
ווי וואַרעם בלוט וועט צושטראָמען צום דאָרף..."

די לערערין ווערט קראַנק און אין דערזעלבער צייט ווען אין דער הויפּטשטאָט פייערט מען דעם יום־טוב פון דער לערער־אַרמיי —

„פון דערפֿל פון קלענסטן — ביזן קלענסטן אולוס
אײַך, לערער־אַרמייער, — אַ דאַנק און אַ גרוס ד"

„האָט פון האַלז ביי איר פּלוצלונג אַ שפּאַר געטאָן בלוט..."

אָבער איר אַרבעט איז נישט געווען אומזיסט. ביי איר טויט ווייזט זיך אַרויס, אַז איר גייסט האָט געשלאָגן וואָרצלען אין שטעטל. כאַריק געפינט דערפאַר אַ פּרעכטיקן אויסדרוק־מיטל.

די פייגטלעכע שטימונג צו דער לערערין פאַרקערפערט כאַריק קורץ און פּלאַסטיש אין אַ פאָלקסטימלעכער פאָרם (אומע־טום, ווו כאַריק שילדערט די שטימונג, די נשמה פונם שטעטל, טוט ער דאָס מיט פאָלקסטימלעכע מיטלען) אין דער פראַגע פון איר קבורה.

„מען דאַרף זי, זאָגט מען, לייגן היגטער פּלויט
און דעם קבר גראָבן אינדערברייט.
מיט די פיס — אין קלויסטער! מיטן קאָפּ אין דר'ערד!
נישט פאַר איר דאָ אַנגעגרייט די ערד!"
„און אַ קרעמער האָט געבעטן זיך אין שרעק:
— גייט און הייבט זיך אָן מיט אַ יעווסעק.
האָט דער גבאי אים דאַן אָפּגעענטפערט: — „פערד,
וואָס מיינסטו, אַז מיר זשאַלעווען „זיי" ערד?"
און מען האָט צעלאַכט זיך אין די בערד..."

אָבער דאָס, וואָס די לערערין האָט באַגאָסן מיט איר בלוט, צעבליט זיך אין דעם שומר פון דער יעווּשולע, דעם מלמד. דער מלמד איז צווערשט געקומען צו דער לערערין אַלס שונא (זי האָט ביי אים צוגענומען די פּרנסה):

„נאַט אייך אַ מעסער:
קוילעט! — — —
איר האָט דען נשמות? צי הערצער?"...

אָבער די לערערין נעמט צו זיינע קינדער אין שולע און אים גופא אַלס שומר און

„פלוצלונג דערפילט האָבןביידע:
אין שטוב איז געוואָרן גערעמער"...

(ווי פיין כאַריק גיט דאָ איבער אין צוויי שורות ביידענס געפיל נאָכן רעטנדיקן פאַרשלאַג, נאָכן אויסגעמיטענעם שטורם)

איצט, ווען זי שטאַרבט, גייט דער מלמד אין שול, צינדט אָן ליכט פאַר איר נשמה.

„די ליכט האָבן געברענט
און שטיל געטריפט מיט גינגאָלדענע טראָפּנס.
און ער האָט זיי אין שווייגעניש דערזען:
זיי ברענען גאָר ביים בר־מינן צוקאָפּנס...
איז ער צום עמוד צוגעגאַנגען בלייך,—
די ווייסע ליכט צעברענען שוין אין פייער.
געזאָגט האָט ער דעם קדיש אינדערהויך
און איז דערנאָך אַוועק צו דער לויה."

און ווען די צווייטע לערערין קומט (זי קומט אין שטעטל מיטן זעלבן אַריינפיר־ליד ווי די ערשטע), באַגעגנט זי אַ געענ־דערט שטעטל:

„גאָט זאָל לאַנגע יאָר
שענקען כאָטש דער צווייטער".

* *
*

און דער ראָמאַן פון דער לערערין איז פאַר זיך אַליין אַ פּרעכטיקע פּאָעמע.

זי איז איינזאַם, זי בענקט נאָך מענטשלעכער נאָנטער וואַרימקייט. אומגעריכט קומט אַ בחור זי רופן אין קאָלעקטיוו.

„שטייט אַ בחור אָנגעגורט אין פעלץ
און דרייט אין האַנט דאָס ווינטערדיקע היטל.
און זי שטייט אויף, און דורך דער ווינטערדיקער קעלט
גיט אַ ברען אַ הונגעריקער ציטער"...

און זיי פֿאָרן אין ווינטערדיקן פֿעלד.

„אַ וויאָרסט נאָך אַ וויאָרסט — און עס שיטן זיך שטערן,
און סאָסנעס אַנטקעגן — פֿאַרווייעטע בערן...
שליטן, דו שליטן, — אין זילבערנע רויכן,
דיך יאָגט אַ לבֿנה און קען נישט דערגרייכן.
שליטן, אַי־שליטן, אַי־שליטן, אַי־שליטן,
עס יאָגט זיך די רחובֿות און דו ביסט אינמיטן

און דאָס עקראַן־בילד פֿון דער קאָלעקטיוו־פֿאַרזאַמלונג, וווהין מען האָט דער לערערין פֿאַרבעטן, איז אַזוי מייסטערהאַפֿט, אַז עס ווילט זיך אויך ברענגען אַ ציטאַט פֿון איר.

„— הערט אונדז אויס — און זאָל אונדז ווערן גרינגער,
רעדט צו אונדז — און זאָל אונדז ווערן לייכט.
מיר מאָנען נישט, מען זאָל אונדז נאָר באַזינגען.
מיר בעטן נישט, מע זאָל אונדז מאַכן רייך.
וואָס מיר ווילן? און וואָס מיר קענען וועלן?
מיר אַרבעטן און האָבן אונדזער ברויט.
נאָר אָפּטמאָל כאַפּט אונדז אָן אַזאַ מין עלנט,
פֿאַרבענקט מען זיך נאָך לעבעדיקע רייד.
און פּלוצלינג גיט אַ צי צוריק אין שטעטל,
און ס'הויבט אָן נאָיען דאָ אין האַרצן
טיף...
ווילט זיך עפּעס,
כ'וויס אַליין נישט,
בעטן:
ברידערלאַך, ס'איז שווער אין קאָלעקטיוו.“

אין דער דאָזיקער איינציקער רעדע פֿון קאָלעקטיוו שיינט אויף פֿאַר אונדז דער קאָלעקטיוו מיט זיין גאַנצער אינערלעכער וועלט פֿון טראַגיק (ווייל מענטשן זענען געקומען דערצו נישט פֿון אינערלעכער פֿרייד און איבערצייגונג, נאָר פֿון טויט־שרעק פֿאַר אונטערגאַנג, און האָבן געלאָזן הינטער זיך זייערע אַלע

וואָרצלען, און ביז זיי וועלן שלאָגן נייע — בלוטיקן זיי...) ווי אין גאַנצע פּאָעמעס אָפּיציעלן „נישט גערעגהט״.

און דאָס איז די עיקרדיקע מעלה פון דאָזיקן ווערק. עס איז דיכטעריש־אויפריכטיק. עס איז אַ טיף־יידישע פּאָעמע, וואָס אַזאַ איז נישט געווען אין דער יידישער דיכטונג זייט ביאַליקס העברעאישן „המתמיד״. דאָס וואָס כאַריק האָט זיך נישט דער־שראָקן צו געבן דעם קולמינאַציע־פּונקט פון דער פּאָעמע אין דעם מלמדס טויטן־ליכט, איז אַ באַווייז פאַר זיין אויסגעוואַקסע־נער דיכטערישער מייסטערשאַפט.

עס איז ביז גאָר אינטערעסאַנט אָפּצושטעלן זיך אויפן שוואַכסטן ליד פון דער דאָזיקער פּאָעמע. דאָס איז דאָס ליד מיטן „ליטעראַרישן״ נאָמען „אויב נישט נאָך העכער״, ווו דער דיכטער וויל אַנטקעגנשטעלן דעם אַלט־יידישן יום־כפּור די נייע קאָמיוגיסטן־דעמאָנסטראַציע.

עס איז נישט אַזוי לייכט אַנטקעגנצושטעלן אַזאַ דורותדיק־פאַרוואָרצלטן, מיט אַזוי פיל עמאָציע אָנגעלאָדענעם געפיל — דאָס נייע. מען מוז עס גאָר שטאַרק שפּירן און פאַרמאָגן אַ שטאַר־קע קינסטלערישע קראַפט עס צו געשטאַלטן. ווייזט אָבער אויס, אַז כאַריק האָט טיף געשפּירט, דיכטעריש געשפּירט, דער לערע־רירנס וויזיע פון דעם נייעם שטעטל, אָבער די אַנטי־יום־כפּור־דעמאָנסטראַציע האָט ער בעתן שרייבן געפילט בלויז אָפּיציעל. די שטימונג פון דער לערערין בעתן אָנקומען פון יום־טוב, שיל־דערט כאַריק פּונקט אַזוי גוט און שטאַרק ווי כמעט אַלץ אין דאָ־זיקן טיף־רירנדיקן ווערק:

„דורכזיכטיק. אומעטיק. אין שיין
דערברענען שוין די אָוונטיקע ליפּעס...
וואָס וועט זיין? עס וועט באַלד יום־טוב זיין,
די הייזלעך גיסן אָן זיך מיט יום־כפּור.
אין גרויע הייזלעך ברענען ווייסע ליכט,
און ווייסע יידן גייען צו כל־נדרי.
און ס'האָט די לערערין דערפילט זיך אומגעריכט
אַזוי אַליין. עס יום־טובן נאָך יידן.

באַלד וועט בײַ זיי ווערן העל אין שול,
און אויפֿן גאַס איז אויסגערוט און ליידיק.
זי האָט זיך הייס אַ ריס געטאָן פֿון שטול,
ווי ס'וואָלט איר עמיץ ווייטאָקדיק־באַליידיקט...״

אין די דאָזיקע פּרעכטיקע שורות איז דאָ אַזוי פֿיל אַפּיקורסות, אַז נאָר אַ נס האָט כּאַריקן אָפּגעהיט פֿון שטראָף. (איך האָף, אַז מיט מײַנע רייד וועט מען זיך „דאַרט״ אַזוי ווײַניק רעכענען, אַז דאָס וועט כּאַריקן נישט שאַדן). אָבער נאָך מער אַפּיקורסות איז דאָ אין די ווײַטערדיקע שורות, וואָס דאַרפֿן אייגנטלעך אויס־קויפֿן דאָס פֿריערדיקע. כּאַריק וויל אַנטקעגנשטעלן יום־כּפּור — דאָס נײַע. אָבער פֿאַרוואָס פֿילט זיך דאָס נײַע אַזוי פֿאַריתומט? דערפֿאַר וואָס דאָס אַלטע עלטערט זיך אין אַלטן? פֿאַרוואָס פֿליסט נישט דאָס נײַע אַזוי נאַטירלעך, ווי דאָס אַלטע? די קאָמ־יוגיסטן פֿרעגן:

— „פֿאַרוואָס האָט מען קיין אָוונט נישט געמאַכט?
— „וווהין זאָל מען זיך, חברטע, אַהינטאָן?
אַזוי, אַזוי, אָין עפּעס מוז מען טאָן,
אָך, חברים־ברידער־מײַנע־יאַטן!״

און אין דער דעמאָנסטראַציע פֿילט זיך טאַקע נישט דאָס אוממיטלבאַר־שעפֿערישע, נאָר דאָס אַרויפֿגעצוווּנגענע: מען מוז עפּעס טאָן, כּדי צו פֿאַרטויבן דאָס איינזאַמקייטס־געפֿיל. ווי גיסן נישט אָן די גאַסן מיט יום־טובֿדיקייט, ווי די ייִדן זייערע הײַזלעך. און ווי בלאַס כּאַריק דער דיכטער ווערט:

„זי איז אַוועק.
געבראַכט מיט זיך אַ פֿאָן,
און ס'האָט די פֿאָן, ווי זי אַליין, געפֿלאַטערט.
און איינס נאָך איינס
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
האָט מען צעשטעלט זיך אין דער לענג
און איינס נאָך איינס
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרזינגען זיך שוין אַלע...
דערנאָך, —
ווען יידן זענען זיך פון שול צעגאַנגען,
האָט זיך יעדערן געדאַכט:
אין גרויסער שטילקייט פון דער נאַכט
גייט אויף אַ ליכטיקע פאַלאַנגע,
גייט אויף אַ ליכטיקע פאַלאַנגע
אין ווייסן וווּנדער פון דער נאַכט.
און ס'האָבן יידן זיך פאַרטראַכט"...

אַ מאָדנע זאַך. נאָר וואָס האָט כאַריק געקאָנט איבערצייגן אונז, ווי די לערערין דערפילט זיך אַזוי אַליין, ווי די הייזלעך גיסן זיך אָן מיט יום־כפור, און איצט הויבן מיר נישט אָן צו שפירן, ווי די יידן פאַרטראַכטן זיך. מיר הויבן דאָס נישט אָן צו גלויבן פון כאַריקס רייד. מיר שפירן אַפילו נישט די דעמאָנ־סטראַציע.

כדי מען זאָל נישט שלעכט אויסטייטשן מיינע דאָזיקע באַ־מערקונגען (קלעריקאַליזם!), וויל איך צוגעבן, אַז איך צווייפל נישט אין נייעם לעבנס־אינהאַלט, וועלכער קאָן אויסהאַלטן דעם קאַמף מיטן אַלטן כל־נדרי. אָבער כאַריקס „אויב נישט נאָך העכער" איז פאַר מיר אַן איבעריקער באַוויז (וועלכן כאַריק גיט אַזוי אָפט אויך אין זיין ליריק), אַז מען מוז דאָס דאָזיקע נייע שפירן אַזוי שטאַרק און ט י ף, ווי די אַלטע יידן דעם יום־כפור, כדי עס זאָל ווערן שעפעריש.

מיט אויבערפלעכלעכע מיטינג־לאָזונגען אַליין אָדער מיט פראַזעס („גייט אויף אַ ליכטיקע פאַלאַנגע") וועט מען עס נישט באַווייזן נישט אין לעבן און נישט אין אַ פּאָעמע. מיט די אַלטע בית־מדרש־ליכט האָט כאַריק העלער באַלויכטן דאָס ווערטפולע נייע (די שעפערישע טאַט פון דער לערערין), ווי דורך דער ניי־ער דעמאָנסטראַציע, וועלכע ער האָט אַריינגעבראַכט נישט אין דיכטערישער איבערלעבונג, נאָר אַלס צינז. און דיכטונג קאָן בשום אופן נישט לעבן פון אָפיציעלע צינזן...

דאָס אויבנגעזאָגטע ווערט באַזונדערס קלאָר, ווען מען מישט

יאבער דאָס זייטל מיט דער דעמאָנסטראַציע, און מען לייענט איבער דאָס ליד „יוגנט־יוגנט”. אויך דאָ קומט פאָר אַ פאַרזאַמע־לונג פון דער לערערין מיט דער יוגנט, אָבער אין אַ לעבעדיק־קאָנטאַקט, פול מיט רעאַלער לעבנס־צאַפּלעניש, פול מיט אינטים־איבערגעלעבטן אינהאַלט. סאַראַ וווּנדערבאַרע טענער כאַריק צווישן ווערט דאָ ווידער אַרויס!

„דאָ לעבט אין שטעטעלע אַזויפיל שטיקער יוגנט
גייט דאָס אום און שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט.
וווּהין זאָל מען אַהינטוען
אַזויפיל יונגע און געזונטע הענט?
און פאַרנאַכט
צעיאָגן זיך דאָ ווינטן
און קלאָגן אויף די שטעטלדיקע ווענט...
האָט זי געפּרוווט! — געמאַכט דאָ אַ פאַרזאַמלונג,
זי האָט גערעדט, פון וואָס זי האָט געקענט.
און ס'האָט זיך איר געדאַכט:
זי שטייט דאָ ווי אַ מאַמע
און ציט צו זיי אין ליבשאַפט אירע הענט...
זי האָט מיט ווערטער צערטלעכע און האַרבע
דערציילט זיי ווי מען שטייט ביי אַ מאַשין,
און זיי האָבן געבעטן ביי איר
— „אַרבעט” —
אַלע אירע הונגעריקע זין”...

* *
*

די פּאָעמע „קיילעכדיקע וואָכן” איז אַ הימן פאַרן פינף־יאָר־פּלאַן, פאַר דער פינף־טאָגיקער פּערמאַנענטער אַרבעטס־וואָך. דער פאַרנעם פון דאָזיקן ווערק — געבן די עפּאָפּייע פון דעם אויפבוי־פּיבער אין ראַטנפאַרבאַנד, — איז נישט דער ערך גרעסער פאַרן קליינעם שטח, וועלכן עס פאַרכאַפּט די פּאָעמע „מיט לייב און לעבן”, אָבער די דיכטערישע וואָג פון דער דאָזיקער לעצטער איז נישט דער ערך גרעסער.

אין די „קיילעכדיקע וואָכן" איז די פאָרם נישט וויניקער — און אַמאָל נאָך מער — מייסטערהאַפט, ווי אין „מיט לייב און לעבן". אָבער די דאָזיקע פאָרם־מייסטערשאַפט שטייט על־פי־רוב אין דינסט נישט פון עכטער דיכטונג, נאָר פון רעטאָריק. ווי אין אַ גרויסן טייל פון זיין לידיק, טרעט אָפט אַרויס אין פאָדערגרונט דאָס שרייאיקע. אָנשטאָט צו געפינען ווערטער און בילדער, וואָס זאָלן אונז משתּף זיין אינטים צום גרויסן אויפבוי־ווערק, וועלכן ער באַזינגט, — באַמיט ער זיך אונז מיטצורייסן מיט רעטאָריק:

„אונזער טאָג איז שענער פון טויזנט טאָמאַס מאָרן,
סען סימאָן איז קלענער פון קלענסטן אינזשיניער".

איך רעד דאָ שוין נישט וועגן דער אידעאָלאָגישער פלאַכקייט פון אַזעלכע שורות, נאָר פשוט — זיי ווירקן בלויז אויפן אויער דורך זייערע אויסערלעכע — ריין־רעטאָרישע „מעלות":

„דנעפּראָסטראַקטאָרבוי — לעגענדעס אין פאַרמעסטונג,
שטאָל־מאַגניטאָגאָרסקן — אין רוישיקייט פון גרינס —
וועלן טעג פאַרמאָגן דאָ אויף שענסטער פון פלאַנעטן
מעכטיקייט פון מוסקולן און הערצער פון פאָעטן".

דאָס געפיל, וואָס שטייט הינטער די דאָזיקע פּראַזעאָלאָגישהימנישע אויסגעשרייען, איז נישט פאַרקערפערט געוואָרן. אַנשטאָט לעבעדיקע מענטשן — ווי אין „מיט לייב און לעבן" — לאָזונגען; אָנשטאָט דיכטעריש־שעפערישע סיטואַציעס — ווי דער לערערינס רייזע אין קאָלווירט, איר רעדע, איר קאָנטאַקט מיט דער יוגנט — אַ פּאַרטיקע סכעמע, ווי אָפּגעדרוקט פון אַ קלישע: קולאַקעסשעדיקער און שלאָגלער־אידעאַליסטן; דער קולאַק רייסט איבער אַ קאַבל; די קולאַקעס העצן אויף צוליבן שלעכטן עסן און די שלאָגלער זענען גרייט אָפּצוזאָגן זיך אַפילו פון דעם שלעכטן אויך, — מיט איין וואָרט, די גאַנצע צייט שטרענגט מען אָן דעם זכּרון, ווו האָט מען עס שוין געלייענט? און עס דאַכט זיך, אַז אין זייער אַ סך ווערק פון דער רוסישער ליטעראַטור, און טאַקע פונקט דאָס זעלבע, נאָר אין פּראָזע, נישט ווי דאָ — אין רעטאָריש־ריטמישער.

דער אייגנטלעכער תּוך פֿון דער פּאָעמע איז פֿאָלגנדער: אַ וויסטע טאָרף־געגנט ווערט עקספּלואַטירט, כּדי צו שאַפֿן ליכט און עלעקטרי־קראַפֿט פֿאַר מענטשן און פֿאַבריקן. אין דאָזיקן טאָרפֿיקן זומפּ קומט פֿאָר די שלאַכט פֿאַרן פֿינף־יאָר־פּלאַן. די קולאַקעס ווילן אויסנוצן די שווערע לאַגע פֿון די אַרבעטער, אויפֿרייצן זייערע הונגעריקע מאָגנס, אָבער די פּאַרטיי שיקט „אויף טאָרף״ פּיניען, דעם פּיניע פֿון די „מינסקער בלאָטעס״ („כ'בין דאָך מיט בלאָטעס פֿון לאַנג שוין באַקאַנט״). ער, מיט דער הילף פֿון אַנדערע שלאָגלער, איז גובר די קולאַקישע השפּעות, און סטאַלינסטאַן — דער קוואַל פֿון עלעקטרישער ענערגיע — הויבט אָן צו לעבן.

אַ מאָדנע זאַך: אין דערדאָזיקער פּאָעמע פֿון פֿינף־יאָר־פּלאַן, וואָס איז פֿאַרכלייניעט מיט באַגייסטערונג פֿאַר דער טעכניק, איז דאָס דיכטעריש־שטאַרקסטע און שענסטע גראָד די זייטיקע אָרנאַמענטיק — יחזקאל גאָמבינערס שטוב און די באַלאַדע וועגן גראַפֿס קאַניוך. אמת, אויך אין הויפּט־טייל פֿון דער פּאָעמע זענען דאָ פּרעכטיקע לידער, וואָס אָטעמען מיט עכטער קראַפֿט (ז. 87), אָבער זיי ווערן פֿאַרזונקען אין דעם רעטאָרישן ים.

בעת די אָרנאַמענטאַלע טיילן פֿון דער פּאָעמע — ווי מיר וועלן באַלד זען, — טיילן זיך אויס פֿון איר גאָר גאָר צום גוטן.

איידער כאַריק טרעט צו צו דער אייגנטלעכער טעמע פֿון זיין ווערק — דעם אויפֿבוי־ווערק פֿון סטאַלינסטאַן, — גיט ער אַ פּלאַסטישן בילד פֿון דער וויסטער טאָרף־געגנט, וואָס איז באַדעקט מיט טויטן און לעבעדיקן מאָך. די ערשטע, אַריינפֿירנדיקע טייל פֿון ווערק הייסט „מאָכן״, אַלס סימבאָל פֿון פֿאַרשימלטן אַלטן לעבנס־שטייגער און פֿון דער וויסטער פֿאַרשימלטער געגנט, וואָס האַרמאָנירן מיטאַנאַנדער אין זייער פֿאַרשימלטקייט.

ווי פּלאַסטיש כאַריק מאָלט אין עטלעכע שורות דעם עלנטן פּיין פֿון דער טאָרף־געגנט:

„ליגט אַ געגנט דאָ פֿאַרלאָרן, גאָרע וועלט איז דאָ פֿאַרהאַקט׳

„קויטיק-כליופיק, קויטיק-כליופיק, כלאַם. שלעפּ. כליפּ.
„ווידער טראַקטן, טאָפּעט-טופּעט. רעדער-סקריפּ.
„כאַלופּעס-כאַטקעלעך צעוואָרפן. שטרוי. קין. פּיין.
„זינקען געגנטן אין טאָרפן. וואָס וועט זיין?״

אין דידאָזיקע לעצטע דריי צעוואָרפענע פראַגע-ווערטער
פילט זיך דער גאַנצער שטומער יאוש פון אַ געגנט.
און דער מענטש דאָ?

„ליגט ערגעץ פאַרוואָרפן אַ שטרויענע (?) דאָרף,
„אין שיטערע שינדלעך — אַ שטעטל.
„די גאַנצענע וועלט איז באַוואַקסן מיט טאָרף,
„וועט קיינער נישט קענען שוין רעטן...
„ס'איז ערגיץ אין הימלען פאַראַנען אַ גראַף,
„און ערגיץ — אַ גביר און שררה.
„נאָר מיר זענען עלנט, און מיר זענען שלאָף,
„און מיר זענען גאָרנישט מיט גאָרנישט.
„ווי וואַרעמע מאָכן דאָ הויערט דער שלאָף,
„ווי אייביקע טאָרפן — דער דלות.
„שטעטלעך פאַרמאָגן אַ טכוירענעם רב,
„דערפלעך — אַ פלאַקסענעם גלח״.

און כאַריק שילדערט אין אָריגינעלע, דיכטעריש-שטאַרקע
קאַפּיטלעך דידאָזיקע צווייאיקע וועלט — פון רב און פון גלח,
פון גביר און פון שררה — און דעם איינהייטלעכן דלות איבער
וועלכן זיי הערשן — די וועלט פון זומפּיקן טאָרף, ווו

„....ס'ליגט אַ פּויערל ביי טוכלע שייטערן —
„אַ פּולער טולופּל מיט רעוומאַטיזם״,
און „שטעטעלעך שיקן דעם לעצטן פאַרבלוטיקטן גראָשן״,
און „קומען אַלמנות און ברענגען געשייערטע מעשענע לייכטער.
— „נאַט אייך, רב חזקאל, נישטאָ שוין קיין בעסע-רער משכון״.

די וועלט פון רב און פון גביר איז געשילדערט אין רב יחזקאל פון גאַמבין. כאַריק האָט גענומען שלום אַשס יחזקאל גאַמבינער מיט זיין שטוב און געוויזן אים אין זיין שפע, אָבער אויך פונוואַנען די שפע קומט: ער ווייזט אים אין זיין זעלבסט־צופרידענער הייליק־מוצאי־שבתדיקער שמחה, ווען עס קומט צו אים אין זיין טריף־שפעדיקער שטוב דער רב („איז דער רבי גע־קומען פרום ווי אַן אמן"), דער גבאי, דער חזן, דער שמש, ווען ער שיקט רופן די „פריילעכע כלי־זמרים" („האָבן זיי צעשטעלט זיך אַלע ביי דער טיר. זיי ווילן משמח זיין דעם רבין און דעם גביר").

וואונדערבאַר־פלאַסטיש איז די שילדערונג פונם שבת־זונ־טיק־אַנטאַגאָניזם פון דער איינהייטלעכער עקספּלואַטאַציע־וועלט. אין דעם יידישן רב־יחזקאלשן אַוועקגייענדיקן שבת פלעכט זיך אַריין דעם גלחס אָנקומענדיקער זונטיקדיקער קלויסטער־קלאַנג. דער רב פאַראַכט דעם זונטיק, דער גלח — דעם שבת, אָבערביידע פיינטלעכע וועלטן זענען פאַרבונדן דורכן שררה פון איין זייט און רב יחזקאלען פון דער צווייטער זייט. אינמיטן דעם קאַמף צווישן דעם יידישן אתה־בחרתנו־געזאַנג און דעם קריסט־לעכן שנאהדיקן גלאָקן־קלאַנג, קומט צופאָרן דעם גראַפס קאָניוך — און אַלץ — דער רב, די מלווה־מלכה, דער אתה־בחרתנו־געזאַנג

(„אַ לויב צו געצעלטן פון „שם",
אַ חרפה — צו קינדער פון „חם")

פילט זיך נישטיק לגבי דעם עיקר־העיקרים: דער געשעפטלעכער נסיעה צום פריץ.

דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער קאַפיטל פאַרענדיקט זיך מיט אַ מייסטערהאַפטער סאַטירע אויף יחזקאל גאַמבינער. דער דאָזי־קער יחזקאל גאַמבינער, וואָס האָט נאָר וואָס געשפּילט אַזאַ ראָלע ביי זיך אין שטוב, אין דער גאַנצער יידישער געמיינדע, וואָס די דערפער שיקן אים די ערשטע תבואות און די שטעטלעך דעם לעצטן פאַרבלוטיקטן גראָשן — דער דאָזיקער „יחזקאל הנגיד, המפורסם, הגביר" שטייט און וואַרט אויפן גראַף, וואָס האָט אַ

קלאָרן סאָרטיר, און ער איז דאָרט „פאַרנומען פון יענער זייט טיר"...

„דער גראַף איז אַ גראַף, וועט עס דויערן לאַנג...
ער שטייט? נו איז גוט. זאָל ער שטיין, זאָל ער שטיין.
דער גראַף וועט, מסתמא, באַלד קומען צוגיין".

דעם קעגנזאַץ צו דער אָרימקייט פונם שטרויענעם דאָרף שילדערט כאַריק נישט אַזוי ברייט און פאַרביק, אָבער דאָך מיט גרויס טאַלענט אין דער קאָנויוף־באַלאַדע (ז. 31), וועלכן דער גראַף האָט ליב פאַר זיין טאַנצן נאָך מער פאַר זיין פערד, פאַר זיין פינטשער, פאַר זיין פאַרצייטיקן זייגער, אָבער ווען ער דער־צערנט אַביסל דעם גראַף, שיקט ער אים אין די טאָרפן...

„און ווען ס'האָבן די טאָרפן אַ מענטשן דערשפירט
האָבן זיי אים מיט אַ וואַרימען כליפּ
לאַנגזאַם און רואיק פאַרזויגן"...

די וועלט פון יחזקאל גאָמבינער מיטן גראַף, פון רב מיטן גלח, באַווייזט זיך נאָכאַמאָל אויף אַ געשפּענסטאַרטיקן אופן אין כאַריקס עלעקטריפיקאַציע־פּאָעמע. די דאָזיקע קאַפּיטלען זענען אָבער זייער שוואַך. דער רב, דער גלח און „יחזקאל גאָמבינערס אײדים", אַ גרויסער געלערנטער (די אינטעליגענץ!) ווילן שטערן די בויאונג. זיי קומען זיך צונויף, מען פאַרטראַכט פאַרשווערונגען, פאַרראַט:

„מיין פאָלק דאַרף פאַרבלייבן — אַ שניידער
און שוסטער,
דיין פאָלק דאַרף פאַרבלייבן אַ פאָלק כלעבאָראָבן..."

אָבער עס קומט די ג. פּ. או. און כאַריק רופט אויס פּאַ־טאָסדיק:

„איך גרויס זיך איצט מיט דעם, וואָס אויף מיין ערד
שטייט און וואַכט אַ שטאָלצע ג. פּ. או".*)

*) אַט דאָ איז דער וואָרצל פון כאַריקס לעצטער „דערגרייכונג": זיין

אָבער די דאָזיקע באַגייסטערונג איז אַזוי רעטאָריש פּוסט, פלאַך און נאַריש (זאָל זיין אַז ג. פּ. או. באַשטייט פון הונדערט פּראָצענט אָרנטלעכע מענטשן און זי איז אַ נויטווענדיקייט — איז דאָך דאָס אַ טרויעריקע נויטווענדיקייט! ווי קומט דאָ דיכטערישער פּאַטאָס און נאָך אין אַזאַ ביליקער פאָרם!). די פּאָעמע וואָלט געוווּנען אַ סך אָן די דאָזיקע קאַפּיטלען. זיי פעלן נישט צום רומל.

* * *

דער צווייטער געזאַנג פון 8־טן קאַפּיטל „סטאַלינסטאַן" געהערט צו די ווייניקע דיכטעריש־שיינע שטעלן פון דאָזיקן גרויסן אָבער נישט אויסגעטראָגענעם ווערק. דער דיכטער פאָרט צום יום־טוב פון דער עלעקטראָווניע, וואָס דאַרף געבן ליכט און קראַפט די דערפלעך און שטעטלעך פון זומפּיקן ווייס־רוסלאַנד.

„גאַנצע דריי יאָר האָט די בויאונג געדויערט.
ווייסרוסישער טרויער
אין ציגל פאַרמויערט —
סטאַלינסטאַן.
אויף טאָרפן צעפּוילטע, אויף ברוינע, אויף גרינע,
אין פלינקע טורבינעס
וועט חיות געפינען —
סטאַלינסטאַן.
דורך דיקע געפלעכטן פון אָדערן־דראָטן.
וועט אוראַלטע בלאָטע
איצט אויפגיין געראָטן —
אין סטאַלינסטאַן.
איילט איצט אַ מונטערער צוג בריגאַדירן — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
פעלד. וואַלד.

* נעמיין גראַפאָמאַניש ליד וועגן די 16 דערשאָסענע טראָצקיסטן. נידעריקער קאָן שוין אַ דיכטער נישט פאַלן.

עס ווילט זיך איצט ריידן,
נאָר ווארעמע פריידן
שטיקן אין האַלז.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

הוידע מיך, הוידע מיך, צוג פון מיין יוגנט.
כ'בין היינט מיט יום־טוב ביז איבער באַנוגנט.
נעם איך זיך שטילער צונויף — — —
קינעלקעס ברענען אין גרויען ווייסרוסלאַנד,
ליכטלעך — פאַרחלומט און דין.
מיין טאַטע דער וואָכעדיק־מונטערער שוסטער
אַרבעט ביים קנאַקן פון קין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך וויל נישט. איך וויל נישט. מיין טאַטע
איז מיינער!
איך וויל עס זאָל ליכטיק אים זיין.
און פלוצלונג פאַרציט ער אַ שטילע „סטראַדאַניע"
שלאָף איך אַ קליינינקער איין...
הוידע מיך, הוידע מיך, ציטערן שויבן.
דער צוג נעמט איצט שטחן איין.
מיין לערערין זעט איצט אין ווארימען גלויבן,
ווי ס'קוועלן אָן לעמפלעך מיט שיין...
אין שטעטל, אין יענעם, פון יענער פּאָעמע,
וואָס איך האָב פאַרענדיקט נישט לאַנג,
האָט זי געקענט נאָר דורך נעפלען באַנעמען
דעם ווייסן עלעקטרישן צאַנק...
זי האָט נאָר אין חלום געזעען די טאָרפן,
פון יום־טוב אַזאַ נישט געוווסט.
און כ'האָב זיך צום אָפענעם פענסטער געוואָרפן:
— איך שיק דיר פון דאַנען אַ גרוס!"

כאַריקס לערערין (פון דער פּאָעמע „מיט לייב און לעבן")
האָט געהאַט נאָר וויזיעס פון אַ סטאַלינסטאַן, בעת כאַריק,

איר דיכטער, האָט די װ י ר ק ל ע כ ק י י ט פון אַ סטאַלינסטאַן, און דאָך זענען אירע װיזיעס געװען דיכטעריש־אָנשטעקנדיקער װי זײַנע װירקלעכקייטס־שילדערונגען. אין דער אייגנטלעכער פּאָעמע פון סטאַלינסטאַן איז דער דיכטערישסטער געזאַנג גראָד דער, װוּ עס גייט אויף כאַריקן אַן אָטעם מיטן געמיט־צושטאַנד פון יענער לערערין, אין װעלכער ער האָט פאַרקערפּערט דאָס בעסטע פון זײַן דיכטערישן א י ב ע ר ל ע ב ן און ק ע נ ע ן. דורכן דאָזיקן קאָנטאַקט מיט אַ אינטימען דיכטערישן אינהאַלט איז זײַן רעטאָריק דערװאַרעמט געװאָרן מיט אַן עכט־דיכטערישן שטראָם און מיר דערפילן זיך אין דער געזעלשאַפט פון זײַן פאָטער, זײַן לערערין און פון אים גופא, פון איזי כאַריק — דעם דיכטער.

שאול טשערניכאָווסקי

פון אַלע העברעאישע דיכטער איז טשערניכאָווסקי דער „פּאָע־טישסטער״—סיי לויט זיין לעבן, סיי לויט זיין אויסזען און סיי לויטן תּוך פון זיין שאַפן. טשערניכאָווסקי איז אויך דער איינציקער פון די העברעאישע דיכטער, וואָס נישט נאָר ער שרייבט, נאָר ער לעבט מיט דער דיכטונג פון אַלע פעלקער. אַז מען געפינט צווישן זיי־נע לידער אַן איבערזעצונג פון אַ פרעמד־שפּראַכיקן דיכטער, איז עס נישט קיין קינד פון צופאַל: עס איז אַ סימן פון ליבע און צוגעבונדנקייט צו איינעם פון די אויסדרוקן פון פּאָעטישן וועלט־גייסט. באַזונדערס ליב איז טשערניכאָווסקין דער עפּאָס פון די פעלקער. זיינע איבערזעצונגען אויפן דאָזיקן געביט זענען נישט קיין פּראָדוקט פון אַ ליטעראַרישן בעל־מלאכה, ווי די מער־הייט פּאָעטישע איבערזעצונגען פון שטיבל־פאַרלאַג, — נאָר אַ פריייוויליקע אַרבעט, אַ דורכגעדרונגענע מיט ליבע און שאַפונגס־פרייד. אָנהויבנדיק פון „היאוּתה״, דעם קינסטלערישן פרימיטיוו פון אַמעריקאַנער לאַנגפעלאָו, ביזן אוראַלטן באַבלישן עפּאָס, — צו אַלע פעלקער און תּקופות ציען זיך די פּאָעטישע וואָרצלען פון טשערניכאָווסקין...

* * *

מיר יידן זענען אַן אַלט ליטעראַטור־פאָלק. און שוין פון קדמונים ליידן מיר אויף אַ גרויסן ליטעראַרישן פעלער: מיר טראָגן אין שייער דעם קאָרן צוזאַמען מיטן שטרוי. מיר קענען נישט, אָדער די מסורה האָט אונז אָפּגעוווינט פון דרעשן...

דער תנ"ך, אַלס גאַנצער ספר, איז צונויפגעשטעלט פון מאָנומענטאַל-עפּאָסדיקן שופטים און דער טרוקענער כראָניק „דברי הימים"; פון פרימיטיוו-וווּנדערשיינעם „בראשית" מיטן קעלט-אָניאָגנדיקן ספר כהנים „ויקרא",–און דאָס אַלץ איז אין איין מאָס הייליק. דער ימים-נוראימדיקער פיוט איז צונויפגעשטעלט פון פּאָעטישע פּערל (אַנטשולדיקט פאַרן וואַלוועלן אויסדרוק) און זינלאָזע ווערטער-און גראַמען-קאָלעקציעס. די דאָזיקע מידה איז פון די רעליגיעזע צייטן פאַרבליבן אויך אין אונזער וועלטלעכער ליטעראַטור. אין איין אָטעם רעדט א העברעאיסט אַרויס די פיר נעמען פון די „גרויסע" דיכטער: ביאַליק, טשערניכאָווסקי, שניאור(?!) און יעקב כהן (????) און אַרויסגעבנדיק די געזאַמלטע לידער פון טשערניכאָווסקין (און פון אַנדערע) קענען מיר זיך נישט אָפּזאָגן פון יענעם טייל יוגנטלעכע לידער, וועלכע צעשטערן אָפּטמאָל דורך זייער בייזיין די ווירקונג פון רייפערע און רייפע שאַפונגען. און גראַד די דאָזיקע, פאַרן דיכטער נישט-כאַראַקטעריסטישע לידער, הויבן אים אָן צו רעפּרעזענטירן פאַרן לעזער-עולם און אין זייער שאָטן ווערט באַהאַלטן דאָס שווער-רייפע, דאָס כאַראַקטעריסטישע, דאָס שעפערישע. וואָס לערנט מען ביי אונז אַ קינד צוערשט? ויקרא...

טשערניכאָווסקי ווערט, למשל, באַטראַכט אַלס דיכטער פון ליבע-לידער, הגם די דאָזיקע זענען ביי אים אָדער גאָר שוואַך, ווי דער גרעסטער טייל פון ספר שני פון זיינע „שירים", וואָס זענען אַ נאָכאַמונג פון היינריך היינעס. די ליבע-לידער פון ספר ראשון פון זיינע שירים, און אפילו דאָס גאָר פיינע ליד „הנאוה מדילסברג", זענען אויך ווייט פון עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן רעפּרעזענטירן אַן אייגנאַרטיקע דיכטער-פּערזענלעכקייט.

טשערניכאָווסקי איז אויך באַקאַנט אַלס נאַציאָנאַלער דיכטער. אָבער די גרעסטע טייל פון זיינע נאַציאָנאַלע לידער, אָנהויבנדיק מיטן קינדיש-נאַאיוון „שחקי, שחקי על החלומות" און ענדיקנדיק מיטן באַרימטן מח'דיקן „לנוכח פסל אפולו", זענען נישט מער ווי צינז דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. ר' אליקום השוחטס (פון טשערניכאָווסקיס אידיליע „ברית מילה") געדאַנקען-

איבערלעבונג וועגן אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג איז אַ סך אַ טיפערע נאַציאָנאַלע שאַפונג, ווי אַלע ריין=נאַציאָנאַלע לידער טשערניכאָווסקיס (זע „שירים", „ברית מילה" ז. 234 אודיסא תרע"א).

* * *

טשערניכאָווסקי איז אַ דיכטערישע פערזענלעכקייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. טשערניכאָווסקי איז דער איינציקער, וואָס פילאָזאָפירט נישט אין זיינע לידער, נאָר איז פילאָזאָף. דער וועלט=און לעבנס=געפיל, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זיינע לידער, פליסט נישט אַריין אין זיי פון זיין מח; ער האָט זיין שפּייזנדיקן קוואַל אין טשערניכאָווסקיס גאַנצן פיזישן וועזן. זיין ליד איז קיינמאָל נישט קיין פאָרם פאַר אַ געדאַנק, ווי דער קערפּער איז נישט קיין ווין=אָרט פון דער נשמה. יעדער צעל פון לעבעדיקן קערפּער איז — נשמה; יעדעס געפיל פון טשערניכאָווסקיס אַ ליד איז אַ נאַטירלעכע בליאונג אויפן לעבעדיקן בוים פון זיין אָרגאַנישער וועלט=און לעבנס=אַנשויאונג. און ווייל די וועלט-אַנשויאונג פון טשערניכאָווסקיס פּאָעזיע איז נישט קיין פילאָזאָפישע מח=סיסטעם, נאָר אַן אינסטינקטיווער רעאַגירן פון זיין לעבנס=פּראָצעס, רעדט זי דעריבער נישט צו אונזער באַוווסטזיין, נאָר צו אונזער געפיל, מיר שפּירן זי גיכער, ווי מיר פאַרשטייען זי; מיר פילן איר ווירקונג מער אויף אונזער געמיט=צושטאַנד, ווי אויף אונזער געדאַנקען=גאַנג. מיר קענען, נאַטירלעך, אָנווייזן אויף פאַרשידענע קאָנקרעטע עלעמענטן פון זיין וועלט-און לעבנס=געפיל, אָבער דאָס זענען נישט מער ווי עלעמענטן (הגם וויכטיקע), וועלכע באַקומען זייער גרויסן זין ערשט דורך דער שטימונג צום לעבן און צו דער וועלט, אין וועלכע ס'פירט אונז אַריין דער צויבער פון טשערניכאָווסקיס פּאָעזיע.

ביאַליקס בעסערע לידער קאָן מען לייענען אָפט אַ דאַנק זייער אינהאַלט, אויך צוליב דער פאָרם. טשערניכאָווסקי איז אָבער דער איינציקער העברעאישער דיכטער, וועלכן מען קאָן לייענען אָפט צוליב דער אייגנאַרטיקער געמיט=אויפרעגונג, אין וועלכער זיין פּאָעזיע איז תמיד בכוח אַריינצוואַרפן. און דאָס איז דער

סימן פון פּאָעטישער קראַפט: רעדן אויף דער מו־טער־שפּראַך פון געמיט.

דאָס זענען די וויכטיקסטע עלעמענטן פון טשערניכאָווסקיס וועלט־און לעבנס־געפיל?

דאָס ליד פון קראַפט איז דאָס הייליקסטע ליד פון מענטשן, זאָגט טשערניכאָווסקי אין איינס פון זיינע שענסטע לידער, אין „שירי האדם". און נישט נאָר אין דער וועלט פון מענטשן, אויך די נאַטור איז פאַר טשערניכאָווסקין צום נאָענטסטן אין איר שטורעם־צושטאַנד, ווען זי הערט אויף צו זיין אידילישע נאַטור און ווערט אומבאַצווינגבאַרער עלעמענטן־שפּיל. די שענסטע, די טיפסטע און מעכטיקסטע פון דאָזיקן ציקל קראַפט־לידער איז „בין קברות דור נכר".

איינער פון די וויכטיקסטע באַשטאַנד־טיילן פון טשערני־כאָווסקיס לעבנס־פילאָזאָפיע איז זיין פּאַנטעאיזם. ווער עס האָט ספקות אין דער פרימיטיווער אויפריכטיקייט פון טשערניכאָווסקיס לעבנס־געפיל, זאָל ליינען זיין מוזיקאַלישסטע שאַפונג „שיח קדומים". דאָ איז פאָרם און אינהאַלט אַזוי האַרמאָניש פאַרבונדן ווי אין דער אָרגאַנישער וועלט. קאָמבינירן אַזעלכע שאַפונגען קאָן מען נישט. ערטערווייז איז שווער צו גלויבן, אַז טשערניכאָוו־סקי האָט דאָס דאָזיקע ליד געשריבן ווי אַלע אַנדערע. מיר דוכט, אַז ס'האָט פון אים אין אַ חסד־מאָמענט אַרויסגעזונגען, אַן אַנט־פּלעקונג פאַר אים אַליין, און ערשט שפּעטער האָט ער עס פאַר־צייכנט, ווי מ'פאַרצייכנט אין נאָטן אַן אויסדרוק פון אַ טיפן ניגון.

דאָס זענען נישט אַלע עלעמענטן פון טשערניכאָווסקיס וועלט־געפיל, אָבער די וויכטיקסטע, פון וועלכע עס צעצווייגן זיך אַלע איבעריקע, ווי זעלבשטענדיק זיי זאָלן זיך נישט אויסווייזן אין זייער עקזיסטענץ. סיי זיין באַרימט ליד „שיר עשתורת ובל". סיי זיין הערלעכער לידער־ציקל „מחזיונות נביא השקר" זענען נאָר די בוים־שפּיצן פון די צוויי טיפע וואָרצלען

* * *

אַ באַזונדער אָרט אין טשערניכאָווסקיס שאַפן פאַרנעמען

זיינע אידיליעס. צום ערשטן מאָל האָבן זיי אין דער העברעאי־שער דיכטונג געגעבן געשטאַלטן פון גרויסער שיינקייט און טיפ־קייט. די ערשטע עכטע עפּישע שאַפונגען אין דער העברעאישער דיכטונג, וועלכע האָבן אָבער נישט נאָר דעם דאָזיקן געשיכטלעכן זכות. (אין דער יידישער דיכטונג איז אויך נישטאָ זייער גלייכן).

אָט איז גיטל די רביצין פון „לביבות מבושלות", און ריי־זעלע, איר אייניקל, וועלכע מיר זעען נאָר דורך דער פּריזמע פון דער רביצינס זכרון, אָבער ווי בולט און נאָענט. און ווי פּשוט און אָריגינעל עס איז די פאָרם פון דער דאָזיקער אידיליע. ווי טיף ער שילדערט דאָ דאָס לעבן פון אַ קינד, דעם רייפקייט־פּראָצעס פון אַ מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

אָט איז „ברית מילה", וועמעס פיין־געשניצטע געשטאַלטן עס פאַרלירן זיך אין דעם געשילדערטן לעבן פון יידישן קבוץ אין קרים. ווי געזונט עס איז דאָס לעבן פון די דאָזיקע יידן. מ'פאַרגעסט וועגן גלות, אַזוי פאַרוואָרצלט זענען זיי, אַזוי אומגע־בראָכן, אַזוי איי־גנאַרטיק־שטייגערדיק.

און וועלוועלע שוטה פון „כחום היום"? איז עס דען נישט די שענסטע און טיפסטע קינדערשע געשטאַלט פון דער גאַנצער העברעאישער ליטעראַטור? אוי, וועלוועלע שוטה, וועלוועלע שוטה! ווי ליב מיר האָבן דיך און ווי נאָענט דו ביסט צום קוואַל פון העכסטער חכמה מיט דיין גאַנצער וועלט תמימות, און מיטן „גע־לייטערטן גאָלד" פון דיין הארצן, וועלכע מענטשן האָבן אַ נאָ־מען געגעבן — נאַרישקייט

און צום סוף — „הכּף השבורה", די עכטסטע וועלט־שמערץ־שאַפונג אין דער העברעאישער (און נישט נאָר העברעאישער — אפשר אויך יידישער) דיכטונג. איר פּשטות איז אַזוי גרויס, ווי איר שיינקייט, און איר אויפריכטיקער ערנסט, ווי איר צניעותדיקער מענטשן־געשריי.

און איבער דעם אַלעם איז צעגאָסן אַ הומאָר, וואָס גלאַנצט ווי דער פרימאָרגן־הויך אויף זאַפטיקע, רייפע פירות...

* * *

טשערניכאָווסקין איז ערטערווייז שווער צו פאַרשטיין צו־

ליב זיין שפּראַך. אַנדערע דערקלערן דאָס מיט זיין צושטאַנד פון אַ גר אין דער העברעאישער שפּראַך. איך האָב אָבער תּמיד דעם איינדרוק, אַז מען דאַרף זוכן די סיבה דערפון אין טשער־ניכאָווסקיס אַ מעלה. פאַראַן דיכטער, וואָס די שפּראַך באַהערשט זייער שאַפונגס־אינהאַלט אין מאָמענט פון שאַפן, און דער אינ־האַלט ווערט געפורעמט לויט דער ליניע פון דער שפּראַך: דער אינהאַלט פאַרלירט פון זיין זעלבשטענדיקייט לטובת דער שפּראַך. די שפּראַך איז ביי דעם מין דיכטער אַ האַרטערער מאַ־טעריאַל פאַר זייער געפיל. ביי טשערניכאָווסקין איז פאַרקערט: זיין פאָעטישער אינהאַלט קעמפט פאַר זיין פולער אויסלעבונג. היות אָבער זיין אינהאַלט איז צו ניי און פרעמד געווען פאַר דער באַנייטער העברעאישער שפּראַך, איז זי ערטערווייז געבראָכן גע־וואָרן דורך דער קראַפט פון אָנגרייפנדיקן אינהאַלט. פאַר טשער־ניכאָווסקיס איינצלנע לידער איז עס אַ מינוס, פאַרן אַלגעמיינעם סך־הכּל פון זיין שאַפן אָבער — אַ פּליוס.

אין די אידיליעס, וווּ טשערניכאָווסקי קומט אין באַרירונג מיטן אַרומיקן רעאַלן לעבן און זיין העברעאיש ווערט פאַריידישט (ווי ברענערס), איז טשערניכאָווסקיס שפּראַך פּליסיק, פריי און בויגעוודיק.

* * *

טשערניכאָווסקיס לעצטע לידער־זאַמלונג („שירים חדשים") ווייזט שוין טשערניכאָווסקיס זינקנדע ליניע. אַ סך מאָטיוון זע־נען שוואַכע וואַריאַציעס פון ערשטן בוך. די פאָרם איז אויסער־לעך ראַפינירטער, אָבער אינערלעך ווינציקער אוממיטלבאַר, אָן דער ערשטער פרישקייט און אויפריכטיקער שטאַרקייט. מער פיי־נע מלאכה, אָבער ווייניקער שאַפונג. דער סאָנעטן־ציקל „על־הדם" פאָדערט אַפילו אויף זיך איינצוהערן אין אים, אָבער דער שאַ־פונגס־קלאַנג איז ווייט, ער ווערט קוים דערהערט. דאָס שענסטע פון דאָזיקן בוך איז דער סאָנעטן־ציקל „לשמש". דאָ טרעפן זיך סאָנעטן און שורות, אין וועלכע ס'אַנטפּלעקט זיך טשערניכאָווסקי דער שעפער. „בסתר יער" איז אַ שוואַכער וואַריאַנט פון „שיח

קדומים״. אין דער אידיליע „חתנתה של אלקה״ איז מער נישט געבליבן ווי די פאָרם. די געשטאַלטן זענען נישט לעבעדיק און זיי ווערן אונז אויף קיין איין מינוט נישט נאָענט. די לאַנגע באַשרייבונגען פון דער כלה און פון דער חתונה קענען אויף קיין איין מאָמענט נישט אויסהאַלטן דעם פאַרגלייך מיט דער באַשרייבונג פון ברית און פון דער יונגער קוואַטאָרשע אין „ברית מילה״. טשערניכאָווסקי האָט אין דער דאָזיקער אידיליע נאָך אַמאָל געפּרוווט זינגען דאָס געזאַנג פון סטעפּ. מען דאַרף מאָנט זיך גלייך די אומפאַרגעסלעכע זייטלעך פון סטעפּ־געזאַנג אין „ברית־מילה״ (ז. 231 און ו.), וואָס וואָלט געקאָנט פאַרנעמען אַ חשובן אָרט אין אַן אַנטאָלאָגיע פון אייראָפּעאישער דיכטונג, — און דער פאַרגלייך פאַלט אויס פאַטאַל פאַר „חתנתה של אלקה״.

* * *

פון אַלע העברעאישע דיכטער פון ווערט, איז טשערניכאָווסקי צום ווינציקסטן באַקאַנט דעם יידישן לייענער. אין יידיש זענען דאָ געציילטע איבערזעצונגען פון זיינע לידער און די רוסישע איבערזעצונג פון זיינע לידער (כאָדאַסעוויטשעס) איז אויך נישט באַקאַנט דעם יידישן עולם, ווי דאָס איז דער פאַל מיט זשאַבאָטינסקיס רוסישער איבערזעצונג פון ביאַליקן. און טשערניכאָווסקי וויל איבערגעזעצט ווערן אין יידיש. באַזונדערס נויטיק איז אַריינצובריינגען אין דער יידישער ליטעראַטור זיינע אידיליעס. דאָס פאַרדינט נישט נאָר טשערניכאָווסקיס גרויסער דיכטערישער טאַלאַנט, נאָר נאָכמער — דער יידישער לעזער־עולם.

אינהאלט:

I. דוד בערגעלסאָן: — זייט

א. „מידת הדין" 5

ב. דאָס יידישע שטעטל אונטערן רעפלעקטאָר פון קלאַסנקאַמף 15

ג. ביראָבידזשאַנער אַפּנויג 28

II. איציק מאַנגער:

א. דער באַנייער פון דער באַלאַדע 37

ב. ווי אַ צווייגל אין ווינט... 53

ג. די יידישלעכע אבות 65

ד. דאָס ליד פון אומבאַקאַנטן דיכטער . . . 74

III. אליעזר שטיינבאַרג:

א. דער פאָלקסטימלעכער דיכטער 83

IV. י. נ. שטיינבערג:

א. „דער וועג פון פיין" 97

ב. „דו האָסט געזיגט, מאַכנאַטשאָוו!" 102

ג. דאָס צינגל פון געוויסן 109

ד. „אין שטורעם פון דער צייט" 115

ה. די אייביקע מאַרטירערין. 124

V. שעטנז:

א. י. ח. ברענער 133

ב. שלום אַש און זיין שטעלונג צו יידיש . . 138

ג. גרויסער ריקצוג — אונטער יובל-געזאַנגען . 149

ד. וואלטער ראַטענאַו 162

ה. מ. אַ. גערשענזאָנס יידישער חשבון-הנפש . 167

ו. איזי כאַריק. 176

ז. שאול טשערניכאָווסקי 203

י. נ. שטיינבערג

זכרונות פון א פאלקס - קאמיסאר

פ ר ײ ז 3.55 זל.

,,די דאָזיקע זכרונות זענען נישט אַזוי פאַרבונדן מיטן פאָלקס־קאָמיסאַר, ווי מיט דער רעוואָלוציע, מיט די הויפּט־פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציע: די וואָגשאָלן פון גוואַלט און טעראָר און דעם צינגל פון געווויסן. די דאָזיקע אייגנט־מלעכקייט פון די ,,זכרונות פון אַ פאָלקס - קאָמיסאַריי גיט זיי צו אַ ברייטערן ווערט, ווי פּערזענלעכע דערינערונגען. אפילו דאַן, ווען מיר קומען אין דירעקטער באַרירונג מיטן יוסטיץ־קאָמיסאַר, פילן מיר אים גיכער אַלס רעפּרעזענטאַנט פון אַ באַשטימטער שיטה אין דער רעוואָלוציע, ווי אַלס אינדיווידועל־אָפּגעגרעניצטע פּערזאָן.

די ,,זכרונותיי פאַרמאָגן אַ גרויסע מעלה: זיי פירן אַריין אין יענע העראָאישע און טראַגישע טעג פּלאַסטיש און עמאָציאָנעל. די ,,זכרונותיי וואַקסן אַריבער זייער פּובליציסטישע ראַם און ווערן — קינסטלעריש־בעלעטריסטיש. עס וואַקסן אויס פאַר אונז לעבעדיקע געשטאַלטן און כאַראַקטערן: לעניַן, דזשערזשינסקי, פּראָשיאַן״...

,,די צוקונפטיי.

קאַכאָווסקאַיאַ אירינאַ

אין שטורעם פון דער רוסישער רע-וואלוציע

פ ר ײ ז 1.60 זל.

דאָס בוך באַשרייבט אַן אויסגעפירטן און צוגעגרייטן אַטענטאַט אויף אַ דייטשישן און אַ רוסישן גענעראַל דורך די רוסישע לינקע סאָציאַל - רעוואָלוציאָנערן. אַ שטיק רוסישע רעוואָלוציע און בירגער - קריג ווערט באַלויכטן אין שיין פון די דאָזיקע געשעענישן. אַ בוך פון העלדישקייט, וואָס איבעראַשט אפילו אין דער עפּאָפּייע פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע. עס דאַכט זיך, אַז עס זענען צוריק אויפגעשטאַנען תחית - המתים די גרויסע געשטאַלטן פון דער רוסישער ,,נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״.

און די פּשטות, מיט וועלכער עס ווערן דערציילט די איבערמענטשלעכע העלדישקייטן!

נעבן מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ איז קאַכאָווסקאַיאַ איינע פון די שענסטע פרויען - געשטאַלטן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע איז אַזוי רייך אין וואונדערבאַרע פרויען.

סאַווינקאָוו ב.

זכרונות פון א טעראריסט

פ ר ײ ז 5.50 זל.

סאַווינקאָווס „זכרונות" זענען אַ שטיק העלדן - עפּאָס פון דער סאָציאַל - רעוואָלוציאָנערער קאַמף - אָרגאַניזאַציע. דאָ קומט צום וואָרט נישט נאָר דער פירער פון דער קאַמף - אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך סאַווינקאָוו דער גלענצנדער שריפטשטעלער. און דער רעזול־טאַט איז: אַ שפּאַנענדיק־פאַרבנדיק בוך.

י. ראַפּאָפּאָרט שרייבט וועגן דאָזיקן בוך אין נ"ג 7—8 „פרייע שריפטן":

„...איין גלייכע ליניע ציט זיך פון וועראַ פיגנערס „מעמואַרן" איבער סאַווינקאָווס בוך צו קאַכאָווסקאַיאַס „אין שטורעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע". איין גלייכער, אַלץ ווייטער געשפּינענער פאָדים פון העלדישקייט, וואָס גרעניצט מיט מיטאָס, פון ריינקייט, וואָס גרעניצט מיט הייליקייט... סאַווינקאָווס בוך איז דער מיטל־סטער רינג פון דער דאָזיקער גאָלדענער קייט אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג"...

אַנדזשעליקא באַלאַבאַנאָוו

זכרונות און איבערלעבענישן

פ ר ײ ז —.4 זל.

אַ רייך בוך. אַן אויסערגעוויינלעך - אינטערעסאַנטער פּאָליטישער און מענטשלעכער דאָקומענט. די שטאַרקע פּערזענלעכקייט פון אַנדזשעליקא באַלאַבאַנאָוואַ, די קאָריפייען פון סאָציאַליזם, מיט וועלכע זי האָט זיך געטראָפן — זשאָרעס, בעבעל, לענין, טראָצקי און נאָך און נאָך, — טרעטן אַרויס אין זייער גאַנצער גייסטיקער גרויס. און דאָך איז דער עיקר פון דאָזיקן ווערק נישט באַלאַבאַ־נאָוואַס פּערזענלעכקייט, נישט אירע אינטערעסאַנטע באַגעגענישן און דערינערונגען, נאָר די געשיכטע פון סאָציאַליזם אין משך פון קריג: דער צוזאַמענבראָך פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, די העראָ־אישע צימערוואַלד - באַוועגונג, די גרינדונג פון דריטן אינטער־נאַציאָנאַל און דער גייסטיקער באַנקראָט פון קאָמאינטערן. באַזונ־דערס וויכטיק זענען די צוויי טיילן פון ווערק, וועלכע קלערן־אויף די סיבות פון באַנקראָט פון קאָמאינטערן און פון דער אַנטשטיי־אונג פון פאַשיזם אין איטאַליע. באַלאַבאַנאָוואַ, וועלכע האָט אַ גאַנצן לעבן געקעמפט אין די רייען פון איטאַליענישן סאָציאַליזם, וועלכע האָט אַרויסגעפירט פון אומבאַקאַנטקייט מוסאָליניען, — באַלאַבאַנאָוואַ גיט אַן אויסשעפּנדיקן אַנאַליז פון פאַשיזם און זי צעשמעטערט ענדגילטיק די לעגענדע וועגן מוסאָלינים גרויסקייט.

י. נ. שטיינבערג

דאָס מאָראַלישע פּנים פון דער רעוואָלוציע

פּ ר ײ ז 8.50 זל.

שטײנבערגס בוך באַהאַנדלט אײנס פון די אָנגעװײטאָקסטע פּראָבלעמען: דאָס פּראָבלעם פון טעראָר. זײן שטעלונג צום דאָזיקן פּראָבלעם — אַ דיאַלעקטיש־גײסטיקע אין קעגנזאַץ צו דער מעכאַנישער — װערט באַהאַנדלט מיט דער גאַנצער מײַסטערשאַפט פון דאָזיקן פּרעכטיקן סטיליסט און שעפערישן פּובליציסט. באַזונדערס פּראַכטפול איז זײַן אַנאַליז פון די צװײ הױפּט־געשטאַלטן פון דער גרױסער פראַנצױזישער רעװאָלוציע: דאַנטאָן און ראָבעספּיער. — דורך די דאָזיקע צװײ היסטאָרישע געשטאַלטן מאַכט שטײנבערג באַזונדערס בולט זײַן שטעלונג צו דער דאָזיקער פראַגע: דאַנטאָן איז דער שעפערישער מאָמענט אין דער רעװאָלוציע און ער װענדט אָן דעם טעראָר נאָר אין פאַל פון נויטװענדיקײט — אַ מינוט נישט לענגער — און דאָס אויך מיטן טיפן מענטשלעכן טרויער, ראָבעספּיער איז דער מעכאַניש־טויטנדיקער עלעמענט פון דער רעװאָלוציע, װעלכער װענדט אָן דעם טעראָר קאַלט, און װעלכער שיקט אויף דער גילאָטינע צוזאַמען מיט די קרבנות אויך די רעװאָלוציע גופא.

העגדריק דע־מאַן

פּסיכאָלאָגיע פון סאָציאַליזם

מיט אַ פאָררעדע פון י. נ. שטײנבערג

2 בענדער **פּ ר ײ ז —.4 זל.**

„דאָס בוך פון באַקאַנטן בעלגישן סאָציאַליסט האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק אין די סאָציאַליסטישע קרײַזן פון מערב־אײראָפּע. די קריטיק פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַװעגונג האָט אויפגערודערט די געמיטער...

„דע מאַנס בוך איז װיכטיק ביז גאָר. ער דריקט אויס אַ „חשבון־הנפש" פון אַן ערלעכן און ערנסטן סאָציאַליסטישן פירער. דאָס דערשײנען פון דע מאַנס באַרימטן בוך אין ײדיש דאַרף באַגריסט װערן. מ'דאַרף װינטשן, אַז װאָס גרעסערע מאַסן ײדישע סאָציאַליסטן אויף בײדע זײַטן ים זאָלן עס קויפן און לעזן".

ד"ר הערמאַן פראַנק אין דער „צוקונפט" (ניו־יאָרק).

ח. װאָלף

עטישער סאָציאַליזם

פּ ר ײ ז. 2.90 זל.

„זײן (ח. װאָלפס) מײן איז די פאָרטיפונג, די פאַרמענטשלעכונג פון דעם לעבן, נישט די באַרײכערונג פון דער ליטעראַטור.

ער האָט נישט געשריבן קיין בוך, נאָר אַ ספר, אַ מוסר־ספר. אַ בוך וויל געלייענט ווערן, אַ ספר איז אַ וועגווייזער.

דער פּראָפעסאָר פון „עטישן סאָציאַליזם“ וויל אונז ווייזן דעם וועג, וואָס מיר זאָלן גיין אויף אים. ער זוכט נישט קיין לייענער און קיין באַוווּנדערער פון זיין קונסט. ער זוכט מענטשן, מיט־מענטשן. ער וויל צוזאַמען מיט זיי זיך אויסלעבן — עטיש, סאָציאַליסטיש, קינסטלעריש, פילאָזאָפיש. ער וויל מיט זיי צוזאַמען שאַפן אַ סביבה, וווּ אמת, יושר און שיינקייט זענען נישט קיין פאַנטאַזיעס, נישט קיין אידעאַלן, נאָר ווירקלעכקייטן...

עס איז דעריבער מער ווי אַ בוך, אויך מער ווי אַ ספר, עס איז אַ מאַניפעסט, אַן עוואַנגעליע“...

ש. ניגער, ניו־יאָרקער „טאָג“.

„ה. וואָלפס „עטישער סאָציאַליזם“ איז אַ וויכטיקע און דערפרייענדיקע דערשיינונג אין דער יידישער ראַדיקאַלער ליטעראַטור. עס הויבט אויף און שטעלט אַוועק מיט דער גרעסטער שאַרפקייט די גרונט־פראַגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ה. וואָלף דערהויבט זיך אויף גאָר אַ הויכער מדרגה פון סאָציאַליסטישן אַנאַליז. מיט אַ ליידנשאַפטלעכן בליק נעמט ער אַרום כמעט אַלע געביטן פון לעבן פון מאָדערנעם מענטשן — און ער שאַנעוועט זיי נישט אין פייער פון אַ צעשמעטערנדיקער קריטיק. וויסנשאַפט, קונסט, פּאַרטיי, סאָציאַליסטישע באַוועגונג, פּרעסע, דעמאָקראַטיע — אַלץ ווערט אומברחמנותדיק דעמאַסקירט אין זייער טאָפּלטער נאַטור. הינטער דעם „וואָרט - שקר“ ווערט אַנט־פּלעקט דער חיהשער פּנים פון דער מאָדערנער וועלט“.

י. נ. שטיינבערג.

גוסטאַוו לאַנדויער

די רעוואָלוציע

פּ ר יי ז 1.75 זל.

„אין די שריפטן פון לאַנדויער בכלל זענען דאָ אַ סך געדאַנקען, הינטער וועלכע עס שטייען גרויסע קענטעניש און דער־פאַרונגען, צוזאַמענגעפּרעסט אויף אַ קליינעם פּלאַץ און אויסגעדריקט אין שאַרפע פאָרמולירונגען. באַזונדערס איז דער דאָזיקער כאַראַקטער בולט אָט אין דעם בוך „רעוואָלוציע“, וועלכער מאַרשירט דורך אין אַ אייליקן טעמפּאָ דורך דער געשיכטע פון אַלע צייטן. עס איז דאָ נאָר אַ קליינע צאָל באַרימטע ווערק, וועלכע מען קאָן פאַרגלייכן מיט דעמדאָזיקן בוך“.

מאַקס נעטלאַו

ביכער און בראָשורן פון זעלבן מחבר

ביז איצט דערשינען:

אויף די וועגן פון דער נייער אייראָפּעאישער ליטעראַטור
ערשטער באַנד.

אויף די וועגן פון דער נייער אייראָפּעאישער ליטעראַטור
צווייטער באַנד.

גוסטאַוו לאַנדויערס טראַגיש לעבן.

פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור — פּראָ און קאָנטראַ.

דוד איגנאַטאָוו — דער ראָמאַנטיקער.

לויט דער לעצטער מאָדע.

די „ליט. בלעטער״, זייער רעדאַקטאָר און אונזער ליטעראַרישע סביבה.

גרייט צום דרוק:

אויף די וועגן פון דער נייער אייראָפּעאישער ליטעראַטור
דריטער, פערטער און פינפטער באַנד.

צווישן יאָ! און ניין! צווייטער באַנד.

אין רויש פון קאַמף (קריטיק, עסיי, פּאַמפלעט).